STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 02551

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אונזער אַלטען אוצר

(דריטע זאַמלונג)

געקליבענע פערל פון אונזערע אַלטע קוואַלען און
כל׳ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה

געזאַמעלט און בעאַרבייט
פון ב. ראָזענזאָהן

פינפטער באַנד

בראשית
שמות
ויקרא

וואַרשאַ — תרצ״ו

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פֿון
טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבערזעצען,
בעהאַלט דער מחבר פאַר זיך.

Copyright 1936 by M. JUSTMAN, Warszawa, Twarda 16/6

Printed in Poland

B. JEUSZSOHN
FUN UNZER ALTEN OJCER
Warszawa 1936.

Druk. „Grafia", Nowolipki 7.

ספר בראשית

בְּרֵאשִׁית

בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (א. א.)

בעת רבי לוי יצחק בערדיטשעווער איז זיך איינמאָל צונויפגעקומען מיט רבי שניאור זלמן מלאדי, האָט ער זיך פאַר איהם מתנצל געווען, אַז ער ליידט שטאַרק דערפון, וואָס ער איז נאָך נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה, צו קאָנען דינען דעם אויבערשטען אָהן אַ שום פערזענליכע פניה און נגיעה.

דערויף האָט איהם רבי שניאור זלמן געטרייסט, אַז אויך דער רבונו של עולם, וואָס פון זיינע מדות דאַרפען מיר זיך אָפּלערנען, האָט אין זיינע מעשים אַ פערזענליכע נגיעה, דען עס שטעהט דאָך: „כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא ברא אלא לכבודו״ (אבות פרק ו׳, יא.).

— עס איז נישט קיין פערגלייך — ענטפערט רבי לוי יצחק — ביים רבונו של עולם איז דאָך די נגיעה — לשם שמים...

„בראשית ברא, אין המקרא הזה אומר אלא דרשוני וכו׳״ (רש״י)

רבי ישראל ריזשינער פלעגט שטאַרק פעראיבעל האָבען אויף יענעם מין מגידים, וועלכע צוקאַלעטשען די פסוקים, אַרויסדרינגענדיג פון זיי די פערשידענסטע זאַכען, וואָס זענען פאַר זיי נויטיג. און ער פלעגט זאָגען: „בראשית ברא, אין המקרא הזה אומר״ — באַלד דער ערשטער פסוק פון דער תורה בעט זיך רחמים ביי די דרשנים, אַז נישט אַנדערש, אלא, נאָר — „דרשוני כמו שדרשו חז״ל״ — דרשנט מיך אויפ׳ן זעלבען שטייגער און אופן, ווי עס טהוען די חז״ל — „בשביל התורה וכו׳ ובשביל צדיקים״ — אָדער איהר זאָלט דערמיט אויסען זיין צו זאָגען אַ ריכטיגען פשט אין דער תורה, אָדער „בשביל צדיקים״, אָנצווייזען דעם עולם דעם דרך צדיקים און איהם מעורר זיין צו תשובה און מעשים טובים...

ואת המאור הקטן לממשלת הלילה ואת הכוכבים... (א. טז.)

„ואת הכוכבים — על ידי שמיעט את הלבנה הרבה צבאיה להפיס דעתה" (רש"י)

וואס פאר א פיוס און בעפרידיגונג איז דאס פאר דער לבנה, וואס מען האט אויך בעשאפען שטערען? אנטקעגן דער זון איז זי דאך נאך אלץ געבליבען דער „המאור הקטן"?

דער פיוס איז בעשטאנען אין דעם, וואס אנשטאט צו זיין די קלענסטע, האט מען איהר געוויזען, אז ס'זענען פאראן נאך קלענערע פון איהר. פאר די יעניגע, וואס ליידען פון קנאה, איז אויך דאס גופא שוין א געוויסע בעפרידיגונג...

(תורת יהודה)

ויאמר אלקים נעשה אדם... (א. כו.)

בשעת בריאת האדם, ווערט געזאגט אין מדרש, האבען חסד און צדק מסכים געווען: „יִבָּרֵא", דער מענש זאל בעשאפען ווערען, דאגעגען שלום האט געטענה'ט: „אל יִבָּרֵא שכולו קטטות", און דאס זעלבע האט אויך געזאגט דער אמת: „אל יברא שכולו שקרים". „מה עשה הקב"ה? נטל אמת והשליכו לארץ". פרעגט מען: פארוואס האט מען גראד אראבגעווארפען דעם אמת, נישט דעם שלום?

נאר לעולם האבען ביידע בעלי-דברים א ביסעל מגזם געווען מיט זייערע טענות, אז „כולו קטטות" און „כולו שקרים", דען א געוויסע מאס שלום און א קליינע דאזע אמת איז נאך פארט פאראן אויף דער וועלט. איז בנוגע דעם שלום, מעג ער א ביסעל מגזם זיין, דען אזוי איז שוין די טבע זיינע, דער שלום טרייבט שטענדיג א ביסעל איבער... דאגעגען דער אמת, אויב ער איז מגזם, איז עס דאך אויס אמת, און מיט זיין טענה: „שכולו שקרים", האט ער אליין געזאגט שקר... און דעריבער — „והשליכו לארץ".

(משל ומליצה)

דעריבער האט מען דעם אמת אראבגעווארפען אויף דער ערד, ווייל דא, אויף דער ערד, וועט ער זעהן, אז עס איז נישט מעגליך אויסצוקומען אויף דער וועלט בלויז מיט'ן אמת...

(אסם בושם)

צווישען די פערשידענע טענות, וואס די מלאכים האבען ארויסגעשטעלט געגען בריאת האדם, איז אויך געווען די טענה: „אל יִבָּרֵא, שכולו קטטות", אז עס ליגט איהם נישט צו בעשאפען, דען ער וועט זיך פערנעהמען בלויז

מיט מחלוקת און קריגערייען. בשעת אָבער השי״ת האָט דערזעהען, אַז „מלאכי השרת מדיינין אלו עם אלו״, אַז צוליב דער דאָזיגער פראַגע הויבען זיך אָן די מלאכים אַליין אַרומצוקריגען, האָט ער בעשלאָסען נישט צו רעכענען זיך מעהר מיט זייער מיינונג און איהם יאָ צו בעשאַפען, ווארום מען קאָן דאָך נישט פערלאַנגען פונ׳ם מענשען, אַז ער זאָל נאָך זיין בעסער פון די מלאכים...

(חדושי הרי״ם)

„כל אדם שיש בו גסות הרוח כאלו כפר בעיקר״ (סוטה ה׳)

פאַרוואָס איז „כאלו כפר בעיקר״? —

האָט געענטפערט דערויף דער רבי ר׳ העשיל: פונ׳ם פסוק „נעשה אדם״, ווייל ער איז געשריבען בלשון רבים, האָבען די מינים אַרויסגעדרינגען, אַז עס זענען פאַראַן, חלילה, שתי רשויות, באמת אָבער, ווי עס ערקלערען די חז״ל, איז עס דעריבער געשריבען בלשון רבים כדי „ללמוד דרך ארץ ומדת ענוה שיהא הגדול נמלך ונוטל רשות מן הקטן״. קוים אָבער איז איינער אַ בעל-גאוה, אַ גס-רוח, בעווייזט ער דאָך דערמיט, אַז ער האַלט נישט פונ׳ם דרש, אַז דערפאַר איז „נעשה אדם״ געשריבען בלשון רבים, „כדי ללמד דרך ארץ ומדת ענוה״, און לויט איהם קומט דאָך אַלזאָ אויס, אַז עס זענען, חלילה, געווען שתי רשויות, און דעריבער — „כאלו כפר בעיקר״.

ותתן גם לאישה עמה ויאכל... (ג. ו.)

„שלא תמות היא ויחיה הוא וישא אחרת״ (רש״י)

פונוואַנען איז דער דאָזיגער דרש געדרינגען דאָ פון פסוק? —

פון וואָרט „עמה״, דען עס וואָלט דאָך גענוג געווען עס זאָל שטעהן: „ותתן גם לאישה ויאכל״? „עמה״ בעדייט, אַז זי האָט אויפגעפאַסט, ער זאָל עסען צוזאַמען מיט איהר, גלייכצייטיג, מורא האָבענדיג צו עסען פריהער, טאָמער וועט דער טויט קומען מאָמענטאַל, ווי נאָר זי וועט אָנהויבען צו עסען און דאַן — „ויחיה הוא וישא אחרת״...

(קול מבשר)

ותפקחנה עיני שניהם וידעו כי ערומים הם... (ג. ז.)

געמיינט האָבען זיי, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלען פערזוכען פון עץ-הדעת און עס וועלען זיך עפענען זייערע אויגען און זיי וועלען דערגרייכען צו דער מדרגה פון „לדעת טוב ורע״, וועלען זיי זיך פיהלען העכסט גליקליך, לסוף זענען זיי פון דעם אַלעם בלויז דערגאַנגען — „כי ערומים הם״, אַז זיי זענען נאַקעט... און אַזוי איז עס אויך ביז׳ן היינטיגען טאָג: „ויוסיף דעת

יוסיף מכאוב״. וואָס מעהר דעת מען פערזוכט, אַלץ מעהר פיהלט מען זיך נאַקעט, אַלץ פיינליכער איז דאָס געפיהל וועגען דער אייגענער נישטיגקייט און מינדערווערטיגקייט... (רבי יצחק אליהו לאנדוי)

האשה אֲשר נתת עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל... (ג. יב.)

דו, רבונו של עולם, האָסט דאָך מיר געגעבען די דאָזיגע פרוי. צי דען אַליין האָב איך נישט געדאַרפט האָבען קיין צוטרוי צו דער פרוי, וואָס דו אַליין האָסט מיר געשדכנ׳ט, און צו דער שפייז וואָס זי האָט מיר דערלאַנגט?... (לויט׳ן אור החיים)

ואיבה אָשית בינך ובין האשה... (ג. טו.)

„אתה לא נתכוונת אלא שימות אדם וכו׳ ותשא את חוה״ (רש״י)

היתכן? ווי איז עס מעגליך און ווי געשיקט זיך עס צו זאָגען, אַז דער נחש זאָל זיך מזדווג זיין מיט חוה׳ן?

נאָר וואַהרשיינליך, אַז דאָס וואָרט „ותשא״ האָט דאָ די בעדייטונג פון „ותשיא״, אָנרעדען, פון לשון „הנחש השיאני״, און דער פשט איז: „אתה לא נתכוונת אלא שימות אדם וכו׳ ותשיא את חוה״, נאָך אדמס טויט וועסטו דאַן קענען אָנרעדען איהר צו די פערשידענסטע שלעכטע זאַכען... (פני תורה)

אל האשה אָמר הרבה אַרבה עצבונך וְהֵרוֹנֵךְ... (ג. טז.)

„עצבונך זה צער גידול בנים והרונך זה צער העיבור״ (רש״י)

טאָ פאַרוואָס שטעהט נישט „הרונך״ פריהער? דער צער-העיבור איז דאָך פריהער, פאַר׳ן צער גידול בנים?

נאָר קין והבל, ווי עס זאָגען די חז״ל (סנהדרין ל״ח), זענען געבוירען געוואָרען פאַר׳ן חטא פון עץ-הדעת און ביי זיי, אַלזאָ, האָט נאָך חוה נישט געוואוסט פון קיין צער-העיבור, וממילא קומט אויס, אַז פריהער איז זי נענש געוואָרען מיט צער גידול-בנים און ערשט שפעטער, ביי די אַנדערע קינדער— מיט צער העיבור... (פרח לבנון)

ויהי מקץ ימים וַיָבֵא קין מפרי האֲדמה מנחה (ד. ג.)

אין „כלי-יקר״ ווערט געזאָגט אויפ׳ן דאָזיגען פסוק, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע גבירים, וואָס ערשט אויף דער עלטער, „מקץ ימים״, ווען זיי

פיהלען זיך שוין קראַנק און צובראָכען, ווערען זיי פרום. און ערשט דאַן הויבען זיי אָן צו ברענגען מנחות און טיילען צדקה.

און דערפאַר — ווערט דערויף צוגעגעבען — בעטען מיר אין דער תפלה פון ראש-חודש בענשען אויף „חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא". דען אין יראת-חטא נויטיגט זיך דער מענש אין דער יוגענד, ווען ער איז פריש און געזונד און פול מיט תאווה, דאַגעגען אויף דער עלטער איז נויטיג בעיקר יראת-שמים, נישט קיין יראת-חטא, דען ער האָט דאַמאָלס מעהר נישט קיין תאווה צו זינדיגען. מיר בעטען, אַלזאָ, אַז מיר זאָלען דורכגעדרונגען ווערען מיט יראת-שמים אין דער זעלבער צייט, בעת מיר געפינען זיך אין צו-שטאַנד פון יראת-חטא — אין די יונגערע יאָהרען... (זר זהב)

זה ספר תולדות אָדם... (ה. א.)

דער ווילנער גאון טייטשט דעם דאָזיגען פסוק גאַנץ איינפאַך: „זה ספר", דאָס דאָזיגע ספר, בראשית, „תולדות אדם", ענטהאַלט די תולדות פון אדם-הראשונ'ען, די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון די דורות, ביז עס זענען ענטשטאַנען די בני ישראל. ערשט דאָס צווייטע ספר, שמות, הויבט זיך אָן מיט „ואלה שמות בני ישראל", די תולדות פון ישראל... (אדרת אליהו)

ויחי אָדם שלשים ומאַת שנה ויולד בדמותו כצלמו... (ה. ג.)

„כל אותן השנים שהיה אדם הראשון בנדוי הוליד רוחין ושידין ולילין, שנאמר ויחי אדם שלשים ומאת שנה ויולד בדמותו כצלמו, מכלל דעד האידנא לאו בצלמו אוליד" (עירובין י"ח)

דערויף בעמערקט רבי צבי הירש חיות, אַז דער מורה-נבוכים ברענגט דעם דאָזיגען מאמר אַלס מדרש, ווערענד אין מדרש, וואונדערט ער זיך, געפינט זיך גאָר כלל נישט אַזאַ מאמר.

באמת אָבער איז עס אַ בפירושער מדרש-רבה (בראשית רבה פרשה נ'): „אמר רבי סימון כל מאה ושלשים שנה רוחות נקבות מתחממות מאדם ומולידות ממנו"...

ויתהלך חנוך את האלקים ואיננו כי לקח אותו אלקים... (ה. כד.)

„צדיק היה וקל בדעתו לשוב להרשיע לפיכך מיהר הקב"ה וסילקו" (רש"י)

אויב ער איז געווען בחזקת צדיק, טאָ פאַרוואָס עפיס האָט מען איהם חושד געווען, אַז ער וועט ווערען אַ „קל בדעתו להרשיע"?

נאָר דאָס וואָרט „להרשיע״ איז אַ פועל יוצא און האָט דאָ די בעדייטונג, ווי „הלל מחייב עשירים״, און דער פשט איז: צוליעב דעם, וואָס חנוך איז געווען אַ צדיק אין אַ דור פון רשעים, איז ער מיט זיינע מעשים עלול געווען צו בעשולדיגען און צו דיענען אַלס קטרוג און מזכרת-עון פאַר דער וועלט, ווי די צרפתית האָט געזאָגט צו אליהו׳ן: „באת להזכיר את עוני״ (מלכים א. יח.), אַנטקעגען דיר קוק איך אויס, ווי אַ זינדיגע, און ווייל השי״ת האָט נאָך געוואָלט אָנוואַרטען מיט׳ן עונש פון מבול, איז דעריבער „מיהר הקב״ה וסילקו״, כדי דורך זיין צדקות זאָל נישט צופיל בולט זיין דאָס רשעות פון זיין דור...

(רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער)

המה הגבורים אשר מעולם אנשי השם... (ו. ד.)

„אינון מסטרא דאלין דאתמר בהון, הבה נבנה לנו עיר ונעשה לנו שם, ובנין בתי כנסיות ומדרשות ושוין בהון ס״ת ועטרה על רישוי, ולא לשמא דד׳ אלא למעבד לון שם״...

(די אנשי השם, דאָס זענען יענע לייט, וועגען וועלכע עס ווערט געזאָגט: „הבה נבנה לנו עיר ונעשה לנו שם״, וועלכע בויען שוהלען און בתי-מדרשים, פאַר וועלכע זיי שענקען ספרי-תורה מיט קרוינען אויף די קעפּ, אָבער מיט דעם אַלעם מיינען זיי נישט לשם-שמים, נאָר צו מאַכען פאַר זיך פרסום און זיך קונה-שם צו זיין ביי מענשען)...

(זהר בראשית)

אַ מערקווירדיג אינטערעסאַנטען מאמר געפינען מיר אין מדרש-רבה פון דער דאָזיגער סדרה (בראשית רבה כ׳):

„אמר רבי אלעזר ב״ר שמעון, נוח לו לאדם לגדל לגיון אחד משל זיתים בגליל ולא תינוק אחד בארץ-ישראל״.

צוויי מיני אַרבייט, צוויי שווערע אויפגאַבען, האָבען מיר פאַר זיך אין ארץ-ישראל: עבודת-הארץ און עבודת-החנוך, דעם אויפבוי פון לאַנד און דעם אויפבוי פון פאָלק, די ערציהונג פון יונגען דור. דאָס צווייטע — איז דאָס שווערסטע...

וינחם ד׳ כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו... (ו. ו.)

דער „אל לבו״ בעציהט זיך אויפ׳ן פריהערדיגען פסוק: „וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום״, און דער פשט איז: ויתעצב — השי״ת האָט בעדויערט און געטרויערט — אל לבו — איבער׳ן מענשליכען האַרץ, וואָס איז געוואָרען אַזוי שלעכט...

(נפרח לבנון)

נח

נח איש צדיק תמים היה בדורותיו... (ו. ט.)

איטליכער דור האָט זיך זיינע צדיקים. נישט יעדער, וועלכער גילט אַלס צדיק אין זיין דור, וואָלט אויך גערעכענט געווען פאַר אַ צדיק, ווען ער וואָלט געלעבט אין אַ פריהערדיגען דור. דער שבח פאַר נח׳ן איז געווען, אַז „תמים היה בדורותיו״, דאָס הגם ער האָט געלעבט במשך פון עטליכע דורות, דען ער איז ביים מבול אַלט געווען פינף הונדערט יאָהר, איז ער אין די אַלע דורות גערעכענט געווען פאַר אַ צדיק...

(יוסף חן)

„בדורותיו, יש מרבותינו דורשים אותו לשבח וכו׳ ויש שדורשים אותו לגנאי״ (רש״י)

דען די חז״ל זאָגען: „כל מי שנאמר בו היה, מתחלתו ועד סופו היה צדיק״ (מדרש רבה פרשה ל.), און אַ צדיק — האָט דערויף בעמערקט רבי יחיאל מאיר מאָגלניצער — וועלכער נעהט נישט ממדרגה למדרגה, נאָר ער איז מתחלתו ועד סופו אין דער זעלבער בחינה, איז דאָס גופא פאַר איהם אַ גרויסער גנאי...

צווישען רבי לייב, דער „שפאָלער זיידע״, און רבי נחמן בראַסלאַווער, האָבען געהערשט, כידוע, זעהר אָנגעשטרענגטע, קריגערישע בעציהונגען, אַזוי ווייט, אַז רבי נחמן, וועלכער האָט פריהער געוואוינט אין זלאַטיפאָלע, נעבען שפאָלע, איז געצוואונגען געווען פון דאָרט צו אַנטלויפען און איבערצוטראָגען זיך קיין בראַסלאַוו. דאָך בשעת דער „שפאָלער זיידע״ האָט זיך דערוואוסט, אַז אייניגע פון זיינע חסידים ווילען רבי נחמנ׳ען שלעכטס טהון, איז ער געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט. ער האָט תיכף געשיקט נאָך זיי און זיי שטרענג אויסגע׳מוסר׳ט, זאָגענדיג: אויפ׳ן פסוק „צדיק תמים היה בדורותיו״ זאָגט רש״י: „יש מרבותינו דורשים אותו לשבח וכו׳ ויש שדורשים אותו לגנאי״. איז דאָך אין פלוג קשה: וויבאַלד מען קאָן יענעם דרש׳ענען לשבח,

פאַרוואָס זאָל מען איהם דרש'ענען לגנאי? נאָר זיי האָבען אונז געוואָלט דערמיט לאָזען לערנען, אַז אַ צדיק, אַפילו ווען מען דרשנ'ט איהם לגנאי, איז ער אַלץ אַ צדיק...

(תפארת מהרא"ל)

את האלקים התהלך נח... (ו. ט.)

אויף „את האלקים התהלך נח" ווערט געדרשנ'ט: „שלא הוכיח את בני דורו", ער איז געגאַנגען, הייסט עס, בלויז מיט גאָט, נישט אַרומקוקענדיג זיך, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם, און דערפאַר איז „איש צדיק תמים היה בדורותיו", האָבען די מענשען פון זיין דור געהאַלטען פון איהם און איהם מפרסם געווען אַלס צדיק, דען — „האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מתא וכו' משום דלא מוכח להו במילי דשמיא" (כתובות ק"ה)...

(כתב סופר)

את שם את חם ואת יפת... (ו. י.)

מען האָט אַמאָל מתרעם געווען אויף איינעם פון די קאָצקער חסידים, אַז ער איז אַ ביסעל אַראָב פון דרך־הישר, האָבען איהם די חסידים געוואָלט מען מקרב זיין און אָפט מיט איהם פערברענגען, אָבער — עס האָט נישט געהאָלפען און לימים איז ער אינגאַנצען אַרויס לתרבות רעה.

אַז מען האָט עס דערצעהלט דעם קאָצקער, רבי מענדעלען, האָט ער געזאָגט:

אין פסוק שטעהט: את שם את חם ואת יפת". איז אייגענטליך האָט דאָך חם געדאַרפט שטעהן צום סוף, דען ער איז דאָך געווען דער יונגסטער? נאָר, ווי עס ווייזט אויס, האָבען איהם שם און יפת אריינגענומען אין מיטען, כדי געפינענדיג זיך אין זייער חברותא, זאָל ער ווערען אַ ביסעל לייטישער, אָבער ווי איהר זעהט, האָט עס נישט געהאָלפען — חם בלייבט חם, אַפילו ווען מען נעהמט איהם אַריין צווישען גדולים...

קץ כל בשר בא לפני וכו' (ו. יג.)

דער „קץ כל בשר", דער סוף פון מענשענס לעבען, דער יום־המיתה „בא לפני", איז געקומען פאַר מיר און קלאָגט זיך, אַז די מענשען האָבען אין איהם גאָר אינגאַנצען פערגעסען און דערפון נעהמט דער „כי מלאה הארץ חמס", וואָרום וואָלטען די מענשען געדענקט אינ'ם „קץ כל בשר", וואָלטען זיי דאַן גאַנץ אַנדערש געלעבט צווישען זיך און עס וואָלטען נישט בעגאַנגען געוואָרען אַזוי פיעל אומרעכטען און אַזוי פיעל פערברעכענס...

(כלי יקר)

כי מלאה הארץ חמס מפניהם... (ו. יג.)

„לא נחתם גזר־דינם אלא על הגזל“ (רש״י)

דערויף פרעגט דער רא״ם: רש״י איז זיך דאך אליין סותר, דען פרי־הער אינ׳ם זעלבען פסוק, אויף „קץ כל בשר בא לפני“, זאגט דאך רש״י: „כל מקום שאתה מוצא זנות ועבודה־זרה אנדרלמוסיא באה לעולם והורגת טובים ורעים“, אז דער מבול איז נגזר געווארען צוליעב זנות און עבודה־זרה און ער וואלט, אלזא, אונפערמיידליך געווען אויך אהן דעם חטא פון גזל?

נאר אינ׳ם „קץ כל בשר בא לפני“ — ענטפערט דערויף דער „מלא העומר“ — אינ׳ם חטא פון זנות, איז שוין ממילא אויך גזל אין כלל, דען קוים איז די וועלט פול געווען מיט זנות, איז אויסגעקומען, אז פרעמדע קינדער, ממזרים, האבען געראבעוועט אלס ירושה פרעמדע פערמעגענס פון אזעלכע, וועלכע זענען פאקטיש זייערע טאטעס נישט געווען...

בעצם היום הזה בא נח וכו׳ אל התבה, המה וכל החיה למינה וכל הבהמה... (ז. יג. יד.)

טא וואס איז, אויב אזוי, די רבותא, וואס באחרית הימים וועט זיין „וגר זאב עם כבש“, אויך ביי נח׳ן איז דאך געווען דאס זעלבע, די ווילדעסטע חיות־רעות האבען געוואוינט אין איין תיבה צוזאמען מיט כל מיני בהמות ועופות און זיי נישט אנגעריהרט?

נאר אונטערשיעד איז דער, וואס בשעת׳ן מבול האבען די אלע חיות־רעות שלום געמאכט צווישען זיך צוליעב דער אלגעמיינער סכנה, אין וועלכער זיי האבען זיך אלע אהן אויסנאהם געפינען, און דאס איז נישט אזא גרויסער חידוש; בשעת מען זעהט דעם טויט פאר די אויגען ווערען דאן די געפעהרליכסטע ברואים, די חיות, ווי די מענשען, פלוצלונג גוט און פרום, פריינדליך און פריעדליך איינער צום צווייטען. דאגעגען באחרית הימים ערווארטען מיר, אז דער שלום און דער „וגר זאב עם כבש“ זאל קומען נישט אויס פחד, נאר אויס איבערצייגונג, זעעלישע דערהויבונג און טהרת המדות והדעות, און דאס וועט מעגליך זיין נאר אין משיח׳ס צייטען...

(פרדס יוסף)

וישלח את הערב... (ח. ז.)

עטליכע מאל געפינען מיר אין ש״ס, אז בשעת איין אמורא האט גע־פרעגט דעם צווייטען עפיס א שאלה און יענער האט נישט געהאט קיין

ריכטיגע תשובה, האָט ער איהם געענטפערט: „עורבא פרח", ווי אין חולין קכ"ה: „קולית סתומה לרבי ישמעאל מהו שתטמא וכו' אמר ליה עורבא פרח", און אין ביצה כ"א: „אמר ליה וכי מה זה בין נדרים לנדבות, אמר ליה עורבא פרח". וואָס עפּיס „עורבא פרח"?

דער זין דערפון איז — האָט דערויף ערקלערט רבי חיים סאָלאָוויי-טשיק — אַז פּונקט ווי דער עורב, וואָס נח האָט אַרויסגעשיקט, איז נישט צוריקגעקומען מיט קיין תשובה, אַזוי וועסטו אויך פון מיר קיין תשובה נישט בעקומען...

בשעת מען האָט רבי הערשעלע בערלינער פאָרגעלעגט אָנצונעהמען דאָס כסא-רבנות אין בערלין, האָבען איהם אַ סך פון זיינע מקורבים אָבגע-האַלטען דערפון, באשר בערלין איז אַ שטאָדט פון משכילים און ער וועט זיך דאָרט נישט גוט פיהלען. נאָך אַ לענגערען ישוב-הדעת איז געבליבען ביי איהם צו שיקען אַהין אַ שליח-מיוחד, וועלכער זאָל זיך אויפ'ן אָרט בעקענען מיט די פערהעלטעניסען. געזאָלט האָט פאַהרען איינער פון זיינע מקורבים, אַ גרויסער למדן און ירא-שמים, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך מיישב געווען און האָט געשיקט אַהין אַן אַנדערען שליח, שוין אַ ביסעל אַ מאָדערנער, אַ האַלבער משכיל, און בעת די מקורבים האָבען זיך דערויף גע'חידוש'ט, האָט ער זיי ערקלערט:

— בשעת נח האָט געוואָלט וויסען, צי די וועלט איז שוין אויסגע-בעסערט געוואָרען נאָכ'ן מבול און צי די רשעים לעבען נישט מעהר, האָט ער אַרויסגעשיקט פריהער דעם עורב, די קראָהע, נישט די טויב, פאַרוואָס? ווייל ווען ער וואָלט געשיקט פריהער די טויב וואָלט ער נישט געווען גע-וואוסט דעם אמת. זי וואָלט די רשעים, ווען זיי זאָלען אַפילו עקזיסטירען, נישט געזעהען. פאַר איהר, די כשר'ע טויב, וואָלטען זיי זיך מאַסקירט און געשפּיעלט אַ פרומע ראָליע. דעריבער האָט ער פריהער אַרויסגעשיקט דעם עורב, דעם עוף טמא. פאַר איהם, וועלכען זיי וועלען האַלטען פאַר זייערס גלייכען, וועלען זיי זיך נישט מאַסקירען און עס וועט איהם אַזוי אַרום געלונגען צו דערגעהן דעם אמת...

והנה עלה זית טרף בפיה... (ח. יא.)

„אמרה יהי' מזונותי מרורים כזית בידו של הקב"ה ולא מתוקים כדבש בידי בשר ודם" (רש"י)

און דערפון האָט נח געוואוסט „כי קלו המים מעל הארץ", אַז ס'איז שוין נאָכ'ן מבול און עס עקזיסטירט שוין צוריק אַ ישוב אויף דער וועלט.

וואָרום אין געגענפאַל וואָלט די טויב נישט געדעדט מיט אַזאַ דרייסטקייט און עזות. אַזעלכע ווערטער ווי „יהי' מזונותי מרורים כזית וכו'", רעדט מען נאָר דאַמאָלס, ווען מען איז פערזיכערט מיט פרנסה, מיט פַּת בְּסַלּוֹ, ווען מען ווייסט, אַז מען דאַרף מעהר צו יענעם נישט אָנקומען...

(נבכורי אביב)

והנה עָלֵה זית טרף בפיה...

„אומר אני שזכר היה לכן קראו פעמים לשון זכר ופעמים לשון נקבה" (רש"י)

דאַגעגען ווערט געזאָגט אין תוספות יום טוב (נזיר פרק ב' משנה ב') „אעפ"י שבכתוב נמצא „הדלת תסוב על צירה", כבר אמר החכם הראב"ע כל אשר אין בו רוח חיים זכרהו ונקבהו".

רש"י אָבער, ווי מיר זעהען, איז נישט מסכים צום דאָזיגען כלל, האַלטענדיג, אַז דער „זכרהו ונקבהו" לאָזט זיך אָנווענדען אויך אויף אַ בעל-חי, וועלכען מען קאָן טיילמאָל אָנרופען בלשון זכר און טיילמאָל בלשון נקבה.

כִּי יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְּעוּרָיו... (ח. כא.)

דעם יצר-הרע — האָט אַמאָל דער רבי ר' בונם זיך אויסגעדריקט — דאַרף דער מענש זיך פאָרצושטעלען, ווי אַ רוצח, וואָס שטעהט איבער דיר מיט אַנ'אויפגעהויבענער האַק און ער וויל דיר אָבהאַקען דעם קאָפּ...

— און אַז מען קאָן זיך דאָס נישט פאָרשטעלען? — האָט עמיצער פון די חסידים דערביי אַ פרעג געטהון.

— איז דאָן אַ סימן — האָט ער געענטפערט — אַז ער האָט דיר דעם קאָפּ שוין לאַנג אָבגעהאַקט...

(שיח שרפי קדש)

וַיֵּרֶד ד' לִרְאוֹת וכו' אֲשֶׁר בָּנוּ בְּנֵי הָאָדָם... (יא. ה.)

דריי מאָל, ווערט אָנגעוויזען אין דער מסורה, געפינט זיך אין תנ"ך דער אויסדרוק „בני האדם": „וירד ד' לראות וכו' אשר בנו בני האדם", „משמים הביט ד' ראה את כל בני האדם", און „להודיע לבני האדם גבורותיו".

דען אויפ'ן פסוק „וירד ד' לראות" זאָגט רש"י (געבראַכט פון מדרש תנחומא): „לא הוצרך לכך, אלא בא ללמד לדיינים שלא ירשיעו הנידון עד שיראו ויבינו".

און דאָס, אַלזאָ, איז מרמז די מסורה: „וירד ד' לראות וכו', אשר בנו בני האדם". איז דאָך אין פלוג אונפערשטענדליך: נאָך וואָס איז נויטיג געווען דער „וירד לראות", ווערענד „משמים הביט ד' ראה את כל בני האדם",

פאַר השי"ת איז דאָך סיי־ווי אַלץ גלוי וידוע? דערויף קומט דער ענטפער: „להודיע לבני האדם גבורותיו", כדי צו ווייזען דערמיט אַ ביישפיעל פאַר די מענשען, אַז זיי זאָלען קיינעם נישט דן זיין, ביז זיי וועלען פריהער אַליין זעהען...

(זכרון יצחק)

הן עם אחד ושפה אחת לכלם... (יא. ו.)

כל־זמן עס האָט געהערשט צווישען זיי אַחדות האָט מען זיי נישט געקענט מעניש זיין, ווי עס ווערט געזאָגט אין זוהר: „דהא כל זמנא דבני עלמא אינון עמא חדא ולבא חד, אע"ג דמרדו ביה בקוב"ה לא שלטא בהון דינא דלעילא, כיון דאתפלגא, מיד — ויפץ"...

און דאָס — פלעגט זאָגען דערויף רבי שלום בעלזער — איז דער פשט: „אל תהיה רשע בפני עצמך". אַפילו צו זיין אַ רשע איז אויך בעסער נישט „בפני עצמך", נישט ביחידות, וואָרום אַפילו ווען מען זינדיגט צוזאַמען, קוים הערשט צווישען די זינדיגע אַחדות, איז דער דין אויף זיי נישט שולט...

די ערגסטע מענשליכע מדות זענען קנאה, תאוה און כבוד. די דאָזיגע דריי מדות רעות האָבען זיך גלייך אָנגעהויבען אַרויסצווייזען און מיט זיי זענען פערבינדען די ערשטע פאַסירונגען נאָך בריאת־העולם. די סיבה פון מעשה קין והבל איז געווען — קנאה („ואל קין ואל מנחתו לא שעה — ויחר לקין מאד"). די זינד פון דור המבול איז בעשטאַנען פון — תאוה („כי השחית כל בשר את דרכו"), דער דור־הפלגה ווידער האָט געשטרעבט נאָך — כבוד („ונעשה לנו שם")...

(רבי ישראל קאָזשעניצער מגיד)

ויָמת תרח בחרן... (יא. לב.)

„לפיכך קראו הכתוב מת שהרשעים אף בחייהם קרויים מתים והצדיקים אף במיתתם קרויים חיים" (רש"י)

דאָ איז דאָך בלויז נויטיג דער אויספיהר, אַז „הרשעים בחייהם קרויים מתים", טאָ נאָכוואָס דאַרף רש"י צוגעבען: „והצדיקים במיתתם קרויים חיים", דאָס געהער דאָך שוין צום ענין?

די דאָזיגע קשיא האָט מען געפרעגט דעם רבי'ן ר' העשיל, בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגעל, און ער האָט דערויף געענטפערט:

אין פלוג, וואָס פאַר אַ תירוץ איז עס, אַז דעריבער האָט אברהם נישט מקפיד געווען אויף כבוד־אָב און ער האָט איבערגעלאָזט דעם אַלטען טאַטען אַליין, ווייל „הרשעים בחייהם קרויים מתים"? דער דין איז דאָך, אַז

בכיבוד־אב איז מען מחויב נישט נאָר ביים לעבען, ווי עס ווערט געזאָגט בפירוש: „ומכבדו במותו״ (קידושין ל״א)? און כדי דאָס צו פערענטפערען איז דעריבער רש״י מוסיף: „והצדיקים במיתתם קרויים חיים״, אַז נאָר ביי אַ פאָטער אַ צדיק איז חל דער „ומכבדו במותו״, ווייל ער איז אויך דאַמאָלס בכלל חי, דאַגעגען ביי אַ פאָטער אַ רשע איז מען אַפילו בחייו נישט מחויב בכיבוד, דען ער איז אויך ביים לעבען בכלל מת...

לך לך

לך לך מארצך... (יב. א.)

די מצוה פון ישוב ארץ־ישראל — פלעגט זאגען דער רבי פון אסטראווצע, רבי מאיר יחיאל — איז א מצות־עשה, וועלכע איז, פונקט ווי מצות מילה, געגעבען געווארען תיכף צום ערשטען איד, צו אברהמ׳ען און זיינע קינדער. א ראיה דערצו איז פון מדרש רבה פ׳ וישלח, וואו אויפ׳ן פסוק „ויירא יעקב מאד" ווערט געזאגט: „אמר יעקב, כל השנים הללו הוא יושב בא״י, שמא הוא בא עלי מכח ישיבת א״י", אז יעקב האט מורא געהאט פאר עשו׳ן דערפאר, ווייל עשו איז געזעסען אין א״י. און אין סוטה, אויף דער משנה: „אם יש זכות תולה לה", פרעגט די גמרא: „זכות דמאי? אילימא זכות דתורה, מי מגניא כולי האי והרי אינה מצווה ועושה היא" (סוטה כ״א). איז אויב עשו וואלט נישט געווען מצווה אויף דער מצוה פון ישוב א״י, טא פארוואס האט יעקב פאר איהם מורא געהאט? א מצוה אויף וועלכער מען איז נישט מצווה ועושה איז דאך נישט מגין? איז דערפון, אלזא, געדרינגען, אז דער „לך לך מארצך וכו׳ אל הארץ אשר אראך" איז געזאגט געווארען נישט בלויז צו אברהמ׳ען, נאר אויך צו זיינע קינדער, און דערפאר האט יעקב, זעהענדיג, ווי עשו איז מקיים די דאזיגע מצוה, מורא געהאט פאר איהם...

(גאולת ישראל)

„לך לך — להנאתך ולטובתך" (רש״י)

דען על־פי רוב איז נישט אלץ, וואס א מענש טהוט און פון וועלכען ער האט הנאה, איז פאר איהם באמת א טובה...

(רבי העניך מאלעקסאנדער)

ואעשך לגוי גדול... (יב. ב.)

„כאן אי אתה זוכה לבנים" (רש״י)

נישט אזוי ווייט צוליעב דיר, ווי צוליעב דיינע קינדער איז נויטיג דו זאלסט אוועק פון דאנען און געהן קיין ארץ־ישראל, דען „כאן אי אתה

זכה לבנים", דאָ אין הויך-לאַרץ וועסטו קיין גרויס נחת נישט האָבען פון די קינדער...

(אילנא דחיי)

ואעשך לגוי גדול...

„מטבע של אברהם אָבינו זקן וזקנה מצד אחד, בחור ובתולה מצד אחר" (בבא קמא צ"ז)

אַלע אַנדערע תאוות זענען נישט תמיד ביים מענש גלייך און זיי זענען אָבהענגיג פון די יאָהרען, פון דער עלטער. די „תאות המשגל", למשל, איז אַמשטאַרקסטען דוקא אין די יונגע יאָהרען. וואָס עלטער — אַלץ שוואַכער ווערט די דאָזיגע תאוה. צו דער תאוה פון כבוד איז מען ווידער, פערקעהרט, זוכה דוקא אין די עלטערע יאָהרען. איין תאוה איז אָבער פאַרהאַן, פון וועלכער מען קאָן זיך נישט בעפרייען אינ'ם גאַנצען לעבען און וועלכע איז גלייך סיי ביי יונג, סיי ביי אַלט — די תאוה פון געלד. בשעת אברהם אבינו האָט, אַלזאָ, אַרויסגעלאָזט די ערשטע מטבע, האָט ער דעריבער אויסגעקריצט פון איין זייט אַ בחור ובתולה און פון דער צווייטער זייט — אַ זקן וזקנה, צו ווייזען דערמיט, אַז דער גייציג נאָך דער מטבע איז, ליידער, ביי אַלעמען גלייך, ביים זקן וזקנה, פונקט אַזוי ווי ביים בחור ובתולה און אַז אַלע דאַרפען זיך גלייך בעמיהען צו בעקעמפען און בעהערשען די דאָזיגע תאוה...

(פרדס יוסף)

ואברכך... (יב. ב.)

„בממון" (רש"י)

אין ארץ-ישראל וועל איך דיך בענשען מיט געלד, ווייל אין גלות וויפיעל איך זאָל דיר נישט געבען, וויפיעל דו זאָלסט נישט אָנזאַמלען — וועט עס ביי דיר נישט בלייבען און עס וועט קיין קיום נישט האָבען...

(אין נאָמען פון פראַנקפורטער אַנשיל ראָטשילד)

ואברכה מברכיך ומקללך אָאור (יב. ג.)

עס האָט אַמאָל איינער געפרעגט דעם „שפת-אמת": אויף וועמען געהט אַרויף דער „ומקללך אאור"? דער פסוק פיהרט דאָך אויס: „ונברכו בך כל משפחות האדמה", אַז אַלע וועלען זיך בענשען אין אברהמ'ען, און אויב אַזוי איז דאָך נישט שייך צו זאָגען און עס איז איבעריג דער „ומקללך אאור"?

— דער פשט איז — האָט איהם דער „שפת-אמת" געענטפערט — אַז סיי ביי די „מברכיך", סיי ביי די „מקללך", וועט זיין „ונברכו בך כל משפחות האדמה", אַז אַפילו די געגנער זיינע, וואָס וועלען איהם שעלטען, וועלען

זיך פונדעסטוועגען ווינשען, אז זייערע קינדער זאלען זיין, אזוי ווי אברהם...
משל למה הדבר דומה? — האט ער צוגעגעבען — צו די מתנגדים, וואס זידלען און רעדען אויס כל דבר אסור אויף די חסידישע רביים, און דאך וואלטען זיי מיט׳ן גאנצען הארץ בעשטאנען צו האבען פונדעסטוועגען אזעלכע קינדער...

ויבן שם מזבח... (יב. ז.)

„על בשורת הזרע ועל בשורת ארץ־ישראל״ (רש״י)

די „בשורת הזרע״ איז קיין בשורה נישט, אויב עס איז נישטא דערביי אויך די „בשורת הארץ״, דען אהן אן׳אייגען לאנד, אהן ארץ־ישראל, וועלען די קינדער נישט בלייבען אונזערע און מיר וועלען פון זיי קיין גרויס נחת נישט האבען...

(אמרי חן)

אמרי נא אחותי את... (יב. יג.)

היתכן, אז בכדי זיך צו ראטעווען, זאל אברהם, חלילה, זיין גרייט מפקיר צו זיין שרה׳ן לדבר עבירה?

נאר וואס גרעסער דער איסור איז און וואס הארבער דער חטא — אלץ גרעסער איז דער יצר־הרע דערצו, און אז זיי וועלען דערהערען, אז זי איז זיינע א שוועסטער, א פנויה, וועלען זיי אפשר נישט האבען צו איהר אזא שטארקע תאוה, ווי ווען זיי וועלען וויסען, אז זי איז אן׳אשת־איש...

(כפלים לתושיה)

וילך למסעיו... (יג. ג.)

„בחזרתו פרע הקפותיו״ (רש״י)

פון וואנען דרינגט עס דער דרש, אז אברהם איז אזוי פעראריטמט געווען, אז געהענדיג קיין מצרים האט ער זיך געמוזט בארגען געלד אויפ׳ן וועג און איצט האט ער אבגעצאהלט די חובות?

דען דער דין איז: „אין יוצאין מארץ לחוצה לארץ אלא א״כ עמדו סאתים בסלע״, און דערביי ווערט צוגעגעבען, אז עס דארף אויך זיין „מעות ביוקר״, אז אויסער, וואס עס איז א הונגער און א יקרות, זאל אויך קיין געלד נישט זיין צו קויפען (בבא בתרא צ״א). אברהם האט, אלזא, זיכער נישט פערלאזט ארץ־ישראל, ביז ער איז נישט צוגעקומען צום דאזיגען מצב, ווען ער איז שוין געצוואונגען געווען צו לייהען הלוואות און — „בחזרתו פרע הקפותיו״...

(ספר ינחנו)

אַל נא תהי מריבה ביני ובינך וכו'... (יג. ח.)

אויף „ויהי ריב בין רועי מקנה אברם" זאָגט רש"י, אַז די רועים של לוט האָבען געטענה'ט: „ניתנה הארץ לאברם ולו אין יורש ולוט יורשו ואין זה גזל". די גאַנצע מחלוקה איז בכן אַרויסגעקומען צוליעב קרובה'שאַפט, צוליעב דעם, וואָס לוט האָט זיך בעטראַכט אַלס אברהמ'ס צוקונפטיגער יורש, און דאָס, אַלזאָ, האָט אברהם זיך געבעטען: „אַל נא תהי מריבה ביני ובינך וכו' כי אנשים אַחים אַנחנו", זאָל דער „אנשים אַחים אנחנו", דאָס וואָס מיר זענען קרובים, נישט זיין די סיבה, צוליעב וועלכער מיר זאָלען זיך אַרומ־קריגען...

(רבי יצחק אלי' לאנדוי)

כי אֲנשים אַחים אַנחנו... (יג. ח.)

„קרובים, ומדרש אגדה: דומין בקלסתר פנים" (רש"י)

וואָס פאַר אַ נ'אַרגומענט איז עס, אַז דערפאַר וועלען זיי זיך קריגען, ווייל זיי זענען עהנליך בקלסתר פנים?

נאָר בשעת עס קריגט זיך אַ צדיק מיט אַ רשע, איז עס נאָכנישט אַזאַ אומגליק, דען אַלע פערשטעהען, אַז מסתמא איז דער צדיק גערעכט. באם אָבער ביידע, וואָס קריגען זיך, האָבען אַ נאָמען אַלס צדיקים, ברענגט עס צו הילול־השם, דען איינער פון זיי איז דאָך זיכער אומגערעכט, איינער פון די צוויי צדיקים איז דאָך זיכער מיט זיין האַנדלונג נישט אין אָרד־נונג... און דאָס. אַלזאָ, האָט אברהם געטענה'ט צו לוט'ן: „אַל נא תהי מריבה ביני ובינך וכו' כי אנשים אַחים אנחנו", אויסערליך לויט'ן קלסתר פנים, זענען מיר זעהר עהנליך איינער צום צווייטען, דער עולם ווייסט נישט קיין אונטערשיעד פון לוט ביז אברהמ'ען, ביידע האַלט מען אונז פאַר גלייכע צדיקים און — וואָס וועלען מענשען זאָגען, זעהענדיג, ווי צוויי צדיקים קריגען זיך?...

(פרדס יוסף)

וד' אָמר אל אַברם אַחרי הפרד לוט מעמו... (יג. יד.)

„כל זמן שהרשע עמו היה הדבור פורש ממנו, ולעיל שהיה לוט אצלו וכותב וירא ד' אל אַברם? — באותה שעה כשר היה" (רש"י)

וואָס האָט דען אין מיטען פּאַסירט אַזעלכעס, צוליעב וועלכען ער איז מיטאַמאָל אויס כשר און אויס צדיק געוואָרען?

נאָר במשך פון די עטליכע פּסוקים, זינט דעם „וירא ה' אל אברם" ביז דאַנען, איז דערווייל געשעהען, אַז „וגם ללוט ההולך את אברם היה

צאן ובקר ואוהלים", ער איז אינמיטען רייך געוואָרען, און דאָס עשירות האָט איהם, ווי דער שטייגער איז, אַראָבגעפיהרט פון דרך־הישר... (כתב סופר)

אֲשֶׁר אִם יוּכַל אִישׁ לִמְנוֹת אֶת עֲפַר הָאָרֶץ גַּם זַרְעֲךָ יִמָּנֶה... (יג. טז.)

קאָן מען דען נישט איבערצעהלען, וויפיעל אידען עס זענען פאַרהאַן?

נאָר דאָס וואָרט „למנות" האָט אויך דעם טייטש: אָבשאַצען, פעסט־שטעלען דאָס חשיבות, ווי „ואחריתו יהיה מנון" (משלי כ"ט), אָדער: „דבר שבמנין לא בטל", פון וועלכען די כוונה איז: אַ דבר חשוב, און דער פשט, אַלזאָ, איז: „אשר אם יוכל למנות את עפר הארץ", פונקט ווי מען קאָן נישט אָבשאַצען דעם ווערט פון דער ערד, „גם זרעך ימנה", אַזוי וועט אויך זיין אונשאַצבאַר דאָס חשיבות פון דיינע קינדער... (הכתב והקבלה)

וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן וכו'... (יד. יח.)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל אַרומגעפאָהרען צוזאַמלען געלד אויף הכנסת־כלה פאַר אַנ'אדם חשוב, אויפ'ן וועג האָט ער אויך אָבגעשטיגען ביי אַ געוויסען רבי'ן, וועלכער, דערהערענדיג נאָכוואָס רבי לוי יצחק איז צו איהם געקומען, האָט ער איהם אָנגעווינשען, אַז השי"ת זאָל העלפען און דער נצרך זאָל זוכה זיין חתונה צו מאַכען זיין טאָכטער מתוך הרחבה. רופט זיך אָן צו איהם רבי לוי יצחק: די תורה דערצעהלט אונז, אַז „ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין וכו' ויברכהו". קודם־כל איז געווען „הוציא לחם ויין" און נאָכהער — „ויברכהו". פריהער דאַרף מען געבען און ערשט דערנאָך — טיילען ברכות... (אמרי יושר)

וְהוּא כֹהֵן לְאֵל עֶלְיוֹן... (יד. יח.)

געוועהנליך טייטשט מען, אַז דער „והוא" געהט אַרויף אויף מלכי־צדק, אַז מלכי־צדק איז געווען אַ כהן לאל עליון. דאַגעגען אין „חזקוני" ווערט געטייטשט, אַז דער „והוא" בעציהט זיך אויף אברהמ'ען, און דער פשט איז: דעריבער האָט מלכי־צדק איהם אַזוי מכבד געווען און איהם אַנטקעגענטראָגען לחם ויין, ווייל אברהם איז געווען אַ כהן לאל עליון...

הַבֶּט נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים... (טו. ה.)

שטערען לויכטען נור ביינאַכט און אויך דער אור היהדות לייכט־אויף

בעזונדערס אין יענע מאָמענטען, ווען דער אדם הישראלי הויבט אָן אַמי־
שטאַרקסטען צו פיהלען דאָס חשכות פון גלות, ווי איך האָב עס מיט מיינע
אויגען געזעהען בעת'ן גירוש ספרד, ווען ביי די ערגסטע אידען האָט דאַמאָלס
אויפגעוואַכט און אויפגעלויכטען דער אור ישראל...

(אברבנאל)

והאמין בד' ויחשבה לו צדקה... (טו. ו.)

„ויחשבה לו צדקה", אברהם אבינו איז געווען דאַנקבאַר דעם רבונו־
של־עולם, ער האָט עס בעטראַכט פאַר אַ געטליכע צדקה וחסד, וואָס ער
האָט זוכה געווען צו זיין אַ „והאמין בד'", צו דערגרייכען צו דער שלמות
האמונה...

(רבי משה קאברינער)

במה אדע כי אירשנה... (טו. ח.)

פרעגען אַלע מפרשים: היתכן, אַז אברהם אבינו, וואָס אין פריהער־
דיגען פסוק זאָגט די תורה אויף איהם עדות, אַז „והאמין בד'", זאָל, חלילה,
צווייפלען און פרעגען: „במה אדע"? צווייטענס, וואָס פאַר אַ תשובה איז
אויף די דאָזיגע פראַגע דער ענטפער: „ידוע תדע כי גר יהיה זרעך", מיט
וואָס איז ער שוין איצט זיכערער, ווי פריהער?

נאָר אברהם האָט, חלילה, נישט געצווייפעלט אין דער עצם זיכערקייט
פון דער געגעבענער הבטחה, זיין פראַגע איז בלויז געווען: „במה אדע כי
אירשנה", פון דיין זייט וועט זיכער קיין מניעה נישט זיין, קוים ביזטו
מיר מבטיח אָנגעזאָגט דאָס לאַנד, וועסטו געוויס דיין הבטחה נישט
ענדערן, אָבער — ווער ווייסט, צי וועט פון מיין זייט מעגליך זיין דאָס צו
פערווירקליכען. פונוואַנען בין איך זיכער, אַז די קינדער מיינע וועלען האָבען
דעם רצון צו געהן אַהין, צי וועלען זיי זיך וועלען בעזעצען אינ'ם דאָזיגען
לאַנד? און דערויף איז געקומען דער ענטפער: דערפאַר דאַרפסטו נישט זאָרגען:
„כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם", מען וועט זיי אין אַלע אַנדערע לענדער
בעהאַנדלען, ווי די גרים, „ועבדום וענו אותם", פערקנעכטעט וועלען זיי זיין
איבעראַל און שווערע ענוים וועלען זיי האָבען אויסצושטעהן, און דאָס וועט
זיי צווינגען מקיים צו זיין מיין הבטחה, צו לויפען און צו בעזעצען זיך
אין ארץ־ישראל...

(געהערט)

כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם... (טו. יג.)

פאַרוואָס שטעהט נישט „כי גרים", נאָר „כי גר", אַ לשון יחיד?
נאָר דאָס אומגליק וועט זיין, וואָס אַפילו געפינענדיג זיך אין דער

פרעמד, אין גלות, וועט יעדער איד פון יעדען לאַנד זיך בעטראַכטען אַלס בעזונדערער גר, וואָס האָט מיט'ן צווייטען איד פון אַ צווייטען גלות-לאַנד קיין שייכות נישט...

(אסיפת חכמים)

ווי בעקאַנט, זענען אַ טייל פון די רביים אין פוילען נישט איבעריג ענטציקט געוועו פון דער „עמאַנציפּאַציע", וואָס די אידען אין מערב-איי-ראָפּא האָבען בעקומען אַ דאַנק נאַפּאָלעאָנען, האַלטענדיג, אַז דאָס וועט פער-שטאַרקען ביי אידען די אַסימילאַציע. אין דער דאָזיגער מיינונג האָט זיך אויך געהאַלטען דער קאָצקער רבי, ר' מענדעלי, וועלכער האָט זיך דאַן אויסגעדריקט: „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם", בשעת אידען וועלען זיך געפינען אינ'ם „בארץ לא להם", אין דער פרעמד, איז פאַר זיי געוואונשען, זיי זאָלען זיך פיהלען אין אַ געוויסער מאָס אַלס גרים, דען אין געגענטייל וועלען זיי גאָר אינגיכען פערגעסען, אַז זיי זענען אידען...

התהלך לפני והיה תמים... (יז. א.)

אַ תמים דאַרף מען זיין נאָר מיט'ן רבונו-של-עולם, מיט מענשען דאַ-געגען אין שווער אויסצוקומען מיט בלויז תמימות...

(רבי וואָלף סטריקאָווער)

ולא יקרא עוד את שמך אברם... (יז. ה.)

פאַרוואָס שטעהט דאָ „את שמך", דאַגעגען ביי יעקב'ן ווערט געזאָגט: „לא יעקב יאמר עוד שמך", אָהן דעם וואָרט „את"?

ווערט געענטפערט דערויף אין די הגהות הש"ס פון רבי שאול קאַצע-נעלענבויגען: אויפ'ן פסוק „לא יאכל את בשרו" ערקלערען די חז"ל: „את — הטפל לבשרו" (פסחים ב"ב, ב"ק מ"א). ביי יעקב'ן איז אויך נאָכדעם, ווי מען האָט איהם גערופען ישראל, געבליבען אַלס טפל דער פריהערדיגער נאָמען, יעקב, וועלכער ווערט כסדר דערמאָהנט אין פסוק. ביי אברהמ'ען דאַגעגען איז דער פריהערדיגער נאָמען, אברם, אינגאַנצען בעזייטיגט געוואָרען און ער ווערט מעהר נישט דערמאָהנט, און דאָס איז דער פסוק מדייק: „לא יקרא עוד את שמך אברם", אַפילו אַלס „את", אַלס טפל, וועט דער פרי-הערדיגער נאָמען, אברם, נישט עקזיסטירען מעהר.

וַיֵּרָא

והוא יושב פתח האוהל... (יח. א.)

„לראות אם יש עובר ושב ויכניסם בביתו" (רש"י)

די שטענדיגע, וואנדערענדע ארימעלייט, וועלכע זענען שוין געוואוינט צום בעטעל-ברויט און שעהמען זיך נישט מעהר, זיי דארף מען נישט שטעהן און אבווארטען, די טרעפען שוין אליין. גאנץ אפט איז אבער פארהאן צווישען די וואנדערער אנ׳„עובר ושב", א בכבודיגער ארימאן, וואס געהט עטליכע מאל צו צו דער טהיר און יעדעס מאל ציהט ער זיך מיט הארצקלאפעניש צוריק, נישט האבענדיג די דרייסטקייט אריינצוגעהן און די האנד אויסצושטרעקען. אזא „עובר ושב" דארף מען שטעהן און אבווארטען פאר דער טהיר...

(אמרי מהרא"ז)

וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים... (יח. ב.)

דעריבער איז אברהמ׳ען צוגעשיקט געווארען די מצוה פון הכנסת-אורחים אין דער זעלבער צייט, וואס ער איז געווען טרוד אין דער מצות מילה, כדי דאס זאל דינען אלס לעהרע פאר אלעמען, אז בשעת עס קומט צו הכנסת-אורחים זאל מען זיך נישט אבפטרן מיט׳ן תירוץ, באשר מען איז גראד פערנומען מיט אנ׳אנדער מצוה און „העוסק במצוה פטור מן המצוה". אט איז דאך אויך אברהם אבינו דאן בעשעפטיגט געווען מיט אנ׳אנדער מצוה און פונדעסטוועגען האט ער זיך דערמיט נישט געפטר׳ט...

(קהלת יצחק)

צום טרוסקער מגיד איז אמאל געקומען אנ׳אורח, וועלכער האט אויסגעזעהען צו זיין א תלמיד-חכם, אנ׳איש נכבד. דער מגיד האט איהם שטארק מקרב געווען, געגעבען איהם צו עסען און טרינקען און ביינאכט זאגאר אליין איהם געבעט דאס געלעגער, לסוף האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער דאזיגער „אורח-הגון" איז א בעקאנטער שווינדלער און גנב.

די בני-בית האָבען געהאַט דערפון גרויס חולשת הדעת, אָבער דער מגיד האָט זיי געטרייסט און געזאָגט: בשעת השי״ת האָט געוואָלט מזכה זיין אברהמ׳ן מיט דער מצוה פון הכנסת-אורחים, האָט ער איהם צוגעשיקט פאַלשע אורחים, מלאכים, וועלכע נויטיגען זיך נישט אין קיין עסען און מען טהוט זיי דערמיט קיין שום טובה און מצוה נישט... דערמיט האָט מען אונז געוואָלט ווייזען, אַז „רחמנא לבא בעי״, אַז דער עיקר איז אין דער דאָזיגער מצוה, דאָס דער מענש זאָל אַרויסווייזען זיין גוטהאַרציגקייט, אַלץ איינס, צי דער אורח פערדינט זיך דערויף און נויטיגט זיך דערין, אָדער נישט...

מהרי שלש סאים קמח סולת... (יח. ו.)

„כתיב קמח וכתיב סולת— מכאן שהאשה עיניה צרה באורחים״ (ב״מ פ״ז)

פאַר אַ גוטהערציגע בעל-הבית׳טע איז נישט נויטיג, אַז דער מאַן זאָל איהר פעראָרדענען, ווי אַזוי זי זאָל אויפנעהמען דעם אורח און וואָס זי זאָל איהם דערלאַנגען צום טיש, און אויב דער מאַן דאַרף איהר אויסרעכנען, וואָס פאַר אַ כיבוד זי זאָל צוגרייטען: קמח און סולת א. אַז. וו. איז דערפון אַ סימן — „שהאשה עיניה צרה באורחים״...

(הרב בירך)

לושי ועשי עגות... (יח. ו.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „מאיזה זכות זכו ישראל שניתן להם מן במדבר? בזכותו של אברהם אבינו שאמר לושי ועשו עגות״.

דאַגעגען אין מדרש רבה שיר-השירים ווערט געזאָגט, אַז דער מן איז געוועזען בזכות משה, און אַזוי געפינען מיר אויך אין דער גמרא (תענית ט׳): „מן בזכות משה״.

והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו... (יח. ח.)

דערויף זאָגען די חז״ל: „לעולם אל ישנה אדם מן המנהג, שהרי משה עלה למרום ולא אכל לחם, מלאכי השרת ירדו למטה ואכלו לחם (ב״מ פ״ו).

די ראיה איז דאָ נישט, אַז דער מענש דאַרף נאָכטהון משה רבינו׳ן און, אויב עס זאָל אויסקומען, זאָל ער נישט עסען קיין פירציג טעג, וואָרום ווי איז דאָס מעגליך, דאָס איז דאָך געוועזען אַ חוץ לדרך הטבע זאַך און ווי געשיקט זיך דערביי צו זאָגען „לעולם אל ישנה אדם מן המנהג״? באמת אָבער איז די ראיה אַ גאַנץ אַנדערע, אַ פערקעהרטע: דען אויב, פרעגט זיך, משה רבינו האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט זיך נישט גענוי־טיגט מעהר אין קיין ערדישע שפייז און ער האָט געקענט אויסקומען פירציג

טעג אָהן עסען, טאָ נאָכוואָס האָט ער, זייענדיג צווישען מענשען, יאָ געגע־סען? און דערויף קומט דער ענטפער: „לעולם אל ישנה אדם מן המנהג וכו׳״ אַז דאָס, וואָס משה האָט די גאַנצע צייט יאָ געגעסען, איז געווען צוליעב דעם, ווייל ער האָט נישט געוואָלט משנה זיין פון מענשליכען מנהג...

(רבי יחזקאל שינאָווער)

ויאמר ד׳ אל אברהם... (יח. יג.)

אין ספר „משנה כסף״ פון רבי יוסף אבן כספי געפינען מיר דערויף פאָלגענדע בעמערקונג:

„לא אמר זה לשרה, כי אין לנכבד ולקדוש לדבר עם הנשים, ולכן נשמרתי אני מזה כל ימי״...

כעת חיה ולשרה בן... (יח. יד.)

רבי ישראל ריזשינער איז אַמאָל געווען צו־גאַסט ביים אָדעסער מורה־הוראה, רבי ראובן, אַ בעריהמטער תלמיד־חכם און דערביי אַ שטאַרקער מתנגד. בינתים איז אַריינגעקומען אַ יונגע פרוי, וועלכע דערהערענדיג, אַז עס געפינט זיך דאָ אַ צדיק, אַ בעל־מופת, איז זי צוגעשטאַנען צו איהם מיט׳ן פערלאַנג, אַז ער זאָל איהר מבטיח זיין, אַז זי וועט האָבען אַ קינד. זי האָט נישט געוואָלט פון איהם אָבטרעטען און דער ריזשינער, וועלענדיג פון איהר פטור ווערען, האָט ער איהר פערזיכערט מיט אַ שבועה, אַז זי וועט האָבען קינדער.

צוזעהענדיג דאָס איז רבי ראובן געוואָרען אויסער זיך: היתכן, האָט ער געשטוינט, פונוואַנען זענט איהר דאָס אַזוי זיכער ביי זיך אַזש צו געבען דערויף אַ שבועה, ווי אַזוי האָט איהר עס נישט קיין מורא פאַר אַ שבועת־שוא?

אַלס ענטפער האָט דער ריזשינער אַרויסגענומען אַ גמרא יבמות, אויפגעמישט דף קכ״א און איהם געוויזען: „ההוא דהוה קאמר ואזיל: מאן איכא בי חסא? טבע חסא! אמר רב נחמן: האלקים! אכלי כוורי לחסא! מדבוריה דרב נחמן אזלא דביתהו דחסא ואינסבא, ולא אמרו לה ולא מידי״.

ווערט געפרעגט דערויף אין „הגהות מרדכי״: ווי אַזוי האָט רב נחמן געקאָנט שווערען און אַזוי זיכער זיין, אַז חסא איז ווירקליך געשטאָרבען? און עס ווערט געענטפערט: היות, ווי עס איז דאָך אַנ׳אָנגענומענער כלל, אַז „במים שאין להם סוף רובם מתים״, האָט ער, שטיצענדיג זיך אויפ׳ן דאָזיגען כלל, שוין געמעגט שווערען...

אויך איך — האָט דער ריזשינער אויסגעפיהרט — האָב מיך מיט מיין שבועה סומך געווען אויף אַ כלל, דען — בדרך כלל האָבען דאָך דאָס רוב פרויען קינדער...

המכסה אני מאברהם אשר אני עושה... (יח. יז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „אמר הקב"ה ערובי חצרות גליתי לו, למחר הפוכה של סדום ולא אגלה לו?"

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט ערובי חצרות?

נאָר די גמרא זאָגט: „בכל מערבין ומשתתפין חוץ ממים ומלח" (עירובין ל"ב), און דער טעם דערפון ווערט ערקלערט אין ירושלמי: „משום דיש בהם קללה, מים — מבול, ומלח — אשתו של לוט". און דאָס ווערט, אַלזאָ, געמיינט: „עירובי חצרות גליתי לו", קוים האָב איך איהם מגלה געווען דעם דין פון עירובי חצרות, „למחר הפוכה של סדום ולא אגלה לו", מוז דאָך איהם אויך מגלה זיין די מהפכה פון סדום, בכדי ער זאָל וויסען, אַז מהיום והלאה וועט מען נישט טאָרען מעהר מערב זיין במלח... (פרדס יוסף)

אם אמצא בסדום חמשים צדיקים בתוך העיר... (יח. כו.)

אויב זיי וועלען נאָר אַפילו זיין צדיקים „בתוך העיר", אין דער שטאָדט סדום — סדום'ער צדיקים, וואָס אויב זיי וואָלטען זיך געפינען ערגעץ אַנדערש, וואָלטען זיי אין פערגלייך מיט יענע איינוואוינער געווען די ערגסטע, די רשעים... (חרש וחשב)

רבי יצחק וואָלאָזשינער איז אַמאָל געווען אין אַנ'אויסלענדיש קוראָרט, האָט מען דאָרט דערצעהלט וועגען אַ געוויסען בנן של קדושים, וועלכער פיהרט איינדערהיים די ראָליע פון אַ צדיק און דאָ, אַהערקומענדיג קיין אויס־לאַנד, פיהרט ער זיך אויף זעהר און זעהר נישט כהוגן און מען מורמעלט גאָר שטאַרק אויף איהם.

האָט דער וואָלאָזשינער דערויף געענטפערט, אַז איצט איז איהם פער־שטענדליך, פאַרוואָס עס שטעהט אין פסוק: „חמשים צדיקים בתוך העיר", ווייזט אויס, אַז די סדום'ער צדיקים זענען נאָר געווען פרום ביי זיך אין שטאָדט, ווי נאָר אָבער זיי פלעגען אַרויס מחוץ לעיר, האָט מען מעהר נישט דערקענט אויף זיי קיין שפור פון צדקות...

הנה נא הואלתי לדבר וכו' ואנכי עפר ואפר... (יח. כז.)

און אויב איך, אַ נישטיגער מענש, עפר ואפר, האָב רחמנות, דאַרפסטו דאָך, רבונו־של־עולם, דער אַב הרחמים והסליחות, אַודאי און אַודאי אויף זיי רחמנות האָבען!... (רבי ר' בונם)

וילך ד׳ כאשר כלה לדבר אל אברהם ואברהם שב למקומו... (יח. לג.)

הגם — האָט געזאָגט דער רבי ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער — אברהם האָט איצטיגעס מאָל גאָרנישט געפועלט, דען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ס׳זענען נישטאָ אין סדום אַפילו קיין פינף צדיקים, דאָך „ואברהם שב למקומו״, איז אברהם דערפון נישט נתפעל געוואָרען און ער האָט זיך צוריק אומגעקעהרט צו זיין מקום, זיך ווייטער געהאַלטען אין זיין פריהערדיגען דרך, אַז מען דאַרף נישט אויפהערען צו בעמיהען זיך און מלמד זכות זיין אויף מענשען, אַפילו אויף רשעים...

ואנשי העיר אנשי סדום נסבו על הבית וכו׳ כל העם מקצה... (יט. ד.)

ווייזט אויס, אַז די סדומישע מנהיגים האָבען שוין דאַמאָלס געוואוסט פון דער איידעלער טאַקטיק, אַז פּאַגראָמירען דאַרף מען נישט אַליין, אַליין פאַסט נישט איינצוריכטען זיך די הענד מיט אַזעלכע זאַכען. אויסצופיהרען די בלוטיגע אַרבייט דאַרף מען שיקען דעם „קצה העם״ — דעם המון, דאָס פעבעל...

(ארונו של יוסף)

האחד בא לגור וישפט שפוט... (יט. ט.)

דעם רבי׳ן ר׳ העשיל, בשעת ער איז נאָך אַ יונגעל געווען, האָט מען איהם געפרעגט: וואָס האָבען זיך די סדומניקעס אַזוי געוואונדערט: „האחד בא לגור וישפט שפוט״, די סדום-לייט האָבען דאָך אַליין געטהון פערקעהרט פון געזעץ און להיפוך ווי אַלע אַנדערע זענען זיך נוהג, האָט דאָך לויט׳ן סדומישען שטייגער אויך דאָ טאַקי געדאַרפט זיין פערקעהרט, אַז „אחד בא לגור״ זאָל ער זיין וישפוט שפוט?...

האָט ער מניה וביה דערויף געענטפערט:

— דער, וואָס האָט געשטעלט די דאָזיגע פראַגע, איז דאָך אויך געווען אַ סדומניק, האָט ער דעריבער אויך דערביי אַרויסגעוויזען דעם סדומישען איפכא מסתברא און טאַקי געפרעגט פערקעהרט, ווי דער סדומישער שכל-הישר האָט אויסגעטראָגען...

הנה נתתי אלף כסף לאָחיך הנה הוא לך כסות עינים... (כ׳ טז.)

דאָס, וואָס איך רוף אברהמ׳ן „אחיך״, כאָטש איך ווייס דאָך שוין װאויל, אַז ער איז דיין מאַן, טהו איך עס בכיוון אַלס „כסות עינים לכל אשר אתך״, בכדי אַלעמען די אויגען צו פערבלענדען, זיי זאָלען ווייטער מיינען, אַזוי ווי איהר האָט זיך פריהער פאַר אונז פאָרגעשטעלט, אַז עס איז דיין ברודער...

(קול אומר קרא)

וד׳ פקד את שרה כאַשר אָמר... (כא. א.)

„סמך פרשה זו ללמדך שכל המבקש רחמים על חברו והוא צריך לאותו דבר — הוא נענה תחלה״ (רש״י)

„והוא צריך לאותו דבר״ — האָט געטייטשט דער רבי ר׳ בונם — כאָטש ער אַליין דאַרף, כאָטש אין זיינע אינטערעסען איז, אַז יענער זאָל ווייטער בלייבען באותו דבר, אינ׳ם זעלבען צושטאַנד, און נישט בעקומען די נויטיגע הילף, און דאָך איז ער פאַר איהם מתפלל, איז „הוא נענה תחלה״. אַ ראיה פון אברהמ׳ן: אברהם האָט דאָך באמת נישט געדאַרפט וועלען, אַז דער עונש פון „כי עצור עצר ד׳ בעד כל רחם לבית אבימלך״ זאָל בעזייטיגט ווערען, פאַר איהם וואָלט פיעל גלייכער געווען, אַז אבימלך זאָל בלייבען ביי דער דאָזיגער שטראָף, ער זאָל זיין אַנ׳עקר, וממילא וואָלטען שוין די לצני הדור נישטגעקאָנט זאָגען, אַז „מאבימלך נתעברה שרה״, און דאָך האָט ער זיך דערמיט נישט גערעכענט און האָט פאַר איהם מתפלל געווען און דעריבער — „הוא נענה תחלה״...

כל אַשר תאמר אליך שרה שמע בקולה... (כא. יב.)

דעם רבי ר׳ העש׳לס ווייב האָט אַמאָל געהאַט אַ טענה צום מאַן, באַשר ער האָט עפּעס אָבגעטהון אַ זאַך אין אַ רבנישען ענין אָהן איהר רצון, הגם זי איז געווען געגען דעם און זי האָט איהם פאָרגעוואָרפען, אַז עס שטעהט דאָך בפירוש אין דער תורה: „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה״, אַז עס איז אַ מצוה צו הערען דאָס ווייב.

האָט ער איהר דערויף געענטפערט: אויף די ווערטער „שמע בקולה״ זאָגט רש״י: „בקול רוח הקודש שבה״. צוליעב וואָס זאָגט דאָס רש״י? נאָר רש״י׳ן האָט געאַרט, הלמאַי געפינען מיר אין דער גמרא פערקעהרט: „כל

ההולך בעצת אשתו נופל בגיהנם" (בבא מציעא נ"ט), דאָס איז דאָך אַ בפירושע סתירה צום דאָזיגען פסוק? איז דעריבער בעמערקט רש"י: „בקול רוח הקדש שבה", אַז הערען דאַרף מען נאָר אַזאַ ווייב, וועלכע איז אַ נביאה און האָט רוח הקדש, אָבער נישט קיין סתם ווייבער...

ויאמר אַברהם אָנכי אִשָׁבֵעַ... (כא. כד.)

בדרך חדוד:

דער דין איז, אַז אַ איד טאָר נישט מאַכען שותפות מיט קיין גוי אַ געצענדינער, וויל טאָמער וועט בשעת'ן שותפות פאַרקומען צווישען זיי עפּעס אַ סכסוך, צוליעב וועלכען זיי וועלען דאַרפען אָנקומען צום געריכט און דער גוי וועט דאַן ווערען אויפגעפאָדערט אָבצוגעבען אַ שבועה, וועט ער דאָך, דער איד, דערמיט גורם זיין צו אַ איסור פון „ושם אלהים אחרים לא תזכירו ולא ישמע על פיך".

איז אויב אַזוי, טאָ ווי אַזוי האָט זיך אברהם געמעגט פערבינדען מיט אבימלך?

און דערויף איז מדייק דער פסוק: „ויאמר אברהם אנכי אשבע", אברהם האָט אויסגענומען אַ תנאי מיט אבימלך'ן, אַז אויב עס וועט אויס־ברעכען אַ וועלכער עס איז סכסוך צווישען זיי, זאָל ער, אברהם, שווערען, נישט אבימלך...

(רבי ליביש חריף)

ויהי אַחר הדברים האלה וכו'... (כב. א.)

רבי עזריאל הורוויץ, דער „אייזערנער קאָפּ", וועלכער איז געווען בידוע, אַ גרויסער מתנגד, איז אַמאָל געקומען צום רבי'ן פון לובלין. דער רבי האָט גראָד דעמאָלס געזאָגט תורה וועגען דעם ענין פון דער עקידה בדרך רמז, אַז יצחק האָט אין זיך פולל געווען די מדה פון יראה, די בחינה פון „פחד יצחק" און דער סוד העקידה איז געווען צו בעזייטיגען פון עבודת־השם די מדה פון פחד, אַז דינען זאָל מען השי"ת נישט מיראה, נאָר מאהבה, און אַזוי ווייטער עפ"י דרך־החסידות.

נאָכ'ן פערענדיגען די תורה רופט זיך אָן רבי עזריאל הורוויץ צום רבי'ן פון לובלין:

— איצט איז מיר שוין קלאָר, אין וואָס עס איז בעשטאַנען אברהם אבינו'ס נסיון. דער נסיון זיינער איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז נישט געווען קיין חסיד, וואָרום וואָלט ער געווען אַ חסיד, וואָלט ער גאָר־נישט געגאַנגען שעכטען יצחק'ן, דען ער וואָלט עס אויסגעטייטשט, אַז השי"ת

פערלאַנגט בלויז פון איהם, ער זאָל שעכטען די מדת-יצחק, דעם פחד, די יראה... דערמיט אָבער, וואָס ער איז קיין חסיד נישט געווען, האָט ער אָנגענו-מען דעם אויבערשטענס ווערטער גאַנץ איינפאַך, בתכלית הפשטות, און אין דעם איז בעשטאַנען זיין נסיון...

אלקים יראה לו השה לעולה בני... (כב. ח.)

„ואעפ"י שהבין יצחק שהוא הולך להשחט — וילכו שניהם יחדיו בלב שוה" (רש"י)

דאָס — פלעגט זאָגען דער חידושי הרי"ם — וואָס יצחק איז געגאַנגען בלב שוה צו דער שחיטה, פערקלענערט נישט די גדלות פון אברהם אבינו'ס נסיון, נאָר פערקעהרט, זיין נסיון ווערט דאַדורך נאָך פיעל גרעסער, קענענ-דיג פועלן ביי זיך מקריב צו זיין אַזאַ זוהן, אַזאַ צדיק, וועלכער געהט צו דער שחיטה בלב שוה...

הנה נא ידעתי כי איש אלקים קדוש הוא... (הפטרה, מלכים ב. ד.)

„קדוש הוא, מנא ידעה? רב ושמואל חד אמר וכו'" (ברכות י')

דערפון, וואָס די גמרא פרעגט: „מנא ידעה"? איז צו זעהן, אַז דעם ווירקליכען קדוש דערקענט מען נישט און ער אונטערשיידעט זיך נישט אוי-סערליך מיט קיין שום זאַך פון אַנדערע, טראָגט נישט קיין בעזונדערען לבוש, בלאָזט נישט פון זיך, און מאַכט בכלל פון זיך קיין וועזען נישט, וואָרום ווען יאָ, וואָס איז פראַגע: „מנא ידעה?"...

(רבי ישראל סאלאנטער)

חיי שׂרה

ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה וכו׳... (כג. א.)

„בת ק׳ כבת כ׳ לחטא ובת כ׳ כבת ז׳ ליופי״ (רש״י)

מעגליך, אַז דער נוסח פונ׳ם דאָזיגען דרש, וועלכער איז גענומען פון מדרש רבה, איז דורך די מדפיסים פערגרייזט געוואָרען, דען אין ילקוט תהלים ל״ז איז די גירסא פונ׳ם זעלבען דרש אַ גאַנץ אַנדערע און נעמליך: „בת ק׳ כבת כ׳ לנוי ובת כ׳ כבת ז׳ לחטא״. לויט דער דאָזיגער גירסא פאַלען שוין ממילא אַוועק די אַלע בעקאַנטע קשיות צוזאַמען מיט די פלפול׳דיגע תירוצים...

(כנסת הגדולה)

שני חיי שרה... (כג. א.)

„כלן שוין לטובה״ (רש״י)

האָט דען די מאַמע שרה בלויז גוטע יאָהרען געהאַט? איז זי דען וועניג עגמת-נפש׳ן דורכגעגאַנגען אין לעבען, זייענדיג ביז נייַנציג יאָהר אַן-עקרה, און דאַן דאָס אַרומוואַנדערען צוליעב׳ן הונגער פון לאַנד צו לאַנד, און די מעשה-פרעה און מעשה-אבימלך?

נאָר דער פשט איז — האָט געזאָגט דערויף רבי זישא אַניפּאָלער — „כלן שוין לטובה״, זי האָט ווי אַנ׳אמת׳ע צדקת די אַלע יאָהרען פאַר ליעב גענומען, קיינמאָל נישט מתרעם געוועזן און שטענדיג געזאָגט: „גם זו לטובה״...

ויבא אַברהם לספוד לשרה ולבכותה... (כג. ב.)

דער רמב״ן אין ספר „תולדות אדם״ ערקלערט, אַז „נשים נספדות כמו אנשים״, אַז אויך וווייבער מעג מען מספיד זיין, ברענגענדיג אַ ראיה פון דער גמרא: „רפרם אַספדה לכלתיה גבי כנישתא״ (מגילה כ״ח) און

„ואותו היום מתה אמו של בן זזא והספידה רבן גמליאל הספד גדול" (ראש-השנה כ"ח).

פרעגט זיך: נאָכוואָס דאַרפען מיר די ראיה פון דער גמרא, ווען עס שטעהט דאָך בפירוש אין דער תורה: „ויבא אברהם לספוד לשרה"?...

אין יאָהר תקנ"ו איז אין לעמבערג נפטר געוואָרען דער רב רבי שמואל סאליר. צוזאַמען מיט דער דאָזיגער טרויעריגער ידיעה האָבען די אידען אין גאַליציען בעקומען אינ'ם זעלבען טאָג נאָך אַ בשורה רעה: דאָס מלכות האָט אַרויסגעגעבען אַ גזירה וועגען „ליכט-פּאַכט", וועגען נעהמען ביי אידען אַ ספּעציעלען שטייער פון די שבת-ליכט.

האָט דאַן רבי משולם הכהן, דער מחבר פון „פּתחי נדה", געזאָגט אין זיין הספד: די חז"ל זאָגען, אַז מען דאַרף טרויערען „על אב-בית-דין שמת ועל המאורות שלוקין". איצט זענען, ליידער, געשעהעןביידע זאַכען צוזאַמען: גלייכצייטיג מיט'ן אב"ד שמת איז אויך געקומען דער „המאורות לוקין" (די גזירה וועגען די ליכט)...

גר ותושב אָנכי עמכם... (כג. ד.)

„אם תרצו הריני גר ואם לאו אהיה תושב ואטלנה מן הד[ין]"

האָט דער רבי ר' יונתן, בשעת ער איז אַ יונגעל געווען, געזאָגט דערויף פאָלגענדען חדוד:

אין מדרש ווערט געזאָגט, אַז אברהם אבינו האָט זוכה געווען צו ארץ-ישראל, דאָס לאַנד פון די „עשרה עממין", צוליעב די עשרה נסיונות, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטען, און איינער פון די נסיונות איז אויך געווען דאָס, וואָס נישט קוקענדיג אויף דער געגעבענער הבטחה, אַז דאָס גאַנצע לאַנד וועט געהערען צו איהם, איז ער דאָך געצוואונגען געווען צו קויפען אַ קבר פאַר שרה'ן בכסף מלא. און דאָס, אַלזאָ, האָט אברהם גע'טענה'ט צו עפרונ'ען: „אם תרצו — הריני גר", אויב איהר וועט מיר געבען דעם קבר אָהן געלד, וועל איך בלייבען אַ גר אויפ'ן דאָזיגען טייל פון לאַנד, דען דאַמאָלס וועל איך דאָך נישט האָבען מעהר אויסגעשטאַנען, ווי ניין נסיונות און איך וועל ירש'ענען בלויז דאָס לאַנד פון „תשעה עממין", ואם לאו — אויב אָבער איהר ווילט מיר נישט געבען דעם קבר אָהן געלד און איהר צווינגט מיך אויך דעם דאָזיגען נסיון בייצושטעהען —„אהיה תושב ואטלנה מן הדין", וועל איך אויך אינ'ם דאָזיגען טייל לאַנד ווערען אַ תושב, דען דאַן וועט מיר מן הדין דאַרפען געהערען דאָס גאַנצע לאַנד, פון אַלע עשרה עממין...

דער דובנער מגיד פערטייטשט דעם דאָזיגען פסוק גאַנץ איינפאַך: „גר ותושב אנכי עמכם״, איך מיט אייך זענען מיר „גר ותושב״, איך בין אַ גר און איהר—אַ תושב...

במבחר קברינו קבור את מתך... (כג. ו.)

„קבור את מתך — מתים הרבה״ (ב״ר פ׳ נ״ח)

דאָס זשאַלעווען זיי אונז נישט, די שונאים אונזערע. דעם דאָזיגען פערלאַנג זענען זיי אונז שטענדיג גרייט נאָכצוקומען. לעבען וועלען מיר אייך נישט לאָזען ביי אונז, אָבער שטאַרבען? „במבחר קברינו קבור את מתך — מתים הרבה״. נישט איין מת, נאָר אַפילו אַ סך. דאָס—וויפיעל איהר ווילט...

(נכוס נחומים)

אַרבע מאות שקל עובר לסחר... (כג. טז.)

רבי אפרים זלמן מרגליות איז אַמאָל געגאַנגען מיט אַ שתדלנות צו איינעם פון די בראָדער העכערע מלוכה-בעאַמטע. דער דאָזיגער בעאַמטער איז געוועהנט געווען ביי יעדע בקשה צו נעהמען שוחד. אָבער אַזוי ווי עס האָט איהם נישט געפּאַסט צו רעדען מיט׳ן רב אָפען וועגען דעם, האָט ער עס געמאַכט אויף אַן איידעלען אופן און געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אַזוי ווי ער איז אַ געוויסען בראָדער סוחר שולדיג אַ סומע געלד, לכן בעט ער דעם רב, ער זאָל אַזוי פריינדליך זיין און ערלעדיגען פאַר איהם ביים סוחר די געהעריגע סומע...

— עס איז מיר דערמיט פערענטפערט געוואָרען — האָט נאָכהער רבי אפרים זלמן ערקלערט — פאַרוואָס עס שטעהט ביי אברהמ׳ן: „וישקול אברהם לעפרון את הכסף וכו׳ עובר לסוחר״. וואָס מיינט מען „עובר לסוחר״? נאָר, ווי עס ווייזט אויס, האָט עפרונ׳ען, דעם נשיא פון די בני חת, נישט געפּאַסט אַליין קיין געלד צו נעהמען, און דאָס געלד איז ערלעדיגט געוואָרען דורך אַ צווייטע האַנד, „עובר לסוחר״, דורך אַן אָנווייזונג צו אַ סוחר...

ואַברהם זקן בא בימים... (כד. א.)

בשעת דער ליסער רב, רבי יעקב, איז געוואָרען רב אין ליסא, האָט ער די ערשטע צייט געהאַט אין שטאָדט אַ סך געגנער.

— וואָס האָט איר אייגענטליך צו מיר — האָט ער זיך געווענדעט צו איינעם פון זייערע הויפּט-פיהרער — צי דען בין איך נישט קיין בקי בתורה, בין איך אפשר צו-וועניג למדן פאַר אייך?

— צו אייער לומדות, רבי — האט יענער ערקלערט — האבען מיר גארנישט, אבער איהר זענט צו-יונג און עס שטעהט אונז נישט אן, אז אזא יונגערמאן זאל פערנעהמען דאס בעריהמטע ליסער רבנות.

— אויב נאר דאס איז דער חסרון — האט איהם דער ליסער רב געענטפערט — בין איך אייך מבטיח, אז ביסלעכווייז, מיט יעדען טאג, וועל איך דעם דאזיגען פעהלער אויסבעסערען...

וד׳ ברך את אברהם בכל... (כד. א.)

„רבי מאיר אומר, בכל — שלא היתה לו בת״ (ב״ב טז.)

און דעריבער — האט דער „כתב סופר״ דערויף געזאגט בדרך צחות— ווערט דערביי צוגעגעבען: „ואברהם זקן בא בימים״, דען דער רמב״ם שרייבט אין איינע פון זיינע בריעף צו זיין זוהן, אז צוליעב דער טאכטער, מיט וועלכער עס איז איהם שווער א פאסיגען שידוך צו טהון, זענען איהם שוין די האהר גרוי געווארען... אברהם — דערצעהלט אונז, אלזא, דער פסוק — „זקן בא בימים״, איז אלט געווארען צו דער צייט, צוליעב די יאהרען, און דאס איז געווען דערפאר, ווייל „וד׳ ברך את אברהם בכל — שלא היתה לו בת״, און „ויאמר אברהם אל עבדו וכו׳״ און ער האט געדארפט בלויז א שידוך טהון מיט׳ן זוהן, ווארום וואלט ער געהאט א טאכטער און ער וואלט מיט איהר געדארפט א שידוך טהון, וואלט ער דאן געווארען א זקן פאר די יאהרען, נאך איידער ער וואלט געווען א בא בימים...

וד׳ ברך את אברהם בכל...

ער האט איהם געבענשט מיט דער מדה פון „כל״, ער זאל זיך מיט אלעמען צופרידענשטעלען...

(אור לישרים)

און דאס איז אויך דער טייטש: „דורשי ד׳ לא יחסרו״, די דורשי ד׳ פעהלט גארנישט, ווייל — „כל טוב״, אלץ איז ביי זיי גוט...

(רבי אברהם יעקב סאדיגורער)

ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו וכו׳... (כד. ב.)

נאכדעם, ווי „וד׳ ברך את אברהם בכל״, ווען ער איז שוין געווען מיט אלעם פערזארגט, ווערענדיג א תושב אין לאנד, ערווערבענדיג פאר זיך א שטענדיגע נחלה, „השדה והמערה אשר בו וכל העץ אשר בשדה״, וואס וועט איבערגעהן בירושה צו יצחק׳ן און ער וועט שוין נישט דארפען, ווי

דער טאַטע, צו זיין נע־ונד און אַרומצוואַנדערען מיט זיין ווייב פון לאַנד צו לאַנד — ערשט דאַן האָט ער בעשלאָסען מיט איהם אַ שידוך צו טהון...
(הכורם)

לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני... (כד. ג)

דערויף ווערט געזאָגט אין רבינו בחיי: „ועל כן הוקבע בישראל מנהג לקרות פרשה זו לחתן בימי חתונתו״.

ווי עס איז דערפון צו זעהען, איז פאַרצייטענס געוועו ביי אידען אַ מנהג פאַרצולייענען פאַר׳ן חתן אינ׳ם חופה־טאָג די דאָזיגע פרשה אין חיי־שרה, וואו עס רעדט זיך וועגען יצחק׳ס שידוך מיט רבקה׳ן...

לא אוכל עד אם דברתי דברי... (כד. לג.)

פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט פריהער עסען? דען די חז״ל זאָגען: „בתחלה דומה ת״ח לפני ע״ה לקיתון של זהב, סיפר עמו דומה לקיתון של כסף, נהנה ממנו דומה לקיתון של חרס״ (סנהדרין נ״ב). דער פּראָסטער מענש, דעם עם־הארץ, קוים עסט מען מיט איהם, האָט ער שוין מעהר קיין דרך־ארץ נישט און מען פערלירט שוין אינגאַנצען ביי איהם דאָס חשיבות... וועלענדיג, אַלזאָ, אַז מען זאָל זיך בעציהען צו איהם מיט אַכטונג און זיינע ווערטער זאָלען געהערט ווערען, האָט דעריבער אליעזר ערקלערט: „לא אוכל עד אם דברתי דברי״...
(רבי יעקב, ליסער רב)

אולי לא תלך האשה אחרי... (כד. לט.)

„אלי כתיב, בת היתה לו לאליעזר והיה מחזר למצוא עילה וכו׳ להשיאו בתו״ (רש״י)

פרעגט מען דערויף: פאַרוואָס ווערט נישט דאָס זעלבע גע׳דרשנ׳ט פון „אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי״ (כד. ה.)? פאַרוואָס איז דאָרט נישט דאָס וואָרט „אולי״ חסר?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי יצחק וואָרקער — בשעת אליעזר האָט די דאָזיגע ווערטער געזאָגט צו אברהמ׳ן, האָט ער דאַן די העזה נישט געהאַט צו טראַכטען בשעת מעשה אַזעלכע זאַכען, אַז יצחק זאָל זיך משדך זיין מיט זיין טאָכטער. ערשט שפּעטער, זיצענדיג מיט בתואל׳ן און מיט לבנ׳ען, האָט ער בעקומען אין זיך די דאָזיגע דרייסטקייט, האַלטענדיג, אַז אין פער־גלייך מיט זיי איז ער אַ פיעל גרעסערער חשוב און עס פּאַסט איהם גיכער צו זיין אברהמ׳ס מחותן...

און רבי חיים בריסקער האָט דערויף געענטפערט:

פריהער, בשעת אליעזר האָט געפרעגט אברהמ׳ן: „אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי״, איז עס גאַנץ ריכטיג געווען פון זיין זייט און אויפ׳ן אָרט. ער האָט געוואָלט וויסען, ווי אַזוי ער האָט צו האַנדלען אין אַזאַ פאַל, אויב רבקה וועט נישט וועלען געהן מיט איהם. איצט אָבער, בעת ער האָט געשילדערט פאַר בתואל און לבנ׳ען די שבחים פון בית אַברהם און פון יצחק׳ן, צוליעב וואָס האָט ער זיי פלוצים געדאַרפט דערצעהלען, אַז ער האָט געפרעגט אברהמ׳ן: „אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי״? איז נישט אַנדערש, נאָר „בת היה לו לאליעזר וכו׳״, און ער האָט זיי דאָס בכיון דערצעהלט, כדי זיי זאָלען חרטה האָבען און זיך טראַכטען: וויבאַלד אליעזר האָט געשטעלט אַברהם׳ן די שאלה „אולי לא תאבה האשה״, מן הסתם איז דאָ עפּעס אַ חסרון אין דעם שידוך, מסתמא איז דאָ אַ גרונד נישט צו וועלען...

צו רבי מענדעלי קאָצקער איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער רבי מיט אַ בקשה, ער זאָל אונטערשטיצען די קאַנדידאַטור פון זיינעם אַ חסיד, וועלכער האָט בייי ווערען רב אין ביאַלאַ. אויפ׳ן פאַרוואורף, וואָס דער קאָצקער האָט איהם געמאַכט, אַז ביי אויפנעהמען אַ רב דאַרפען אויסגעמיטען ווערען פערזענליכע נגיעות, האָט יענער רבי געשוואוירען, אַז ער טהוט עס נישט, חלילה, צוליעב קיין שום פניות, נאָר בלויז דערפאַר, ווייל ער געפינט, אַז דער דאָזיגער חסיד זיינער איז ראוי לאותה אצטלא. דער קאָצקער אָבער האָט איהם נישט געוואָלט נאָכגעבען און אויפגענומען איז טאַקי געוואָרען אין ביאַלע אַן אַנדערער רב.

לימים, אין אַ צייט אַרום, ווען דער קאָצקער האָט זיך ווידער אַמאָל צונויפגעטראָפען מיט׳ן זעלבען רבי׳ן, פרעגט ער איהם:

— נו, איצט זאָגט מיר דעם אמת, זענט איהר דאַמאָלס נישט געווען אַ נוגע?

— צוליעב וואָס פרעגט איהר דאָס? — וואונדערט זיך דער רבי — אויב איהר האָט מיר דאַמאָלס נישט געגלויבט, וועט איהר מיר דען איצט יאָ גלויבען?

ענטפערט איהם דער קאָצקער:

אויף די ווערטער פון אליעזר׳ן „אולי לא תלך האשה אַחרי״, זאָגט רש״י: „אלי כתיב, בת היה לו לאליעזר״, אַז ער איז, הייסט עס, געווען אַ נוגע בדבר. פרעגען דערויף די מפרשים: פאַרוואָס איז נישט דער „אולי״ חסר אין פריהערדיגען פסוק: „אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי״? דאָרט, בשעת ער האָט גערעדט מיט אברהמ׳ן, פון וועלכען ער האָט ערוואַרט אַן־ענטפער אויף זיין שאלה, וואָלט דאָך גיכער געפּאַסט צו דרשנ׳ען דעם דאָזיגען דרש? נאָר דער תירוץ איז: פריהער האָט אליעזר גאַרנישט געפיהלט,

אַז דעם „אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי” זאָגט ער דערפאַר, ווייל ער האָט אַ טאָכטער, דען דער נוגע בדבר פיהלט גאָר אָפט נישט, אַז ער איז אַ נוגע... ערשט שפּעטער, לאחר המעשה, ווען ער איז שוין געווען אין ארם נהרים און דער פלאַן מיט זיין טאָכטער איז דורכגעפאַלען, ערשט דאַמאָלס האָט ער דערפיהלט, אַז מיט זיין „אולי”, וואָס ער האָט געהאַט געפרעגט אברהמ'ן, איז ער געווען אַ נוגע...

ואשאל אותה ואומר בת מי את וכו' ואשים הנזם על אפה... (כד. מז.)

„שנה הסדר שהרי הוא תחלה נתן ואח"כ שאל” (רש"י)

פאַרוואָס האָט ער טאַקי משנה געווען דעם סדר?

האָט געזאָגט דערויף דער חכם צבי:

אין דער גמרא ווערט דערצעהלט: „ההוא גברא דאמר להו, הבו ליה ארבע מאה זוזי לפלוני ולנסיב ברתי, אמר רב פפא: ארבע מאה שקיל, וברתיה — אי בעי נסיב, אי בעי לא נסיב, טעמא דאמר הבו ליה ולנסיב, אבל אי אמר: לנסיב והבו ליה, אי נסיב — שקיל, ואי לא נסיב — לא שקיל” (ביצה כ').

ווען, אַלזאָ, אליעזר וואָלט געווען דערצעהלט דעם אמת, אַז פריהער האָט ער איהר געגעבען די מתנות און ערשט דערנאָך איז ער צוגעטרעטען צו שמועסען וועגען ענין, וואָלט מען איהם געקאָנט ענטפערען, אַז די געגעבענע מתנות זענען איהר צו גאַרנישט מחייב און עס האָט דעם דין פון „ארבע מאה שקיל וברתיה אי בעי נסיב, אי בעי — לא נסיב”, האָט ער דעריבער ביים דערצעהלען משנה געווען דעם סדר, בכדי געבען דערמיט אָנצוהערעניש, אַז די מתנות האָט ער איהר געגעבען לשם קידושין...

תּוֹלְדוֹת

ויהי יצחק בן אַרבעים שנה בקחתו את רבקה... (כה. כ.)

צוויי מאָל, ווערט אָנגעוויזען אין דער מסורה, געפינט זיך דאָס וואָרט „בקחתו" אין תנ"ך: „בקחתו את רבקה" און „בקחתו אותו והוא אסור באזיקים" (ירמי' מ. א.). עס איז היינו הך — פלעגט דערויף זאָגען רבי אריה די מודינא — נאָכ'ן מקיים זיין דעם ערשטען „בקחתו" קומט גלייך דער צווייטער — דער „בקחתו אותו והוא אסור באזיקים", ווערט מען אַ געבינדענער אין קייטען...

ויעתר יצחק לד'... (כה. כא.)

דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק האָט פאַר דער פטירה זיך געווענדעט צום בני-בית און געזאָגט, אַז ער איז מתפלל צו השי"ת, דאָס זיינע קינדער זאָלען נישט זיין קיין עשירים, בכדי זיי זאָלען געהן בדרך הישר און נישט קאַליע ווערען.

— טאַטע! — האָט זיך דערויף אָנגערופען זיין זוהן, רבי אליעזר — דערמיט וועסטו דאָך גורם זיין, אַז מען זאָל, חלילה, ריידען אויף דיר, דען די גמרא זאָגט אין ברכות: „צדיק וטוב לו — זה צדיק בן צדיק, צדיק ורע לו — זה צדיק בן רשע", און אויב עס וועט אונז געהן שלעכט, וועט מען דאָך זאָגען, אַז דער טאַטע אונזערער איז, חלילה, קיין צדיק נישט געווען!

האָט דער רבי ר' אלימלך אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט, אַז איצט ווערט איהם פערענטפערט אַ מדרש. אויפ'ן פסוק „ויעתר יצחק לד'" זאָגט דער מדרש: „מלמד שהתפלל בעושר". ווי קומט עס, וואָס יצחק אבינו זאָל מתפלל זיין אויף עשירות? נאָר היות, ווי די לצני הדור האָבען מרנן געווען, אַז „מאבימלך נתעברה שרה", האָט ער דעריבער מתפלל געווען, ער זאָל זיין אַנ'עושר, כדי אַלע זאָלען זיך איבערצייגען, אַז ער איז בן אברהם, אַ צדיק בן צדיק, וואָרום ווען ער וואָלט, חלילה, געווען בן אבימלך, וואָלט ער דאָך נישט געקאָנט זיין קיין צדיק וטוב לו...

פונדעסטוועגן, פערזיכערען די חסידים, האָט דער רבי ר׳ אלימלך זיין בקשה נישט צוריקגעצויגען און צווישען זיינע אייניקלעך איז ביז׳ן היינטיגען טאָג נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל זיין אַ׳עושר...

וועגען דעם זין פון אויבענדערמאָהנטען מדרש, אויף וועלכען עס ווערען געגעבען פערשיעדענע פירושים, האָט רבי יצחק שמעלקיש געזאָגט בדרך הלצה:

אַן׳אָרימאַן בעט נישט בלויז אויף קינדער, נאָר צוזאַמען דערמיט איז ער אויך מתפלל אויף פרנסה, כדי ער זאָל אימשטאַנד זיין די קינדער מפרנס צו זיין, און אויב יצחק האָט געבעטען רק אויף קינדער און וועגען פרנסה אַ וואָרט נישט דערמאָהנט, איז — „מלמד שהתפלל בעושר", אַז קיין עשירות האָט איהם שוין דאַמאָלס נישט געפעהלט...

און דאָס איז דער פשט: „וישגב אביון מעוני וישם כצאן משפחות" (תהלים קז. מא.). פריהער זאָל זיין „וישגב אביון מעוני", זאָלסטו פון זיי צונעהמען דאָס אָרימקייט, און ערשט דאַן — „וישם כצאן משפחות׳׳, זאָלסטו זיי געבען אַ סך קינדער. דאָס צווייטע אָהן דעם ערשטען איז נישט אַזאַ גרויס גליק... (הפלאה)

ויתרוצצו הבנים בקרבה... (כה. כב.)

צוליעב׳ן חשש, אַז יעקב זאָל זיך, חלילה, נישט אָראָפּלערנען פון עשו׳ס מעשים, האָט מען שוין אין דער מאַמעס בויך אין זיי פונאַנדערגעשיידט און געמאַכט צווישען זיי אַ פירוד... (ספר חסידים סי׳ תתשל״ז)

„כשהיתה עוברת על פתחי תורה של שם ועבר — יעקב רץ ומפרכס לצאת, עוברת על פתחי ע״ז — עשו מפרכס לצאת" (רש״י)

פרעגט מען: בשלמא יעקב האָט, פאַרבייגעהענדיג די פתחי תורה, געוואָלט אַרויס פון דער מאַמעס בויך און נישט געקענט, ווייל עשו דער בכור האָט איהם דעם וועג פערשטעלט, אָבער עשו, אויב ער איז געווען אַזאַ „מפרכס לצאת׳׳, בשעת ער איז פערבייגעגאַנגען די פתחי ע״ז, ווער האָט איהם דען געשטערט דערצו?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף רבי יחזקאל קוזמירער — עשו האָט באַדיי מותר געווען אויף זיין עבודה-זרה, אַבי צו פערהאַלטען יעקב׳ן און איהם נישט צולאָזען צו די פתחי תורה...

ותאמר אם כן למה זה אָנכי... (כה. כב.)

אברהם, וועלענדיג זיך בעוואָרענען, אַז עס זאָל אַרויסקומען פון יצחק׳ן אַ פרומער, כשר׳ער דור, האָט ער אָנגעזאָגט אליעזר׳ן, ער זאָל נישט נעהמען פאַר איהם קיין ווייב פון די בנות כנען, נאָר פון ארם נהרים. בשעת, אַלזאָ, רבקה האָט דערפיהלט דעם „ויתרוצצו הבנים בקרבה", אַז „כשעוברת על פתחי עבודה זרה עשו מפרכס לצאת", האָט זי אויסגערופען מיט ערשטוי־נונג: „אם כן למה זה אנכי", אויב אויך מיר שטעהט פאָר צו האָבען אַ זוהן אַ רשע, טאָ נאָכוואָס האָט ער מיך געדאַרפט, האָט ער דאָך געקענט חתונה האָבען מיט איינע פון די בנות כנען?...

(רבי שלמה קלוגער)

שני גוים בבטנך... (כה. כג.)

מיט וואָס איז זי שוין דערמיט געטרייסט, אַז עס איז „שני גוים בבטנך"? נאָר רבקה האָט געמיינט, אַז דאָס איז זי מעוברת מיט אַ צבוע׳ק, וועלכער שפיעלט גלייכצייטיג אַ צוויי־פנים׳דיגע ראָליע און איז אַ מפרכס סיי „על פתחי תורה של שם", סיי „על פתחי עבודה זרה", און זי האָט דעריבער מתרעם געווען: „למה זה אנכי"? בשעת מען האָט איהר אָבער ערקלערט, אַז „שני גוים בבטנך", פון וועלכע איינער איז אַ צדיק און דער צווייטער אַ רשע — האָט זי זיך בערוהיגט: שוין בעסער אַ גוי גמור איי־דער אַ צבוע׳ק...

(אמרי חן)

וידו אוחזת בַעֲקב עשו... (כה. כו.)

בעקב, צום סוף, באחרית הימים, וועט זיין „וידו אוחזת". דער לעצ־טער דעצידירענדער נצחון געהער צו יעקב׳ן...

(אסיפת חכמים)

ויהי עשו איש יודע ציד וכו׳ ויעקב איש תם (כה. כז.)

ביי עשו׳ן ווערט דערמאָהנט צוויי מאָל דאָס וואָרט „איש", דען ער האָט אַ דאָפעלטע, צוויי־פנים׳דיגע ראָליע געשפיעלט: אין שטוב איז ער געווען אַן׳אַנדערער מענש, אַן „איש יודע ציד — לצוד ולרמות את אביו", מאַכענדיג דעם אָנשטעל פון אַ ירא־שמים, און אין פעלד איז ער ווידער אַמאָל געווען אַן׳אַנדערער, דער ריכטיגער עשו... ביי יעקב׳ן דאַגעגען ווערט בלויז איינמאָל געזאָגט דאָס וואָרט „איש", זייענדיג שטענדיג און איבעראַל דער זעלבער...

(שדה תבואות)

צי מעג אַ איד זיין אַנ׳ „איש ציד״ און זיך פערנעהמען מיט יאַגד אויף חיות ?

די דאָזיגע פראַגע ווערט בעהאַנדעלט אין „נודע ביהודה״ (שו״ת ח״ב), וואו עס ווערט אויסגעפיהרט, אַז מען טאָר נישט, און דער „נודע ביהודה״ דריקט זיך דערביי אויס: „איך יוכל בן בנו של אברהם יצחק ויעקב למצוא עונג במעשה נמרוד ועשו״ ?!...

דאָס זעלבע געפינען מיר אויך אין „אור זרוע״ (הלכות שבת סי׳ י״ז) און אין שו״ת מהר״ם רוטנבורג (ח״א סי׳ כ״ז), וואו עס ווערט גע׳אַסר׳ט צו בעשעפטיגען זיך מיט יאַגד „בעזרת הכלבים, כמו שעושים הגוים״...

עס איז אויך, אַגב, כדאי אָנצוּווייזען, אַז מהר״י ווייל (דינים סי׳ ל״ז) פסקנ׳ט, אַז איבער אַ ניי פוטער („אדרת שער״) און שטיוועל דאַרף מען נישט מאַכען קיין „שהחיינו״, ווייל די דאָזיגע זאַכען זענען פערבונדען מיט „צער בעלי חיים״, אומברענגענדיג צו דעם צוועק לעבעדיגע בעשעפענישען...

ויאמר יעקב מִכְרָה כיום את בכורתך לי... (כה. לא.)

וואָס איז דער זין פונ׳ם אויסדרוק „כיום״ ?

נאָר די בכורה האָט אין זיך געהאַט צוויי מעלות: ערשטענס „לפי שהעבודה בבכורות״, זי האָט געגעבען די פריווילעגיע אָבצוּריכטען די עבודה, צווייטענס האָט דער בכור בעקומען דאָפּעלטע ירושה. מיט׳ן אָבקויפען ביי עשו׳ן די בכורה איז יעקב בלויז אויסען געווען די עבודת הקרבנות, און דאָס איז דער פשט: „מכרה כיום את בכורתך לי״, פון דער בכורה פערלאַנג איך בלויז דאָס, וואָס איז גילטיג „כיום״, ביי׳ם היינטיגען טאָג — די עבודה. דאַגעגען דאָס, וואָס די בכורה דאַרף ברענגען מיט זיך שפּעטער — די ירושה, דערויף בין איך מוּתּר...

(רבי צבי הירש קאַלישער)

די בעדייטונג פון „כיום״ איז: אַ שטענדיגע, אייביגע זאַך, ווי מיר געפינען אין סנהדרין (פרק חלק): „עשרת השבטים אינם עתידים לחזור, שנאמר וישליכם אל ארץ אחרת כיום הזה, מה יום הזה אינו חוזר אף המה אינם עתידים לחזור״. און „מכרה כיום״ בעדייט, אַלזאָ: די מכירה זאָל זיין אויף שטענדיג, לצמיתות

(קול יבשר)

ויאמר יעקב השבעה לי כיום... (כה. לג.)

„מה ראה יעקב שנתן נפשו על הבכורה וכו׳״ (מדרש רבה פ׳ ס״ג)

מיט וואָס איז דאָ „נתן נפשו״, וואָס פאַר אַ מסירת־נפש האָט דען דערביי יעקב אַרויסגעוויזען ? צווייטענס, האָט דאָך דער מדרש געדאַרפט

פרעגען די דאָזיגע פראַגע אויפ'ן פריהערדיגען פסוק, אויפ'ן „מכרה כיום את בכורתך לי" ?

נאָר וועגען אַ שבועת־שוא זאָגען די חז"ל : „נפרעים ממנו וממשפחתו", און די פראַגע, אַלזאָ, פון מדרש איז : „מה ראה יעקב שנתן נפשו על הבכורה", ווי אַזוי האָט זיך יעקב איינגעשטעלט צו געבען אַ שבועה עשו'ן, וועלכער איז דאָך געווען חשוד, ער זאָל די שבועה נישט מקיים זיין און דאַן וואָלט דאָך אויך יעקב געווען אין סכנה, דען — „על שבועת־שוא נפרעים ממנו וממשפחתו" ?...

(מרגניתא דרב)

ויאכל וישת וכו' וַיִּבֶז עשו את הבכורה... (כה. לד.)

צוליעב וואָס דאַרף עס דער פסוק דערצעהלען, אַז ער האָט געגעסען און געטרונקען ?

כדי צו בעזייטיגען דערמיט די טענות, אַז יעקב האָט אויסגענאַרט ביי עשו'ן די בכורה בדרך רמאות, אַז עשו איז דערצו געצוואונגען געווען, ווייל ער האָט קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, זייענדיג הונגעריג, אַ „הולך למות". דערצעהלט דעריבער דער פסוק, אַז אַפילו נאָכ'ן „ויאכל וישת", ווען ער איז שוין מעהר נישט הונגעריג געווען, האָט ער קיין חרטה נישט געהאַט אויפ'ן עסק און — „ויבז עשו את הבכורה"...

(אגדת מהרש"ק)

ויבז עשו את הבכורה... (כה. לד.)

„חמש עבירות עבר אותו רשע באותו היום וכו' וכפר בתחיית המתים ושט את הבכורה" (בבא בתרא ט"ז)

דערויף זאָגט דאָרט רש"י : „שט תרגום של בזיון, מדוע הקילתני תרגום יונתן אישטתני (שמואל ב' יט.)".

פאַרוואָס, פרעגט זיך, ברענגט נישט רש"י אַ ראיה פון תרגום אונקלוס דאָ אויפ'ן אָרט, וואו אויף „ויבז עשו את הבכורה" זאָגט דער תרגום : „ושט עשו ית בכורתא" ?...

ויהי רעב בארץ וכו' וילך יצחק אל אבימלך... (כו. א.)

ביי אברהם'ן ווערט געזאָגט : „ואת הנפש אשר עשו בחרן — שגיירו גרים". וואו־זשע — האָט דערויף געפרעגט רבי העניך פון אַלעקסאַנדער — זענען די דאָזיגע גרים אַהינגעקומען ? פאַרוואָס זענען זיי גאָרנישט דערמאָהנט ביי יצחק'ס וואַנדערונגען ? וואו האָט ער זיי איבערגעלאָזט ?

נאָר, ווי עס ווייזט אויס — האָט ער געענטפערט — איז צוליעב דעם וואָס יצחק איז געווען צו שטרענג, בבחינת „פחד יצחק", זענען די גרים אנטלאָפען פון איהם און חזרו לסורם.

די דאָזיגע ווערטער האָט דער אַלעקסאַנדרער רבי געזאָגט אַנטקעגען דעם רבי'ן פון קאָצק, רבי מענדעלי, וועלכער האָט מיט זיין שטרענגקייט און שאַרפקייט אָבגעשטויסען פון זיך אַ סך חסידים...

ונתתי לזרעך את כל הארצות האל והתברכו בזרעך וכו'... (כו. ד.)

נאָכ'ן „ונתתי לזרעך את כל הארצות האל", נאָכדעם ווי די אידען וועלען זיך איינאָרדנען און זיך בעזעצען אין אַנ'אייגען לאַנד — ערשט דאַן „והתברכו בזרעך כל גויי הארץ", וועלען די גוים ריהמען די אידען און האָבען פאַר זיי אַכטונג...

(רבי אליהו גריידיצער)

עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור וכו' חקותי ותורותי... (כו. ה.)

„אמר רבא, קיים אברהם אבינו אפילו עירובי תבשילין, שנאמר ותורותי" (יומא כ"ח)

דער ווילנער גאון איז מגיה, אַז עס איז דאָ אַ טעות-הדפוס. אין כתב-יד איז געשטאַנען אַ ראשי-תיבות „ע"ת" און דער מדפיס האָט געלייענט: „עירובי תבשילין", באמת אָבער דאַרף זיין: „עירובי תחומין" און דער דרש שטיצט זיך דאָ בעיקר אויפ'ן וואָרט „עקב" (טריט)...

ולא רבו עליה ויקרא שמה רחובות... כי עתה הרחיב ד' לנו... (כו. כב.)

אידישע גליקען! אויב „ולא רבו עליה", אויב מען הערט אונז אויף צו טשעפען אויף אַ מאָמענט און צו בעראַבעווען, איז — עתה הרחיב ד' לנו", איז עס פאַר אונז אַ געוואַלדיגע הרחבה, אַ ישועה. קיין אַנדערע גליקען האָבען מיר נישט אין גלות... עהנליך דערצו איז די ברכה, וואָס מען האָט מתקן געווען אין ברכת המזון אויף די הרוגי ביתר. „הטוב והמטיב" — „הטוב שלא הסריחו, והמטיב שניתנו לקבורה". אָט דאָס משטיינס געזאָגט זענען די אידישע טובות ונחמות...

(דר. אהרן יעלינעק)

ויאמר אליהם יצחק מדוע באתם אלי... (כו. כז.)

וויפיעל מענשליכען און אידישען שטאלץ יצחק אבינו האט ארויסגע-וויזען, וויפיעל מוט און דרייסטקייט ער האט געהאט אין זיך! א פרעמדער איז ער אינ'ם דאזיגען לאנד געוועזן, אונטער א פרעמדער הערשאפט האט ער זיך געפונען און דער הערשער זעלבסט פונ'ם דאזיגען לאנד האט איהם דעם כבוד אנגעטהון און איז געקומען צו איהם און איהם גע'חנפ'ט, אבער יצחק האט זיך מיט דעם אלעם נישט גערעכענט, ער האט נישט געקענט פערטראגען קיין פאלשע חניפה, און אפען האט ער דעם הערשער דעם ביטערען אמת געזאגט און אויסגערופען: „מדוע באתם אלי ואתם שנאתם אותי!"...

(רלב"ג)

ויעש להם משתה וכו' וילכו מאתו בשלום... (כו. ל. לא.)

ביי די שבת'דיגע טישען, וואס דער קאצקער רבי פלעגט פראווען, פלעגען די חסידים זיצען מיט גרויס פחד, ציטערענדיג ממש די פארע פון מויל ארויסצולאזען. איינמאל האט דער קאצקער בעמערקט, ווי איינער פון די חסידים, זיצענדיג ביי'ם טיש, איז שטארק אויפגערוימט, ער ברומט זיך אונטער א ניגונ'דל און איז בכלל מיט זיך עפעס גאר שטארק צופרידען, האט ער א קוק געטהון אויף איהם מיט הקפדה און געזאגט: „ויעש להם משתה ויאכלו וישתו... וילכו מאתו בשלום". דערצו דארף מען טאקי זיין דער אמת'ער גוי! קומען צו יצחק'ן אויף א משתה, עסען און טרינקען און אוועקגעהן פון דארט בשלום, רוהיג, צופרידען, גלייך ווי עס וואלט גארנישט געשעהן, אהן א טראכט צו טהון: צו וועלכען גאט דיענט דאס דער דאזיגער יצחק און וואס זאל איך איצט טהון, אהיימקומענדיג, מיט מיינע געצען? גארנישט — „וילכו מאתם בשלום"...

ועשה לי מטעמים ואוכלה — ואברככה... (כז. ז.)

וואס האט יצחק עפיס אבהענגיג געמאכט די ברכה דערפון, אז פריהער זאל ער איהם ברענגען מטעמים? צי אהן דעם האט ער איהם נישט געקענט בענשען?

נאר גרייטענדיג זיך צו בענשען עשו'ן, האט ער זיך געמוזט פריהער אראבלאזען אין מילי דגשמיות, אין די זאכען, וואס זענען עשו'ן אמנאהטס-טען — אין עסען...

(יקר מפז)

ואברכהו — גם ברוך יהיה... (כז. לג.)

אין תחלת — פלעגט זאגען דער חידושי הרי"ם — האט יצחק ליעבער

געהאט עשו׳ן פאר יעקב׳ן, דען אויף יעקב׳ן איז ביי איהם קיין רבותא נישט געווען, וואס ער איז פרום; א מענש, וואס האט נישט קיין ידיעה אין הויות העולם, אנ׳איש תם ויושב אוהל, א בית-מדרש׳ניק, וואס איז דער חידוש, וואס ער איז פרום? מעהר רבותא איז ביי איהם געווען עשו, וועל־כער איז געווען אנ׳ארבייטס-מענש, פערנומען תמיד מיט מילי דעלמא, און דאך איז ער אבגעהיטען אויף די מינדסטע קלייניקייטען, אזש ביז צו פרעגען: „אבא האיך מעשרין את התבן״? — אזא יונגערמאן איז טאקי א יקר-המציאות...

איצט אבער, בעת ער האט געהערט פון עשו׳ן, אז דאס האט זיך יעקב מקדים געווען און אויסגענארט פון איהם די ברכות, הייסט דאך עס, אז דער יעקב איז לגמרי גאר קיין שוטה נישט, דאס מאכט ער זיך בלויז פאר א תם און באמת שטעהט ער נאך פיעל העכער פאר עשו׳ן, איז אויב אזוי — „גם ברוך יהיה!״ איז ער ווערט די אויסגענארטע ברכות, האט ער זיך זיי פאלקאם פערדיענט...

את בכורתי לקח והנה עתה לקח ברכתי... (כז. לו.)

מיט׳ן אבקויפען די בכורה האט זיך יעקב פערקנעכטעט צו עשו׳ן, דען עס איז דאך געזאגט געווארען: „ורב יעבוד צעיר״, און איצט איז ער דאך, יעקב, געווארען דער רב, דער עלטסטער... און דאס, אלזא, האט עשו געשריען: „את בכורתי לקח״, און קוים איז ער דער בכור דארף דאך זיין „ורב יעבוד צעיר״, ולסוף — „והנה עתה לקח ברכתי״, האט ער איצט אויך צוגענומען פאר זיך די ברכה פון „הוה גביר לאחיך״!...

(מלבי״ם)

יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב... (כז. מא.)

היתכן? ווי געשיקט זיך עס, אז עשו, וועלכען די חז״ל ריהמען, אז ער האט אזוי שטארק געהאלטען פון כיבוד אב, זאל שטעהן און אויסקוקען דעם פאטערס טויט? צווייטענס, פון וואנען איז ער עס געווען זיכער אינ׳ם „יקרבו ימי אבל אבי״, אז דער פאטער וועט קירצליך שטארבען, ווערענד באמת האט ער נאכהער געלעבט גאנצע פיערציג יאהר?

נאר דער פשט איז: עשו האט אויסגערופען מיט א טאן פון בעדויערן און מיטגעפיהל: א, „יקרבו ימי אבל אבי״, מיין פאטער וועט בקרוב איבער־לעבען זעהר טרויעריגע טעג, מחמת „ואהרגה את יעקב אחי״, גאר אין קורצען, ביי דער ערשטער געלעגענהייט, וועל איך הרג׳ענען מיין ברודער יעקב, וואס דאס וועט דעם פאטער פיעל צער פערשאפען...

(טעמא דקרא)

ויפרך וירבך והיית לקהל עמים... (כח.ג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „ותהא זכי לכנישת דבני סנהדרין". וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צום „ויפרך וירבך"?

נאָך די גמרא זאָגט: „אין מושיבין סריס בסנהדרין", און דאָס, אלזאָ, איז די ברכה. דער „ויפרך וירבך" זאָל מקוים ווערען אין אייך אויף אַזאַ צופרידענשטעלענדען אופן, אַז זיי זאָלען ראוי זיין צו זיצען צווישען די סנהדרין — עס זאָלען זיך נישט געפונען צווישען אייך קיין סריסים...

(רבי לייביש חריף)

מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס אין תרגום יונתן פ' וירא, קאַפּיטעל ב', פעהלט אינגאַנצען דער תרגום אויפ'ן פסוק ט"ו?...

ויצא

ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו... (כח. יא.)

בשעת דער קעניג קומט צו זיין געליעבטער און זי מאַכט איהם אַ געלעגער פון שטיינער, איז איהם דאָס דאָזיגע געלעגער אַ סך ליעבער, ווי זיין גאָלדען בעט מיט׳ן טייערסטען בעטגעוואַנד...
(זהר בראשית צ״ח)

„התחילו מריבות זו את זו, זאת אומרת עלי ינוח צדיק את ראשו וכו׳״ (רש״י)

אַ געוויסער רבי האָט געפּרובט ווירקען אויף אַ קאָברינער חסיד, ער זאָל אויפהערען צו פאָהרען קיין קאָברין און קומען צו איהם. האָט עס דער חסיד דערצעהלט דעם רבי׳ן זיינעם, רבי משה קאָברינער, בכדי צו ווייזען איהם דערמיט, ווי גרויס חשוב ער איז ביי אַנדערע רביים, אין דער צייט, ווען ער, דער רבי זיינער, מאַכט פון איהם גאָר קיין וועזען נישט.

רופט זיך אָן צו איהם רבי משה קאָברינער: — עך, אַמאָל איז געווען אַ צייט, ווען די שטיינער האָבען זיך געקריגט איבער אַ צדיק, און היינט, בעוונותינו הרבים, איז פערקעהרט, קריגען זיך די צדיקים איבער אַ שטיין...

והיה זרעך כעפר הארץ ופרצת ימה וקדמה... (כח. יד.)

בשעת די אידען וועלען זיך געפונען אין דער סאַמע נידעריגסטער שפלות, וועלכע וועט ממש צו זיך קיין גלייכען נישט האָבען, וועט דאַן פלוצים קומען פאַר זיי די גרויסע אונערוואַרטעטע ישועה, ווי די חז״ל זאָגען אונז: „אם ראית דור שצרות רבות באות עליו כנהר — חכה לו, שנאמר כי יבא כנהר צר וסמיך ליה ובא לציון גואל״ (סנהדרין פ׳ חלק), און דאָס איז אונז אויך דער פסוק דאָ מרמז: „והיה זרעך כעפר הארץ״ — בשעת דיינע קינדער וועלען זיין ערנידריגט, ווי שטויב, דאַן — „ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה״...
(ספורנו)

ווענען ארץ־ישראל ווערט געזאָגט, אַז „ארץ צבי כתיב בה״, אַז דאָס דאָזיגע לאַנד איז מסוגל זיך אויסצושפּרייטען און פונאַנדערצוּוואַקסען צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון איהר בעפעלקערונג... „הארץ אשר אתה שוכב עליה

לך אתננה ולזרעך״. עס וועט פאר די קינדער דיינע זיין גענוג ארט אין לאנד אפילו דאמאלס, ווען — „והיה זרעך כעפר הארץ״. וויפיעל אידען עס זאלען נישט זיין, וועט זי זיי אלעמען קענען אריינגעהמען...
(רבי לייביש צונץ)

והנה אנכי עמך... (כח. טו.)

בשעת רבי אברהם יצחק הכהן קוק — דערצעהלט הרב בערלין — האט געלערענט אין דער וואלאזשינער ישיבה, האבען די בחורים איינמאל בעמערקט, אז בייטאג פעהלט דאס גלעזעל פונ׳ם נאפט-לעמפעל, ביי וועלכען ער זיצט אין א ווינקעל און לערענט ביז שפעט אין דער נאכט. נאכ׳ן לערנען פלעגט ער אראבנעהמען דאס גלעזעל און עס ערגעץ-וואו בעהאלטען. די זאך איז זיי געווארען אויפפאלענד, זיי זענען טשעקאווע געווען צו וויסען, צוליעב וואס ער טהוט דאס, ביז זיי זענען ענדליך דערגאנגען דעם סוד: ער האט אויפ׳ן גלעזעל, האט זיך ארויסגעוויזען, אויפגעשריבען די ווערטער „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״, בכדי בעת׳ן לערנען זאל ער שטענדיג האבען דעם דאזיגען פסוק פאר די אויגען...

מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים... (כח. יז.)

די יראה ווערט אנגערופען „דרתא״ און די תורה — „תרעא לדרתא״, און דאס איז די כוונה פון מאמר: „חבל על דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד״ (שבת ל״א). בשעת יעקב האט דערפיהלט די יראה, וואס רוהט אויפ׳ן דאזיגען ארט, האט ער דעריבער אויסגערופען: „מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלקים״, נישט אנדערש, נאר דא איז די דירה („דרתא״) זעלבסט, דער „בית אלקים״,—„וזה שער השמים״, און דאס, וואס איז געווען ביז אהער, די פיערצעהן יאהר לימוד התורה בבית מדרשו של שם ועבר, איז בלויז געווען דער „שער השמים״, דער „תרעא לדרתא״...

די דאזיגע ווערטער האט דער גערער רבי נאכגעזאגט אין נאמען פון בעש״ט בשעת דער ערעפנונג פון דער לובלינער ישיבה אין יאהר תר״ץ.
(פרדס יוסף)

ויקרא את שם המקום ההוא בית אל... (כח. יט.)

לויט רש״י, ווי אויך לויט רמב״ן אין אנדערע מפרשים, זענען געווען צוויי ערטער מיט׳ן נאמען „בית אל״ — איין ארט, וועלכען אברהם האט נאך געגעבען דעם דאזיגען נאמען, נעבען דער שטאדט עי, און איין ארט נעבען ירושלים.

דאַגעגען ווייזט אָן דער ווילנער גאון, אַז אַ חוץ דאָס אָרט נעבען עי, וואָס אַברהם האָט אָנגערופען „בית אל״, זענען געווען נאָך בעזונדערע דריי ערטער, וועלכע יעקב האָט גערופען מיט׳ן דאָזיגען נאָמען: געהענדיג קיין חרן האָט ער אויפ׳ן וועג אַ נאָמען געגעבען די שטאָדט לוז—„בית אל״. צוריק־געהענדיג פון חרן האָט ער אויפ׳ן זעלבען אָרט געבויט אַ מזבח און עס אָנגע־רופען: „אל בית אל״ (לה. ז.), און בשעת השי״ת האָט זיך בעוויזען צו איהם, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען פון פדן אַרם, האָט ער אויפגעשטעלט אַ מצבה, וועלכער ער האָט אַ נאָמען געגעבען „אלקים בית אל״ (לה. טו.).

ונתן לי לחם לאכול וכו׳ והי׳ ד׳ לי לאלקים... (כח. כ. כא.)

בשעת אַ איד — פלעגט זאָגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — האָט „לחם לאכול ובגד ללבוש״, איז ער דאַן ביכולת צו געדענקען יעדע מינוט, אויף שריט און טריט, אינ׳ם „וְהיה ד׳ לי לאלקים״. אויב אָבער עס פעהלען איהם די נויטיגע הצטרכות׳ן, דאַן קאָן, חלילה, טרעפען, אַז פון גרויס פער־ביטערונג און פון פיעל דאגות און עגמת-נפש זאָל ער, חלילה, טיילמאָל דערין פערגעסען...

רבי זישע אַניפּאָלער פלעגט טייטשען דעם פסוק אין תהלים „תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם״ (תהלים צ. ג.).

דוד המלך קלאָגט זיך פאַר׳ן רבונו של עולם: „תשב אנוש עד דכא״ — דו דערפיהרסט דעם מענשען ביז צו שטויב, דו דערדריקסט איהם, נעביך, און צוברעכסט איהם — „ותאמר: שובו בני אדם!״ — און דערביי פערלאַנגסטו פון איהם, ער זאָל תשובה טהון! ווי אַזוי קאָן מען תשובה טהון, ווען מען געפינט זיך אינ׳ם מצב פון „עד דכא״? פערזאָרג זיי פריהער, רבונו של עולם, מיט אַלע הצטרכות׳ן, וועלען זיי דאַן קענען האָבען אַ רוהיגען קאָפּ צו טראַכטען וועגען תשובה...

לחם לאכול ובגד ללבוש...

רבי דוד׳ל לעלעווער איז געווען ל״ע אַ גרויסער אביון. עס האָבען געטראָפען טעג, ווען דאָס בני־בית האָט בוכשטעבליך געהונגערט. איינמאָל אין אַזאַ טאָג, געווען איז עס אין די שווערע ווינטער־חדשים, ווען עס האָט אויסגעפעהלט ברויט אין שטוב, האָט ער אַראָבגענומען פון זיך דעם ווינ־טערדיגען פעלץ און איהם אַוועקגעטראָגען און פער׳משכונ׳ט. איצט — האָט

ער זיך אויסגעדריקט מיט אַ רוהיג־סבלנות׳דיגען שמייכעל, ציטערענדיג דערביי אינגאַנצען פון קעלט — זענען מיר פערשטענדליך די ווערטער, וואָס יעקב אבינו האָט געבעטען: „ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש״, אַז געבען זאָלסטו מיר אַ „בגד ללבוש״, צו געהן עס אָנגעטהון, נישט צום פערקויפען און צו פער׳משכונ׳ען עס אויף ברויט — נישט קיין „בגד לאכול״...

ושבתי בשלום אל בית אָבי — והי׳ ד׳ לי לאלקים... (כח. כא.)

„מכאן — ווערט געזאָגט דערויף אין פירוש הטור על התורה — להולכי דרכים שפטורים מכמה מצוות״.

ערשט דאַן, הייסט עס, ווען „ושבתי בשלום אל בית אבי״, ווען כ׳וועל מיך אומקעהרען אַהיים און זיצען רוהיג אויף אַנ׳אָרט „והי׳ ד׳ לי לאלקים״, וועל איך קענען דיענען דעם אויבערשטען און מקיים זיין אַלע מצוות, דען אין וועג, בשעת מען איז נע־ונד, איז דאָס שווער אויסצופיהרען...

דער רבי ר׳ בונם, וועלכער האָט זעהר פיעל גערייזט, פלעגט זאָגען: דער וואָס איז אַ איד אין דער היים, איז אַ האַלבער איד אין דער פרעמד, און דער, וואָס איז אַ האַלבער איד אין דער היים, איז ער אַ גאַנצער גוי אין דער פרעמד...

און דערפאַר ווערט געזאָגט: „אשרי תמימי דרך״. וואויל איז דעם, וואָס אויך אין דרך, אין וועג, קאָן ער בעוויייזען צו זיין אַ פרומער, אַ־בּ געהיטענער איד, אַ תמים...

(קרבן העני)

הן עוד היום גדול לא עת האָסף המקנה... (כט. ז.)

רבי משה קאָברינער פלעגט אָפט זאָגען צו די חסידים זיינע: מען דאַרף זיין גרייט, ליעבע אידען! „הן עוד היום גדול״ — שוין גאָר גיך און באַלד וועט קומען דער יום־הגדול — „לא עת האסף המקנה״ — און עס איז נישטאָ מעהר קיין צייט צו פערנעהמען זיך מיט׳ן זאַמלען די קניני עולם הזה...

(אור ישרים)

ותאמר הפעם אודה את ד׳... (כט. לה.)

„מיום שברא הקב״ה את עולמו לא הי׳ אדם שהודה להקב״ה עד שבאה לאה והודה״ (ברכות ז׳)

פרעגט מען: מיר געפינען דאָך אויך פריהער אַ רייה פסוקים מיט לויב־ווערטער צו השי״ת, ווי: „וברוך אל עליון אשר מגן צריך בידך״ (יד. כ.), „ברוך ד׳ אלקי אדני אברהם אשר לא עזב חסדו ואמתו״ (כד. כז), ובכלל, איז דען אַ יתכן צו זאָגען, אַז אברהם און אַלע אַנדערע פריהערדיגע צדיקים האָבען נישט געלויבט דעם אויבערשטען?

נאָר דאָס לשון „הודאה״ בעדייט: מודה זיין, געבען גערעכט, אָנער־קענען, אַז דאָס, וואָס מען האָט געהאַלטען פאַר אַ שלעכטע זאַך און מען האָט געהאַט דערויף תרעומות, האָט זיך גאָר באמת אַרויסגעוויזען אַלס גוט. און דאָס אייגענטליך איז דער זין פון „הפעם אודה את ד׳״: לאה האָט איצט מודה געווען און איינגעזעהען, אַז דאָס, וואָס זי איז געווען אַ שנואה, איז פאַר איהר אַ טובה געווען. זי האָט צוליעב דעם זוכה געווען צו אַ סך קינדער... און דערמיט איז זי געווען די ערשטע. פאַר איהר האָט נאָך קיינער נישט געהאַט אָבגעגעבען אַזאַ הודאה. (רבי צבי העלער)

ויחר אף יעקב ברחל... (ל.ב.)

רבי מענדעלי קאָצקער איז געווען, כידוע, אַ קפדן און האָט געהאַט אַ טבע צו בייזערען זיך. האָט דער הידושי הרי״ם וועגען איהם געזאָגט:

ביי קיינעם פון די אבות געפינען מיר נישט, אַז ער זאָל זיך האָבען ווען געבייזערט, אויסער ביי יעקב׳ן: ויחר אף יעקב ברחל״, „ויחר ליעקב וירב בלבן״. און דאָס איז דערפאַר, ווייל יעקב האָט אין זיך כולל געווען די מדה פון אמת („תתן אמת ליעקב״), און דער איש־האמת קאָן נישט רוהיג און גלייכגילטיג דורכגעהן די וועלט, עס איז אונמעגליך פאַר איהם צו קענען זיך תמיד בעהערשען און נישט בייזערען זיך.

אָבער בייזערען זיך — האָט דער חדושי הרי״ם אויסגעפיהרט — דאַרף מען קענען...

ויאמר מה אתן לך ויאמר יעקב לא תתן לי מאומה... (ל. לא.)

עס איז נישטאָ קיין יעקב — שרייבט דער חתם סופר אין אַ תשובה צו זיינעם אַ תלמיד — וועלכער זאָל נישט אָנטרעפען אויף אַ לבן, אָבער

עס איז זעלטען צווישען די לבנ׳ס, ער זאָל אָנטרעפען אויף אַ יעקב׳ן (וועלכער זאָל וויסען, ווי זיך מיט איהם אומצוגעהן)...

עקודים נקודים וברודים... (לא. י.)

דערויף זאָגט רש״י: „ואין להביא עד מן המקרא״, אַז אויסער דאָ געפינט זיך נישט מעהר אין ערגעץ דאָס וואָרט „ברודים״.

אַ פלא! ס׳איז דאָך אַ בפירושער פסוק: „ובמרכבה הרביעית סוסים ברודים אמוצים (זכרי׳ ו׳ ג׳)...

ויגנוב יעקב את לב לבן הארמי על בלי הגיד לו כי בורח הוא... (לא. כ.)

וואָס הייסט „על בלי הגיד לו כי בורח הוא״? צי האָט יעקב אפשר געדאַרפט פריהער אויסזאָגען לבנ׳ען, אַז ער גרייט זיך צו אַנטלויפען?

נאָר דער פשט איז: דער „ויגנוב יעקב את לב לבן הארמי״ איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס „על בלי״, אויף יעדע קליינינקייט, ביי יעדען מינדעסטען אינצידענט, „הגיד לו כי בורח הוא״, האָט ער איהם געסטראַשעט, אַז ער געהט אַנטלויפען, און אַזוי ווי די דאָזיגע דראָהונג האָט זיך כסדר איבערגע׳חזר׳ט, האָט זיך לבן דערצו צוגעוועהנט און ער האָט זיך אויפגע-הערט צו היטען, און אַ דאַנק דעם האָט יעקב בעקומען די מעגליכקייט צו אַנטלויפען אונגעשטערט, בשעת ער איז שוין אויף אַנ׳אמת געווען גרייט דערצו... (אלשיך)

השמר לך פן תדבר עם יעקב מטוב עד רע... (לא. כד.)

מילא, אַז ער זאָל נישט טאָרען ריידען מיט איהם קיין שלעכטס, איז פערשטענדליך, אָבער פאַרוואָס זאָל ער קיין גוטס נישט טאָרען רעדען מיט איהם?

נאָר דער מדרש זאָגט: „מפני מה היו אמותינו עקרות? שלא יאמרו בוכותינו עושים פירות״, כדי מען זאָל נישט זאָגען, אַז רבקה, למשל, איז געהאָלפען געוואָרען אַ דאַנק דער ברכה פון איהר ברודער, לבן, וועלכער האָט איהר געבענשט „אחותנו, את היי לאלפי רבבה״.

אויף אַזאַ אופן קומט, אַלזאָ, אויס, אַז לבנ׳ס ברכה איז גאָר געווען אַ רעה, דען צוליעב דעם איז רבקה געווען אַנ׳עקרה, און דעריבער — „השמר לך פן תדבר עם יעקב מטוב עד רע״, אויך קיין גוטס זאָלסטו נישט רעדען מיט איהם, דען אויך פון דיין גוטס קומט קיין גוטס נישט אַרויס... (טעם מן)

עם אשר תמצא את אלהיך לא יחיה... (לא. לב.)

ווען דו ווערסט שוין אפילו ביי מיר געפינען דיין גאָט, וועל איך אויך דאַן נישט האָבען בעגאַנגען אַזאַ גרויס פערברעך. דען — „לא יחיה", ער לעבט דאָך נישט, דער דאָזיגער גאָט דיינער, ער איז דאָך נישט מעהר, ווי אַ טויטער געץ, וואָס מען קאָן פראָדוצירען וויפיעל מען וויל...

(כתב סופר)

כי משש את כל כלי וכו' שים כה נגד אחי... (לא. לז.)

נאָכדעם, ווי לבן האָט רעווידירט זיינע געצעלטען און אַלץ דאָרט דורכגענישטערט, איז יעקב נישט זיכער געווען, צי דער דאָזיגער לבן הארמי האָט נישט אַמאָל בשעת דער בדיקה עפעס צוגע'לקחנ'ט, און ער האָט איהם דעריבער אויף אַ זעהר העפליכען אופן פאָרגעלעגט: „מה מצאת מכל כלי ביתך, שים כה נגד אחי ואחיך". זייט אַזוי פריינדליך, שווער לעבען, און לעגט אַרויס אַלע אייערע חפצים, בכדי צו זעהען, צי עס פעהלט אייך נישט עפּעס... באמת אָבער האָט ער דערביי געוואָלט זעהען, צי עס געפינט זיך נישט דאָרט, אין לבנ'ס באַגאַזש, עפּיס פון זיינע, יעקב'ס, זאַכען...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

ויברח יעקב שדה ארם ויעבוד ישראל באשה ובאשה שמר... (הפטורה הושע יב.)

דער דין איז, אַז מען 'טאָר נישט פערלאָזען ארץ-ישראל און געהן קיין חוץ-לארץ, סיידען ווען דאָס איז נויטיג צוליעב לערנען תורה אָדער צוליעב אַ שידוך. און דאָס איז אויך מדויק דאָ אין פסוק: „ויברח יעקב שדה ארם". איי, ווי אַזוי האָט ער געמעגט פערלאָזען ארץ-ישראל? קומט דערויף דער ענטפער: „ויעבוד ישראל באשה ובאשה שמר". עס איז דאָרט געווען צוגעגרייט פאַר איהם זיין זיווג און אינ'ם דאָזיגען פאַל איז עס ערלויבט...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

כי ישרים דרכי ד' וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם (הפטורה.)

„ורשעים יכשלו בם". עס טרעפט, אַז אויך דער רשע ווערט אַמאָל נכשל אין אַ דבר-טוב און נישט-ווילענדיג טהוט ער אַ מצוה...

(רבי גרשון העניך מראַדזין)

וַיִּשְׁלַח

וישלח יעקב מלאָכים לפניו... (לב. ד.)

צווישען ר׳ ברוך מעזשיבוזשער און רבי שניאור זלמן פון ליאדי האָט זיך געצויגען, כידוע, אַ לאַנגע און שאַרפע מחלוקת. ווי דער שטייגער איז האָבען זיך געפונען שליחים און פערמיטלער, וועלכע האָבען געוואָלט צווישען זיי שלום מאַכען. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך יעדעס מאָל, אַז אַ דאַנק די פערמיטלער האָט זיך די מחלוקת נאָכמעהר פערשאַרפט... האָט רבי ברוך איינמאָל געזאָגט וועגען דעם:

מיר געפינען ביי יעקב׳ן, אַז בעת ער האָט געוואָלט שלום מאַכען מיט זיין ברודער, האָט ער זיך מורא געהאַט צו פערלאָזען אויף געוועהנליכע שליחים און ער האָט געשיקט צו איהם „מלאכים ממש". דורך מלאכים, איז ער געווען זיכער, וועט אַודאי דער ענין ערלעדיגט ווערען אין בעסטען אָרדנונג, על צד היותר טוב. לסוף, אַנשטאָט שלום צו מאַכען, זענען די מלאכים צוריקגעקומען מיט אַ געוואַלד: „וגם הולך לקראתך וארבע מאות איש עמו"! הגם, ווי עס איז צו זעהען פון די ווייטערע פסוקים, איז ער גאָר געקומען צו איהם מיט גאַנץ פריעדליכע כונות... דערפון איז, אַלזאָ, צו זעהען, אַז אויב מען וויל מיט עמיצען שלום ווערען, זאָל מען עס טהון אַליין און קיינעם די דאָזיגע מיסיע נישט אַנטרויען, אויף קיין שום שליחים זיך נישט פערלאָזען — אַפילו אויף מלאכים...

עם לבן גרתי ואֵחַר עד עתה... (לב. ה.)

„לא נעשיתי שר וחשוב אלא גר וכו׳ ד״א גרתי בגימטריא תרי״ג וכו׳ עם לבן הרשע גרתי ותרי״ג מצות שמרתי" (רש״י)

אין פלוג זענען דיביידע פשטים זיך סותר איינס דאָס אַנדערע, דען לויט׳ן ערשטען פשט האָט זיך יעקב מכניע געווען פאַר עשו׳ן און איהם ערקלערט אין אַ שפלות׳דיגען טאָן, אַז „לא נעשיתי שר וחשוב אלא גר",

דאַגעגען לויט'ן צווייטען פירוש האָט ער געזעדט צו איהם מיט שטאָלץ: „עם לבן הרשע גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי", און אין זכות פון די תרי"ג מצוות האָב איך, פונקט ווי פאַר לבנ'ען, אויך פאַר דיר קיין מורא נישט... אָבער לויט'ן דאָזיגען לעצטען פשט, ווי פאַסט זיך דאָ די ערנידערונג פון „כה אמר עבדך יעקב", אָנצורופען זיך מיט'ן נאָמען עבד, און דער אויס־פיהר, „ואשלחה להגיד לאדני למצא חן בעיניך"?...

באמת אָבער איז דער צווייטער פשט אַ'ערגענצונג צום ערשטען. יעקב האָט זיך בעמיהט צו איבערצייגען עשו'ן, אַז ער דאַרף אויף איהם נישט בייז זיין צוליעב די אויסגענאַרטע ברכות, דען די דאָזיגע ברכות זענען סיי־ווי ביי איהם נישט מקוים געוואָרען, והראיה: „עם לבן גרתי, לא נעשיתי שר וחשוב אלא גר". טאָמער אָבער וועט עשו מיינען, אַז זיי זענען בלויז פאַר־לויפיג נישט מקוים געוואָרען, ווייל ער האָט נישט מקיים געווען די תרי"ג מצוות און יצחק האָט דאָך אין זיינע ברכות אויסדריקליך בעוואָרענט: „והיה כאשר תריד — ופרקת עלו", האָט ער גלייך דערויף מוסיף געווען: „עם לבן הרשע גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי", כ'האָב דעם תנאַי פינקטליך ערפילט, מקיים געווען אַלע תרי"ג מצוות, און פונדעסטוועגען האָט עס נישט געהאָלפען און „לא נעשיתי שר וחשוב", וואָס עס בעווייזט, אַלזאָ, אַז יעקב האָט קיין מזל נישט צו די ברכות, זיי זענען אינגאַנצען נישט חל אויף איהם און עשו האָט דעריבער נישט, וואָס אין כעס צו זיין...

(כלי יקר)

ויהי לי שור וחמור וכו'... (לב. ו.)

צוליעב וואָס האָט ער דאָס איהם געדאַרפט דערצעהלען?

דען עשו איז געווען אַ'איש שדה, ער האָט זיך פערנומען מיט פעלד, מיט ערד־אַרבעט, אויך זייער פאָטער יצחק האָט זיך מיט דער זעלבער אַרבייט פערנומען: „ויזרע יצחק בארץ", און כדי עשו, דערהערענדיג, אַז יעקב קומט צוריק אַהיים, זאָל נישט מיינען, אַז ער וויל זיך דאָ בעזעצען און צונעהמען פון איהם אַ טייל ערד, האָט ער איהם דעריבער געשיקט מודיע זיין, אַז „ויהי לי שור וחמור", אַז ער פערנעהמט זיך גאָר מיט אַ גאַנץ אַנדער בעשעפטיגונג: מיט פיה־צוכט, און ער האָט, אַלזאָ, קיין מורא נישט צו האָבען פאַר קאָנקורענץ...

(אמרי חן)

אלקי אָבי אַברהם ואלקי אָבי יצחק... (לב. י.)

דער מהרי"ק פסקנ'ט (ווערט געבראַכט אין יורה דעה ס" ר"מ), אַז מען איז נישט מחויב בכבוד אבי אביו, און דערויף ווערט געזאָגט איז „שאגת אריה", אַז דאָס איז נאָר דאַן, ווען דער פאָטער לעבט נישט, אָבער

ווען דער פאָטער לעבט איז ער צוליעב'ן כבוד פון פאָטער אויך מחויב אין כבוד פון אַבי אביו, און דערמיט ווערט, אַלזאָ, פערענטפערט די קשיא פון רמב"ן, וועלכער פרעגט, פאַרוואָס דאָ, אין פ' וישלח, דערמאָהנט יעקב אויך אברהמ'ס נאָמען: „אלקי אבי אברהם ואלקי אבי יצחק", דאַגעגען אין אַ צווייט אָרט, אין פ' ויגש (מו. א.), ווערט געזאָגט: „ויזבח זבחים לאלקי אביו יצחק" און אַברהמ'ס נאָמען ווערט מעהר נישט דערמאָהנט? — ווייל דאָ האָט נאָך זיין פאָטער יצחק געלעבט, ובעת דער פאָטער לעבט איז מען דאַן מחויב אויך אין כבוד פון אבי אביו. דאָרט אָבער, אין פ' ויגש, איז שוין געוועזן נאָך יצחק'ס טוידט און דאַמאָלס איז ער שוין אינ'ם דאָזיגען כבוד נישט מחויב געוועזן...

(נזר חן)

הצילני נא מיד אָחי מיד עשו... (לב. יב.)

„לעתיד לבוא — ווערט געזאָגט אין מדרש — יתעטף עשו בציצית וישב בין הצדיקים והקב"ה מושכו משם".

און פאַר אָט די דאָזיגע צבועים, „שהם מלובשים בגדי לבנים בשבת ולובשים טלית בע"ש במנחה", האָט זיך יעקב אבינו אַממעהרסטען געשראָקען און ער האָט מתפלל געוועזן: „הצילני נא מיד אחי מיד עשו", פאַר אַזעלכען, וועלכער איז אַ „אחי" אין חיצוניות און אַ „עשו" אין פנימיות...

(דגל מחנה אפרים)

ויאָבק איש עמו... (לב. כה.)

„זהו שרו של עשו" (ב"ר)

דאַגעגען לויט'ן פירוש פון רשב"ם איז דער מלאך געשיקט געוואָרען פון השי"ת, ווייל יעקב האָט בדעה געהאַט צו אַנטלויפען, דער רצון השם אָבער איז געוועזן, ער זאָל אָהן שום פחד בלייבען אויפ'ן אָרט און זיך איבער־צייגען אין דער ריכטיגקייט פון אויבערשטענס הבטחה: „והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך", און צוליעב דעם האָט זיך דער מלאך געראַנגעלט מיט איהם, וועלענדיג איהם אָבהאַלטען ער זאָל נישט אַנטלויפען פאַר עשו'ן, און ווען יעקב האָט זיך דאָך געריסען צום אַנטלויפען, איז ער דערפאַר נענש געוואָרען און — „ותקע כף ירך יעקב"...

„ויאבק איש עמו, ר' שמואל בר נחמני אמר כעכו"ם נדמה לו, רב שמואל בר אחא וכו' אמר כתלמיד חכם נדמה לו" (חולין צ"א)

בשעת יעקב גרייט זיך אומצוקעהרען „אל ארץ מגורי אביו", קיין ארץ־ישראל, שטעלט זיך אוועק דאַן אַלס שטן אויפ'ן וועג דער „שר של עשו"

וועלכער פרובט איהם אָבהאַלטען דערפון מיט די פערשידענסטע שטערונגען און מיט די פערשידענסטע תירוצים און אַרגומענטען. טיילמאָל איז „כעכו״ם נדמה לו״, נעהמט ער איהם סטראַשען מיט די עכו״ם, מיט די גוים און מיט׳ן „למה יאמרו הגוים״, אַז עס איז אַ געפעהרליכע זאַך, מען טאָר נישט זיצען אין איין לאַנד און אין דער זעלבער צייט טראַכטען וועגען אַ צווייט לאַנד, אַז דערמיט וועלען די גוים צווישען וועלכע ער וואוינט, אָנהויבען צווייפלען אין זיין מלוכה־פאַטריאָטיזם און קוקען אויף איהם, ווי אויף אַ פרעמדען א. אַז. וו.... און טיילמאָל — „כתלמיד־חכם נדמה לו״, נעהמט ער גאָר ריידען צו איהם, ווי אַ תלמיד־חכם, אויפווייזענדיג מיט ראיות מן התורה, אַז מען טאָר זיך נישט ריהרען פון אָרט, מען טאָר נישט פערלאָזען דאָס גלות און געהן קיין ארץ־ישראל...

(רעיונות וחומר לדרוש)

וירץ עשו לקראתו וכו׳ וישקהו... (לג. ד.)

„נקוד עליו וכו׳ יש שדרשו נקודה זו לומר, שלא נשקו בכל לבו, אמר רבי שמעון בן יוחאי הלכה היא, בידוע שעשו שונא ליעקב, אלא שנכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו״ (רש״י)

פאַרוואָס איז רבי שמעון בן יוחאי נישט געפעלען צו טייטשען, ווי די אַנדערע חכמים: „שלא נשקו בכל לבו״? צווייטענס, נאָכוואָס איז דאָ נויטיג די הקדמה: „הלכה היא, בידוע, שעשו שונא ליעקב״, וואָס זעהט דאָך אויס, ווי אַ סתירה צום ווייטערדיגען אויספיהר: „אלא שנכמרו רחמיו באותה שעה״?

נאָר בשעת עס ווערט אַוועקגעשטעלט אויף אַ וואָרט אַ ספעציעלער ניקוד, איז דער זין פון דער נקודה אָנצודייטען, אַז דאָס דאָזיגע וואָרט דאַרף נישט געטייטשט ווערען לויט׳ן געוועהנליכען אָנגענומענעם פשט. די חכמים האָבען, אַלזאָ, געטייטשט איינפאַך: פונ׳ם וואָרט „וישקהו״, אָהן דער נקודה, וואָלט משמע געווען: „שנשקו בכל לבו״, און קוים איז עס מנוקד, איז „נקודה זו לומר, שלא נשקו בכל לבו״. דאַגעגען רבי שמעון בן יוחאי האַלט פערקעהרט, אַז „וישקהו״ אָהן דער נקודה וואָלט משמע געווען: „שלא נשקו בכל לבו״, וואָרום „הלכה היא, בידוע שעשו שונא ליעקב״, און דאָס איז, אַלזאָ, דער איינפאַכער, פשוט׳ער פשט... און וויבאַלד מען האָט אויף דעם וואָרט געשטעלט אַ ספעצ׳עלע נקודה, בעווייזט עס, אַז מען דאַרף דאָס מאָל טייטשען, נישט לויט׳ן געוועהנליכען פשט, אַז דאָס מאָל גראָד האָט זיך עשו אויפגעפיהרט פערקעהרט, ווי די „הלכה״ איז און — „שנכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו״...

(נשיח שפתי)

„הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב".

די שנאה פון עשו צו יעקב'ן איז ביי איהם א „הלכה", א דין, וואס ער איז מקיים אהן א שום ספעציעלע סיבה דערצו, גאנץ אפט אהן א טעם און מאטיוו...

(אמרי חן)

ויאמר מי לך כל המחנה הזה... (לג. ח.)

עשו האט איהם געפרעגט: „מי לך כל המחנה הזה"? ווי קומט צו דיר אזא פערמעגען, אזוי פיעל עולם-הזה? עולם-הזה געהער דאך צו מיר?...

דערויף האט איהם יעקב געענטפערט: „אם נא מצאתי חן בעיניך ולקחת מנחתי מידי". סיי-ווי געהער דאס אלץ צו דיר, סיי-ווי וועסטו עס ביי מיר צונעהמען, ווארום אלעס, וואס יעקב ערווערבט און זאמעלט צונויף במשך פון דורות, פאלט סוף כל סוף אריין צו עשו'ן...

(מעדני מלך)

כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלקים... (לג. י.)

רבי יונתן אייבעשיץ האט זיך אמאל בעגעגענט מיט'ן האמבורגער צענזאר איבער אידישע ספרים, וועלכער איז געוועזן א משומד און א גרויסער שונא ישראל. בעת'ן געשפרעך מיט איהם האט רבי יונתן אויסגעמיטען צו קוקען איהם אין פנים אריין, דען „אסור לאדם להסתכל בצלם דמות אדם רשע" (מגילה כ"ח); דער צענזאר האט דאס בעמערקט און ער רופט זיך אן צו איהם: פארוואס קוקט איהר נישט אויף מיר? אויך יעקב האט דאך, רעדענדיג מיט עשו'ן, געקוקט איהם אין פנים אריין, ווי עס שטעהט בפירוש אין פסוק: „כי על כן ראיתי פניך"?...

— איהר פערגעסט אבער — ענטפערט איהם רבי יונתן — אז דער פסוק פיהרט דערביי אויס: „כראות פני אלקים". אין פלוג איז עס דאך אונפערשטענדליך: היתכן, אז יעקב זאל פערגלייכען עשו'ן, להבדיל באלף אלפי הבדלות, צו גאט? נאר ער האט געמיינט צו געבען איהם אנצוהערעניש, אז פונקט ווי ער קוקט אויפ'ן אויבערשטען (וועלכען עס איז דאך אונמעגליך צו זעהען, „כי לא יראני האדם וחי"), אזוי קוקט ער אויך, להבדיל, אויף איהם...

ויפצר בו ויקח... (לג. יא.)

אויף „ויתן לך האלקים מטל השמים" (תולדות כז. כח.) זאגט רש"י: „יתן ויחזור ויתן", און אויך דער „ויקח" דא האט דעם זעלבען פשט: „יקח ויחזור ויקח"... פון דאמאלס אן הערט עשו נישט אויף צו נעהמען און צו נעהמען, עד סוף כל הגלות...

(נחל קדומים)

אך בזאת יאותו לנו האנשים וכו׳ כאשר הם נמולים... (לד. כב.)

נאָכוואָס ווערט נאָך די ווערטער „בהמול לנו כל זכר״, נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט: „כאשר הם נמולים״?

נאָר די חז״ל דערצעהלען אין סנהדרין: „אמר ליה קיסר לרבי חנינא, תא ונהוי לעמא חדא, אמר ליה לחיי, אנן דמהלינן לא מצינו מיהוי כוותיכו, אתון מהליתו ותהוי כותן״ (דער קיסר האָט געזאָגט צו רבי חנינאַ׳ן: קום און לאָמיר ווערען צו איין פאָלק. ענטפערט ער: גוט, אָבער מיר אַלס גע׳מל׳עטע קענען דאָך נישט ווערען ווי איהר (אומגע׳מל׳עטע), דאַגעגען איהר קענט ווערען ווי מיר)... און דאָס זעלבע האָט אויך חמור בן שכם מסביר געווען זיינע שטאָדט-לייט: „אך בזאת יאותו לנו האנשים לשבת אתנו להיות לעם אחד״, אויב מיר ווילען זיין מיט זיי איין פאָלק, איז עס נור מעגליך „בהמול לנו כל זכר״, אַז מיר זאָלען זיך מל זיין און ווערען ווי זיי, וואָרום זיי ווי מיר קענען נישט ווערען, „כאשר הם נמולים״, דען זיי זענען דאָך שוין גע מל׳עט...

(תולדות יעקב)

ויהי בהקשותה בלדתה ותאמר לה המילדת אל תיראי כי גם זה לך בן... (לה. יז.)

וואָס פאַר אַ בערוהיגונג און טרייסט איז עס, אַז זי זאָל נישט קיין מורא האָבען פאַר די שווערע יסורים, ווייל אויך דאָס איז אַ זוהן?

נאָר די חז״ל זאָגען (נדה ל״א), אַז די חבלי לידה ביים געבוירען אַ נקבה זענען גרעסער, ווי ביים געבוירען אַ זכר. רחל׳ס פערלאַנג און שטרע-בונג איז געווען, צו האָבען נאָך אַ בן-זכר, בעטענדיג: „יוסף ד׳ לי בן אחר״, און „ויהי בהקשותה בלדתה״, בשעת זי האָט, אַלזאָ, דערפיהלט אַזעלכע שווערע חבלי-לידה, דאָט זי אָנגעהויבען מורא האָבען, אַז עס איז אַ נקבה, דען „חבלי לידת נקבה מרובים משל זכר״ און די מילדת האָט איהר דערי-בער געטרייסט: „אל תיראי, כי גם זה לך בן״...

(תורה תמימה)

אויף אַן׳אַנדער אופן:

רחל האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אין איהר ווענדונג צו יעקב׳ן: „הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי״, און היות, ווי „בנים״ איז דאָך משמע לכל-הפחות צוויי, האָט כסדר געשוועבט פאַר איהר די שרעק פון דער אַרויס-געכאַפּטער קללה: „ואם אין מתה אנכי״. בשעת, אַלזאָ, זי האָט זיך געראַנ-

גע̇לט אין שווערע יסורים און מורא געהאַט פאַר'ן טוידט, האָט איהר די מילדת געטרייסט: „אַל תיראי", דו האָסט מעהר נישט פאַר יענער קללה פון „ואם אין מתה אנכי", וואָס מורא צו האָבען, „כי גם זה לך בן", דען אויך דאָס איז אַ זוהן, דו האָסט שוין איצט צווי זיהן, און דער „הבה לי בנים" איז שוין, אַלזאָ, מקוים געוואָרען...

ויצב יעקב מצבה על קבורתה... (לה. כ.)

דער חיד"א (רבי חיים יוסף דוד אזולאי) אין „נחל קדומים" ציטירט אויפ'ן דאָזיגען פסוק דעם ירושלמי פרק ב' דשקלים: „תני רבי שמעון בן יוחאי אומר, אין עושים נפשות לצדיקים וכו'" און ער קומט צום אויספיהר, אַז אַ מצבה דאַרף מען אויפשטעלען נאָר „לרבנים גדולים כאשר מפורסם מצבת מרן האר"י והרמ"ק", דאַגעגען אויפ'ן קבר פון אַ געוועהנליכען מענש טאָר מען קיין מצבה נישט שטעלען. אַזוי — ווייזט ער אָן — ווערט אויך גע'פסק'נט אין רמב"ם, ווי אויך אין „שו"ת הריב"ש" סי' תכ"א און אין „נזר הקודש".

עס איז ווירקליך אַ חידוש, וואָס דער דאָזיגער דין איז ביי אונז נישט אָנגענומען געוואָרען, און מיר זענען גאָר דערויף אַבסאָלוט נישט מדקדק...

דער בעקאַנטער משורר און סאַטיריקער עמנואל הרומי, וועלכער האָט געלעבט אין צוועלפטען יאָהרהונדערט, האָט אויף דער מצבה פון זיין פער־שטאָרבענער פרוי, יוסטא, מיט וועלכער ער האָט נישט געהאַט קיין איבריג גוט לעבען, אויפגעשריבען פאָלגענדען נוסח:

„גל זה למשא ולא למצבה
שמתי לאשתי על קברתה
פן חס ושלום אחרי מותה
תקום ואל ביתי תהיה שבה"...

ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום... (לו. לא.)

„שמנה היו וכנגדן העמיד יעקב ובטל מלכות עשו בימיהם וכו' ובימי שאול כתיב אין מלך באדום נצב מלך" (רש"י)

דער דאָזיגער פסוק, וואָס זיין ריכטיגער טעקסט איז: „ומלך אין באדום נצב מלך", געפינט זיך נאָר איינמאָל אין מלכים א' (כב. מח.) און ער בעציהט זיך אויף דער צייט פון יהושפט.

צי איז, אַלזאָ, דאָ נישט אַריינגעפאַלען אין רש"י עפעס אַ טעות הדפוס?..
(קובץ דרושים)

מחמס אָחיך יעקב תְּכַסְךָ בושה... (הפטורה, עובדיה א.)

משל למה הדבר דומה? צו אַ פאָטער, וואָס האָט געהאַט צוויי קינדער: איינער פון זיי איז געווען אַ שטילער, אַ געהאָרכזאַמער, וועלכער האָט נישט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנד, דער צווייטער דאַגעגען — אַ צולאָזענער יונגאַטש, אַ ווילדער עזות-פּנים, וועלכער פלעגט זיך מיט אַלעמען אַרומשלאָגען.

ויהי היום, קומט דער צווייטער חברה-מאַן אַריינצולויפען אין שטוב מיט אַ צודראַפּעט פּנים און קלאָגט זיך פאַר'ן טאַטען, אַז דאָס האָט איהם דער ברודער אַזוי צוממית'ט, דער פאָטער הערט אויס די אָנקלאַגע און אַלס ענטפער דערויף איז ער איהם מוסיף צוויי פייערדיגע פעטש.

ווערט דער בחור אַ צעקאָכטער: היתכן?— געוואַלדעוועט ער — לא-די, וואָס דער ברודער האָט איהם געשלאָגען, שלאָגט איהם נאָך דער טאַטע אויך?

— דיין ברודער — ענטפערט איהם דערויף דער פאָטער — האָט נישט קיין טבע צו שלאָגען זיך, ער איז אַ שטילער, אַ רוהיגער און דאַנקט גאָט, אַז מען לאָזט איהם צו-רוה און אויב ער איז שוין אַרויס פון געדולד און ער האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטען און האָט דיך אַזוי צודראַפּעט, שטעל איך מיר שוין פאָר, ווי וויט דו האָסט איהם שוין געמוזט דערקוטשען און וואָסערע צרות דו האָסט איהם אָנגעטהון...

עס פּאַסירט אַמאָל, אַז יעקב געהט אַרויס פון די כּלים און ער שטעלט זיך אַנטקעגען עשו'ן און ברעכט איהם אָן די ביינער. עשו הייבט דאַן אויף אַ געוואַלד, באשר יעקב איז איהם אומזיסט און אומנישט בעפאַלען.

אָבער — קומט דערויף דער ענטפער — „מחמס אחיך יעקב תכסך בושה"... יעקב איז נישט קיין שלעגער, יעקב וועט נישט סתם אין דער וועלט אַריין אָנפאַלען אויף עשו'ן, וועלכער איז, ווי ער ווייסט, פיעל שטאַרקער פון איהם. יעקב דאַנקט גאָט, אַז מען טשעפּעט איהם נישט, און אויב יעקב האָט שוין פערלוירען זיין אונמענשליכע סבלנות און ער איז אַריינגעפאַלען אין אַזאַ כעס, אַז ער שטעלט זיך שוין זאָגאַר נישט אָב פון אויפצוהויבען אַ האַנד געגען עשו'ן, דאַן זאָל זיך דער לעצטער דערמיט שעמען, דאַן בעווייזט דאָס בלויז, אַז די צרות און ליידען, וואָס יעקב האָט אויסצושטעהען פון עשו'ן, האָבען שוין איבערגעשטיגען יעדע מאָס און גרעניץ...

(רבי יצחק וואָלאָזשינער)

וַיֵּשֶׁב

וישב יעקב בארץ מגורי אָביו... (לז. א.)

„ביקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף" (רש"י)

אויך אַ צדיק האָט אַמאָל מנוחה, אָבער דאָס איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס מען זאָל עס קאָנען אויסזוכען און זיך אַליין נעהמען, מנוחה מוז קומען פון זיך זעלבסט. אויב ס'איז „בקש יעקב לישב בשלוה", אויב מען זוכט מנוחה, דאַן — „מיד קפץ עליו רוגזו של יוסף", קומט דוקא רוגז און עגמת-נפש...
(אמרי חן).

„רוגזו של יוסף" — האָט רבי שלמה לייב לענטשנער געטייטשט — דער רוגז פון יוסף'ן, דער רוגז, וואָס איז ענטשטאַנען צווישען איהם און זיינע ברידער און וואָס האָט לסוף גורם געווען צו די טרויעריגע געשעהענישען...

ויאמר האיש נסעו מזה... (לז. יז.)

רבי אַריה לייב, דער בעל „קצות החושן", האָט זיך אַמאָל צונויפגע־טראָפען מיט'ן ליסער רב, רבי יעקב, און זיי האָבען פערפיהרט צווישען זיך אַ שמועס. רבי אריה ליב, וועלכער האָט געטראָגען אַ שטיקעל פערדראָס אויפ'ן ליסער רב פאַר זיין ספר „נתיבות המשפט", אין וועלכען ער האָט שאַרף קריטיקירט דעם „קצות" (רבי אריה ליב האָט נאַכהער דערויף אָבגע־ענטפערט מיט אַ ספּעציעל ספר „משובב הנתיבות"), האָט אינ'ם שמועס יעדעס מאָל אַריינגעוואָרפען פערשיעדענע שטעכווערטלעך, וועלכע דער ליסער רב האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערענדיג, נישט אַרויסווייזענדיג די מינדעסטע הקפדה. ערשט ביים געזעגענען זיך רופט ער זיך אָן צו איהם:

אויפ'ן פסוק „ויאמר האיש נסעו מזה" זאָגט רש"י: „הסיעו עצמן מן האחוה". יוסף, וועלכער איז געווען אַ גאַנץ גרויסער חכם, האָט מסתמא זעהר גוט פערשטאַנען די דאָזיגע אָנצוהערעניש און פונדעסטוועגען האָט ער זיך געמאַכט נישט פערשטעהן און — „וילך יוסף אחר אחיו", ער האָט זיי ווייטער געהאַלטען פאַר זיינע ברידער און גוטע פריינד...

וישליכו אותו הבורה והבור רק אין בו מים... (לז. כד.)

„מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו" (רש"י)

די חז"ל זאָגען: „כל הצנוע וכו' נצול משלשה דברים מן הנחשים ומן העקרבים וכו' וי"א אף חלומותיו מיושבים עליו" (ברכות ס"ב), און דעריבער, אַלזאָ, האָבען זיי אַריינגעוואָרפען יוסף'ן אין אַ גרוב פון נחשים ועקרבים, בכדי צו איבערצייגען זיך, אַז אויב ער וועט נצול ווערען פון די נחשים, איז אַ סימן, אַז „אף חלומותיו מיושבין עליו", אַז אויך די חלומות זיינע זענען ריכטיגע...

(מלבי"ם)

דעריבער — ווערט געזאָגט אין זהר — האָט ראובן, זעהענדיג די שנאה פון די ברידער צו יוסף'ן, געראַטען אַריינצוואַרפען איהם אין שלאַנגען־גרוב, ווייל „מוטב לו לאדם שיפיל את עצמו בגוב האריות ואל ימסר ביד שונאו"...

רבי נחמן בראַצלאַווער, וועלכער האָט געהאַט אויסצושטעהן אַ שטאַרקע התנגדות פון שפּאָלער רבי'ן, רבי אריה ליב („דער שפּאָלער זיידע") און שטאַרק געליטען פון איהם, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט בדרך־הלצה: די חז"ל זאָגען, אַז „מוטב לו לאדם שיפיל את עצמו בגוב האריות ואל ימסר ביד שונאו". וואָס טהוט מען אָבער אין אַזאַ פאַל, ווען דער שונא אַליין איז אַ „גוב האריות" — אַ לייב, רבי אריה לייב...

הילד איננו ואני אנה אני בא... (לז. ל.)

„אָנה אֲני בא — מחטא של בלהה" (מדרש)

וואָס האָט עס פאַר אַ שייכות:

נאָר אויפ'ן פסוק „וישמע ראובן ויצילהו מידם" ווערט געזאָגט אין מדרש: „אמר ראובן, הוא מונה אותי עם אחי ואיני מצילו? אני הייתי סובר שנדחתי מכח אותה מעשה (בלהה), והוא מונה אותי עם אחי, שנאמר ואחד עשר כוכבים משתחוים לי, ואיני מצילו?"

פון יוסף'ס חלום, אין וועלכען ער איז אַריינגענומען געוואָרען אין כלל צווישען די איבעריגע ברידער, צווישען די „אחד עשר כוכבים", האָט ראובן אַרויסגעדרינגען, אַז מען האָט איהם מוחל געווען דעם חטא פון מעשה בלהה און ער איז צוריק גלייכגעשטעלט געוואָרען מיט אַלע שבטים. בשעת, אַלזאָ, ער האָט איצט דערזעהען, אַז הילד איננו, אַז יוסף איז נישטאָ, זייענדיג ויכע. אז עס עפעס ישנו מעהר און אז דער גאַנצער חלום מיט די „אחד

עשר כוכבים״ האָט אויף אַזאַ אופן קיין שום ווערט נישט, האָט ער דעריבער אויסגעשריגען אַ פערצווייפעלטער: „אנא אני בא — מחטא של בלהה?״ דען קוים איז דער חלום קיין חלום נישט, פאַלט דאָך שוין וממילא אַוועק זיין פריהערדיגע השערה און טרייסט, אַז מען האָט איהם מוחל געווען דעם חטא... (כתנות אור)

ויּרא שם יהודה בת איש כנעני ושמו שוע... (לח. ב.)

דעם ניעסוויזשער רבי׳נס אַ זוהן האָט זיך משדך געווען מיט אַ רייכען סוחר, אַ פּראָסטער מענש. דער ניעסוויזשער רבי האָט אויסגעדריקט דעם זוהן זיין אונצופרידענהייט מיט׳ן דאָזיגען שידוך, זאָגענדיג:

— די תורה דערצעהלט אונז, אַז יהודה האָט גענומען פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון אַנ׳איש כנעני, און דערויף מאַכט רש״י: „כנעני — תגרא״, אַ סוחר. צוליעב וואָס דאַרפען מיר עס אייגענטליך וויסען, אַז דער מחותן איז געווען אַ סוחר? נאָר דער פסוק דערצעהלט עס אונז, בכדי מיר זאָלען זיך נישט וואונדערען, פאַרוואָס עס זענען פון אַזאַ צדיק, ווי יהודה, אַרויס־געקומען אַזעלכע שלעכטע קינדער, ווי ער און אונן; אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געקוקט אויף קיין יחוס און זיך געיאָגט נאָך אַ געלד־שידוך, נאָך אַ מחותן אַ סוחר...

בֹּא אל אשת אָחיך וְיַבֵּם אותה והקם זרע לְאָחיך... (לח. ח.)

אין בערלין האָט אַמאָל פּאַסירט אַ מעשה מיט איינעם אַ מופקר, ביי וועלכען דער ברודער איז געשטאָרבען אָהן קינדער, און ער האָט געדאַרפט דער שוועגערין געבען חליצה, אָבער אַנשטאָט חליצה האָט זיך דער פאַרשוין איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל מיט איהר חתונה האָבען און „מקיים״ זיין די מצות יבום. דער רב, רבי הערשעלע בערלינער, האָט, פערשטעהט זיך, נישט דערלאָזט דערצו און ער האָט איהם נישט געוואָלט געבען קיין חופּה וקדושין, ערקלערענדיג דעם בעל־דבר, אַז מצות יבום איז לויט׳ן דין נישט נוהג בזמן הזה.

יענער האָט דערלאַנגט אַנ׳אָנקלאַגע צו דער מאַכט. דער בילדונגס־מיניסטער אַליין האָט זיך מיט דער זאַך אינטערעסירט און ער האָט אַרויס־גערופען דעם רב אויף אַ פערהער:

— אויף וואָס פאַר אַ גרונד — האָט ער איהם פאַרגעוואָרפען — ווילסטו איהם נישט געבען קיין חופּה וקדושין? אין תורת משה ווערט דאָך דייטליך געזאָגט, אַז אויב איינער שטאַרבט אָהן קינדער, דאַרף דער ברודער חתונה האָבען מיט זיין ווייב?

דערויף האָט איהם רבי הערשעלע געענטפערט:
די חז״ל זאָגען (יבמות כב.) אַז „מי שאין לו בן מכל מקום, פוטר אשת אביו מן הייבום — מכל מקום לאתויי מאי? לאתויי ממזר״, און היות, ווי די דאָזיגע פאַמיליע צייכענט זיך נישט אויס מיט קיין איבעריגער צניעות, האָבען מיר נישט די זיכערקייט, אַז דער פערשטאָרבענער ברודער האָט נישט געלאָזען ערגיץ-וואו אַ בן-ממזר, און אין אַזאַ פאַל איז דאָך שוין נישטאָ די מצוה פון יבום וממילא איז שוין דעמאָלס צוריק חל דער איסור פון אשת אח...

ויהי איש מצליח — ויהי בבית אדוניו המצרי... (לט. ב.)

דער איד אַרבייט, דער איד איז מצליח, אָבער — „ויהי בבית אדוניו המצרי״, די גאַנצע האָרעוואַניע און הצלחה געהט אַוועק פאַר׳ן מצרי׳ס וועגען, סוף כל סוף קומט דער גוי און נעהמט דאָס אַלץ צו...

(אמרי חן)

וירא אדוניו כי ד׳ אתו וכו׳... (לט. ג.)

דערפאַר ווייל „וירא אדוניו כי ד׳ אתו״, איז אויך „וימצא יוסף חן בעיניו״, דען „כל מי שרוח המקום נוחה הימנו — רוח הבריות נוחה הימנו״...

(אמרי חן)

ויעזוב כל אשר לו ביד יוסף וכו׳... (לט. ו.)

ויעזוב כל אשר לו ביד יוסף — ער פלעגט אַלץ איבערלאָזען יוסף׳ן — ולא ידע אתו מאומה — און עס האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט געפעהלט — כי אם את הלחם אשר הוא אוכל — בלויז פון ברויט פלעגט פעהלען, מעהר ווי ברויט האָט ער נישט אָנגעריהרט...

(אלשיך)

הן אדוני לא ידע אתי מה בבית וכו׳ ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת... (לט. ח. ט.)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס איינס צום צווייטען?
נאָר די חז״ל זאָגען: „רובן בגזל ומעוטן בעריות״, און אָט דאָס האָט יוסף געזאָגט: „הן אדוני לא ידע אתי מה בבית״ וכו׳, מה-דאָך איך בין אָבגעהיטען אין גזל, כאָטש דער רוב איז דערין נישט אַזוי שטאַרק נזהר, „ואיך אעשה את הרעה הגדולה הזאת״, מכל שכן אין עריות, אין וועלכען נאָר אַ מעוט ווערט נכשל, דאַרף איך דאָך אַוודאי זיין נזהר...

(חיר״א אין נחל קדומים)

ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלקים... (לט. ט.)

פאַרוואָס שטעהט עפּעס „וחטאתי", אַ לשון עבר, נישט „ואחטא"?

נאָר — האָט רבי שמעון סופר געזאָגט דערויף בדרך בדיחות — פּוטיפר'ס ווייב האָט געַ'טענה'ט צו יוסף'ן: אויך תשובה איז דאָך אַ מצוה, וואָס אַ איד דאַרף מקיים זיין. טאָ מוזטו דאָך אַמאָל זינדיגען, כדי דו זאָלסט קענען תשובה טהון?... האָט איהר יוסף דערויף געענטפערט צוויי זאַכען: ערשטענס, „ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת", אויב לשם תשובה דאַרף איך דאָך נישט בעגעהן אַזאַ מורא'דיג גרויסען חטא, כ'קאָן דאָך יוצא זיין מיט אַ פיעל קלענערע עבירה. און צווייטענס, „וחטאתי לאלקים", איך האָב שוין אַמאָל געזינדיגט און די מצוה פון תשובה האָב איך שוין, אַלזאָ, לאַנג מקיים געווען...

ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלקים...

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „וחטאתי לד' אין כתיב כאן אלא וחטאתי לאלקים וכו'".

פרעגען אַלע מפרשים: לויט'ן ווייטערדיגען אויספיהר פון מדרש (זאָל דער לעזער דאָרט מעיין זיין) ווערט דאָך די דאָזיגע קשיא אַבסאָלוט נישט פערענטפערט און עס זעהט זיך פּאַקטיש קיין שום חילוק נישט פון „וחטאתי לד'" ביז „וחטאתי לאלקים"?

נאָר באמת איז אין מדרש געשטאַנען: „וחטאתי לאדוני אין כתיב כאַן", און די קשיא פון מדרש איז: יוסף האָט דאָך אין זיין ערקלערונג כסדר גערעדט וועגען בעל-הבית, וועגען פּוטיפר'ן, טענה'דיג: „הן אדוני לא ידע אתי מה בבית וכו'" און „איננו גדול בבית הזה ממני ולא חשך ממני מאומה וכו'", אַז ער קאָן פּוטיפר'ן נישט פעררעטען, אין דער צייט, ווען יענער האָט צו איהם אַזאַ אונבעגרענצטען צוטרוי. אויף אַזאַ אופן האָט דאָך, אַלזאָ, געדאַרפט זיין דער אויספיהר: „ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאדוני", ווי אַזוי קאָן איך בעגעהן אַזאַ שווערע זינד געגען מיין הערר, פּוטיפר'ן, וועלכער האָט מיר אַלץ אָנגעטרויט? „וחטאתי לאדוני" האָט דאָך געדאַרפט שטעהן, נישט „וחטאתי לאלקים"?

אָבער די שפּעטערדיגע מדפיסים, זעהענדיג אין מדרש די ווערטער: „וחטאתי לאדוני אין כתיב כאן", האָבען זיי געמיינט, אַז עס איז אַ שם קדש און זיי האָבען עס, ווי דער שטייגער איז, פערקירצט אַן געשריבען מיט ראשי תיבות, און עס איז אַרויסגעקומען: „וחטאתי לד' אין כתיב כאן אלא וחטאתי לאלקים"...

(רבי ר' העשיל)

ויעזוב בגדו בידה וינס ויצא החוצה... (לט. יב.)

זעהט — פלעגט זאָגען רבי יהושע העשיל אַפּטער — יוסף הצדיק איז געווען אַנ׳עומד בפני יצרו, ביישטעהענדיג דעם שווערען נסיון פון אשת פוטיפר, און פונדעסטוועגען, צוליעב דעם, וואָס ער איז נכשל געוואָרען אין חטא פון לשון-הרע און שנאת-חנם, האָט ער גורם געווען צום גלות מצרים. יהודה דאַגעגען איז נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון מיט תמר׳ן, און פונדעסט-וועגען, צוליעב דער מדה פון רחמנות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען צו זיין ברודער, צוליעב׳ן „ויאמר יהודה אל אחיו מה בצע כי נהרג את אחינו״, האָט ער זוכה געווען, אַז פון איהם זאָל אַרויסקומען דער גואל צדק...

ויתנהו אל בית הסוהר, מקום אשר אסורי המלך אסורים... (לט. כ.)

אין אַמאָליגען עגיפּטען — ווי עס דערצעהלען די היסטאָריקער — איז געווען איינגעפיהרט, אַז איבער די קרימינעלע און מאָראַלישע פערברעכער פלעגט פאָרקומען אַנ׳עפענטליך פאָלקס-געריכט, דאַגעגען די פּאָליטישע פער-ברעכער, די „אסורי המלך״, פלעגט מען משפּט׳ן בצנעא, ביי געשלאָסענע טהירען. יוסף און זיין זינד, וואָס ער איז מכלומר׳שט בעגאַנגען, האָט אַבסאָ-לוט נישט געהאַט צו טהון מיט פּאָליטיק, און דאָך האָט איהם פוטיפר איינ-געשלאָסען צווישען די „אסורי המלך״, וואַהרשיינליך דערפאַר, כדי מען זאָל איהם נישט דן זיין עפענטליך און דאָס פאָלק זאָל זיך נישט דערוויסען די סקאַנדאַל׳עזע געשיכטע מיט זיין „צניעות׳דיגע״ פרוי...

(בכורי אביב)

אין שר בית הסוהר רואה את כל מאומה בידו באשר ד׳ אתו וכו׳ (לט. כג.)

דער פשט פונ׳ם דאָזיגען, אין פלוג אונקלאָרען און צו-לאַנגען פסוק, איז: דער שר בית הסוהר האָט נישט געזעהן „את כל מאומה בידו״, קיין שום שלעכטס אין דעם, „באשר ד׳ אתו״, וואָס יוסף איז פרום און אָבגע-היטען און אַזויפיעל פערנומען מיט גאָט, מחמת ער האָט זיך איבערצייגט, אַז טראָץ דעם אַלעם איז „ואשר הוא עושה ד׳ מצליח״, אַז זיין פרומקייט איז קיין שום שטערונג נישט פאַר די מלוכה-אינטערעסען, וועלכע ער ערפילט פּינקטליך און מיט ערפאָלג...

(די דאָזיגע ווערטער האָט געשריבען אין דער צוואה צו זיינע קינדער

רבי חסדאי אבן שפרוט, וועלכער איז געווען אַ שר ויועץביים קאַליף עבד אלרחמן דער דריטער).

מען האָט אַמאָל דערצעהלט פאַר רבי חיים צאַנזער, אַז רבי אייזיק׳ל קאמארנער איז זיך גאָר שטאַרק קונה שם ביים עולם מיט זיינע מופתים, וועגען וועלכע מען הערט נישט אויף צו רעדען, האָט רבי חיים בעמערקט דערויף מיט אַ שמייכעל:

„אין שר בית הסוהר רואה את כל מאומה בידו״ — מען האָט ביי יוסף׳ן גאָרנישט געזעהן, קיין שום צדקות און קיין שום מופתים, און פונדעסטוועגען — „באשר ד׳ אתו״, האָט מען דאָך דערקענט, אַז ער איז אַנ׳עהרליכער איד...

ויהי אַחר הדברים האלה חטאו מַשְׁקֵה מלך מצרים... (מ. א.)

„נמצא זבוב בפיילי פוטירין שלו״ (רש״י)

פון וואָס דער אידישער גורל איז אַלץ אָבהענגיג: פון אַ זבוב, פון אַ מעשה מיט אַ פליג!... ווען נישט די פליג, וואָלט דער שר-המשקים נישט איינגעזעצט געוואָרען אין תפיסה, פרעה וואָלט זיך נישט דערוואוסט, אַז יוסף איז אַ פותר חלומות, יוסף וואָלט נישט געוואָרען קיין משנה למלך און ער וואָלט נישט אַראָבגעבראַכט דעם טאַטען מיט׳ן גאַנצען הויזגעזינד קיין מצרים און אַזוי ווייטער און ווייטער... אַלץ אַ דאַנק דער פליג!

(כרם הצבי)

מקץ

שבע שבלים עולות בקנה אחד בריאות וטובות...' (מא. ה.)

דאַגעגען ביי די שבלים דקות, וועלכע האָבען מרמז געוועזן אויף הונגער, שטעהט נישט „בקנה אחד".

דען אין יאָהרען פון זאַטקייט און שפע איז מעגליך, אַז דער מענש זאָל גאַנצע זיעבען יאָהר לעבען אין איין שטאַנד און מצב, „בקנה אחד", אָהן שום ענדערונגען, זייענדיג אינ'ם זיעבעטען יאָהר דער זעלבער בעל־פרנסה, נישט בעסער און נישט ערגער, ווי אינ'ם ערשטען יאָהר. אַנדערש אָבער איז אין דער צייט פון קריזיס און הונגער. אויב דער דאָזיגער מצב דויערט גאַנצע זיעבען יאָהר צייט, דאַן איז דאָס צווייטע יאָהר ערגער פונ'ם ערשטען, דאָס דריטע — ערגער פונ'ם צווייטען א. אַז. וו. אויף אַזעלכע יאָהרען איז נישט שייך צו זאָגען: „בקנה אחד"...

(טעמא דקרא)

ועתה ירא פרעה איש חכם ונבון וכו'... (מא. לג.)

מורא האָבענדיג, אַז די חרטומים און יועצים זאָלען נישט אַמאָל צוליעב קנאה באַגאַטעליזירען דעם פתרון זיינעם און איהם אויסלאַכען, האָט דעריבער יוסף צוגעגעבען צום סוף: „ועתה ירא פרעה איש חכם ונבון", כדי איטליכער פון זיי זאָל זיין זיכער ביי זיך און מיינען, אַז דאָס ווערט מען געוויס איהם בעשטימען אויפ'ן דאָזיגען הויכען אַמט, מחמת יעדער איינער האָט דאָך אַודאי געהאַלטען, אַז ער איז דער אמת'ער חכם ונבון...

און אַזוי איז טאַקי געווען: ווי נור יוסף האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער — „וייטב הדבר בעיני פרעה ובעיני כל עבדיו", האָבען זיי אַלע דערויף מסכים געווען. „כל עבדיו"—אַלע אָהן אויסנאַהם...

(דובנער מגיד)

ויעשה פרעה ויפקד פקדים על הארץ... (מא. לד.)

אויב פרעה וויל באמת, אַז די פקדים זאָלען אויספיהרען זיין בעפעהל און דאָס פאָלק זאָל זיך צופּאַסען צו דער פעראָרדנונג פון „ויקבצו את כל אוכל השנים הטובות“, דאַן איז קודם-כל — „יעשה פרעה“, דאַרף ער עס פריהער אַליין טהון און אַליין קודם כל ווייזען אַ ביישפּיעל פון שפּאָרזאַמקייט...
(לקט אמרים)

ויקראו לפניו אברך... (יא. מג.)

„אַברך זה יוסף שהוא אָב בחכמה ורך בשנים“ (רש"י)

בשעת דער רבי ר׳ העשיל איז אַלס יונגער בחור געקומען איינמאָל קיין בריסק, וועלכע איז געוועזען זיין געבורטס-שטאָדט, האָט די גאַנצע שטאָדט געקלונגען מיט דעם דאַמאָלס שוין בעריהמט געוואָרענעם עלוי, וועלכען דער ב״ח האָט אַרויסגעגעבען סמיכה און איהם טיטולירט אַלס „יניק וחכים“.

מען האָט דעם יונגען עלוי פאָרגעשטעלט פאַר ר׳ שאול וואהל, וועלכען מען האָט פאָרגעלעגט צו נעהמען איהם פאַר אַנ׳איידעם, און דערביי האָט מען איהם אויך געוויזען די סמיכה פון ב״ח און די שבחים, וואָס ער שרייבט אויף איהם. בעת ר׳ שאול האָט איבערגעלייענט די ווערטער „יניק וחכים“, רופט ער זיך אָן מיט אַ שמייכעל צום עלוי:

— ביי יוסף׳ן שטעהט: „אַברך—אָב בחכמה ורך בשנים“. פריהער ווערט געריהמט זיין גרויסקייט אין חכמה און ערשט דערנאָך — די מעלה, וואָס ער איז יונג, אַ „רך בשנים“, דיך אָבער, ווי איך זעה, ריהמט מען פערקעהרט: פריהער „יניק“ און ערשט שפּעטער — „חכים“...

— איז דערפאַר טאַקי — ענטפערט איהם דער עלוי מניה וביה — ברענגט רש״י דערויף דעם ווייטערדיגען אויספיהר פון מדרש: „אמר לו בן דורמסקית, עד מתי אתה מעוות עלינו את הכתובים“. אין פלוג: מיט וואָס איז ער דערמיט אַ מעוות את הכתובים? צי דען געפינען מיר ווייניג אין די חז״ל אַזעלכע עהנליכע דרשות אויף פערשיעדענע פסוקים? נאָר דאָס טאַקי האָט ער געמיינט מיט זיין פראַגע: אויב דער פסוק זאָל אויסען זיין דעם דאָזיגען דרש, וואָלט ער דאָך געדאַרפט הייסען „רכאב“, נישט „אברך“? פריהער וואָלט מען איהם געדאַרפט ריהמען, אַז ער איז אַ „רך בשנים“ און ערשט דאַן די רבותא, אַז ער איז אַזוי יונג, אַז ער איז אַ „אב בחכמה“...

דערויף זאָל איהם ר׳ שאול האָבען געענטפערט, אַז דער פּשט פון „עד מתי אתה מעוות עלינו את הכתובים“ איז, אַז דאָס איז געגען דעם, וואָס עס שטעהט בפירוש געשריבען אין משלי: „ובישישים חכמה“, אַז אַ אינגעל קאָן קיין חכם נישט זיין... דאָס איז געוועזען אַגב אַ שטאַד פאַר זיין צו-

דרייסטע און חוצפה'דיגע תשובה, פון וועלכע ר' שאול איז געווען אונצו־פריעדען און ער זאָל דערפאַר זיך האָבען אָבגעזאָגט פון צו נעהמע איהם פאַר אַנ'איידעם. אָנשטאָט ר' שאול'ן איז דער רבי ר' העשיל געוואָרען דער איידעם פונ'ם דאַמאָלס בעריהמטען בריסקער גביר, ר' משה ר' לייזער'ס...

ויקרא פרעה שם יוסף צפנת פענח... (מא. מה.)

פרעה האָט איהם משנה השם געווען, נישט וועלענדיג, ווי עס ווייזט אויס, האָבען אַ מיניסטער מיט אַ אידישען נאָמען. אָבער יוסף — דערצעהלט אונז ווייטער דער פסוק — האָט דעם דאָזיגען נייעם נאָמען נישט אָנגענומען און — „ויצא יוסף על ארץ מצרים", ער האָט זיך ווייטער גערופען מיט זיין אַלטען אידישען נאָמען, און דער נאָמען „צפנת פענח" ווערט מעהר נישט דערמאָהנט...

(ילקוט דוד)

לכו אל יוסף אשר יאמר לכם תעשו... (מא. נה.)

„לפי שהי' יוסף אומר להם שימולו" (רש"י)

היתכן — פרעגט דערויף דער האר"י הקדוש אין ספר הגלגולים — פאַר־וואָס האָט עפּעס יוסף אַזוי שטאַרק געוואָלט מזכה זיין די מצריים מיט דער מצות מילה און וואָס איז ער דערמיט אויסען געווען?

ענטפערט דערויף דער רבי ר' העשיל: יוסף האָט געזעהען, אַז זיינע קינדער, ווי אויך דער גאַנצער בית־יעקב, וועלען געצוואונגען זיין צו זיצען עטליכע הונדערט יאָהר אין מצרים, און מורא האָבענדיג פאַר'ן „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם", אַז במשך פון דער צייט זאָלען זיי זיך חלילה נישט אויסמישען מיט די גוים און פערגעסען אין זייער אָבשטאַמונג, האָט ער געוואָלט, אַז זיי זאָלען כאָטש בלייבען ביי דער מצות־מילה. אויב זיי וועלען דערהאַלטען דעם אות־ברית איז פאַרהאַן אַ האָפנונג, אַז זיי וועלען בזמן מן הזמנים זיך צוריק אומקעהרען אין אידישען וועג, און כדי דאָס צו בעוואָרענען, האָט ער דעריבער אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, אַז די מצריים זאָלען זיך מל זיין, ווייל ווען די מצריים וועלען זיין גע'מל'עט — וועלען עס זיכער אויך די אידען זיי נאָכטהון...

אַנ'עהנליכע תשובה האָט אַמאָל רבי יונתן אייבעשיץ געגעבען אַ גע־וויסען אַפּיקורס, וועלכער האָט נישט געוואָלט מל זיין זיין קינד. דער אַפּיקורס האָט איהם געפּרובט אויפוויזען, אַז לויט דער מיינונג פון פערשיעדענע געלעהרטע, שטאַמט אייגענטליך דער מנהג פון מילה פון די אור־אַלטע

נישט-אידישע פעלקער, איז צום ערשטען איינגעפיהרט געוואָרען אין עגיפּטען, וואו דאָס האָט געדיענט אַלס צייכען, אַז מען געהער צום „אויסדערוועהל־טען" עגיפּטישען פאָלק און פון דאָרט האָט זיך עס מיט דער צייט איבער־געטראָגען צו אַ רייהע אַנדערע פעלקער, ובתוכם אויך צו די אידען...

— וואָס דאַרפט איהר — ענטפערט איהם רבי יונתן — זיך פעררופען אויף די געלעהרטע און אויף זייערע וויסענשאַפטליכע בעווייזען? איהר האָט דאָך עס בפירוש אין רש"י: „אשר יאמר לכם תעשו — לפי שהיה אומר להם שימולו", אַודאי האָבען די עגיפּטער מל געווען זייערע קינדער, אָבער דער ערשטער, וואָס האָט דעם דאָזיגען מנהג ביי זיי איינגעפיהרט, איז געווען — יוסף, אונזער יוסף...

— עט — מאַכט דער אַפּיקורס — דאָס לעגט זיך נישט אויפ'ן שכל, נאַכוואָס האָט עס יוסף געדאַרפט? וואָס האָט איהם געאַרט, אַז די עגיפּטער זענען נישט גע'מל'עט?

— ער האָט עס געדאַרפט — ענטפערט איהם רבי יונתן — צוליעב אונזערע אַפּיקורסים, וועלכע האָבען ליעב אין אַלע זאַכען צו פערקוקען זיך אויף די גוים. בשעת זיי וועלען זעהען, אַז עס זענען פאַראַן אויך גוים, וואָס זענען מל זייערע קינדער — וועט די דאָזיגע מצוה אפשר בע־קומען מעהר חשיבות אין זייערע אויגען און זיי וועלען עס נאָכטהון...

ויאמר אַליהם מרגלים אַתם... (מב. ט.)

יוסף האָט פערשטאַנען, אַז די ברידער זוכען איהם אַודאי אַרום און, מעגליך, אַז בשעת זיי וועלען איהם דערזעהען און זיך אָבשטעלען אויף זיין עהנליכקייט צו זייער פערלוירענעם ברודער, וועלען זיי פערפיהרען וועגען איהם אַ חקירה-ודרישה, און נישט וועלענדיג, זיי זאָלען זיך פאַר דער צייט דערוויסען ווער ער איז, האָט ער זיי דעריבער בעשולדיגט אין שפּיאָנאַזש און אויסגערופען: „מרגלים אתם!" זייענדיג אַרומגערינגעלט מיט אַזאַ שווערען חשד, וועלען זיי שוין דאַן מורא האָבען צו פערפיהרען מיט וועמען אַ שמועס און אויסצופרעגען זיך, ווער דער משנה למלך איז און פונוואַנען ער שטאַמט...

(כפלים לתושיה)

את האלקים אַני ירא... (מב. יח.)

רבי פנחס הורוויץ (דער בעל „הפלאה") האָט אַמאָל אין אַנ'אינטימען שמועס מיט זיין ברודער, דער רבי ר' שמעלקע, זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט שוין ב"ה דערגרייכט צו דער מדריגה פון יראת-שמים.

— וואָס רעדסטו, ברודער-קרוין? — ווערט רבי שמעלקע דערציטערט —

ווי קאָן זיך עס אַ איד אַזוי ריהמען און אַליין זאָגען אויף זיך, אַז ער איז אַ ירא־שמים? און עניוות וואו איז?

— פון דער תורה — ענטפערט איהם דערויף רבי פנחס — איז צו זעהען, אַז מיט יראת־שמים מעג מען זיך יאָ ריהמען. אָט האָט דאָך אויך יוסף זיך געריהמט דערמיט און אויסגערופען: „את האלקים אני ירא"!... דער טעם דערפון איז, ווייל צו יעדע אַנדערע מצוה מוז דער מענש האָבען סיעתא דשמיא, „הבא לטהר מסייעין אותו", און ער קאָן זיך דערפאַר נישט ריהמען מיט דער געטהוענער מצוה, דען זי איז דאָך נישט אינגאַנצען זיינע, מען האָט דאָך איהם פון הימעל דערצו מיטגעהאָלפען... ביי יראת־שמים דאַגעגען ווערט געזאָגט: „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים", פון הימעל העלפט מען איהם נישט צו, דאָס מוז זיך דער מענש אינגאַנצען אַליין אויסאַרבייטען, און אויב ער האָט זיך עס אויסגעאַרבייט — מעג ער זיך דערמיט ריהמען...

קום רדוף אַחרי האַנשים... (מד. ד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „כמה דאת אמר רחוק יהיה ביניכם וביני כאלפים באמה" (ילקוט רמז ק"ן).

וואָס ווערט געמיינט דערמיט און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ אַהער דער אלפים באמה?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער רבי ר' העשיל — אויפ'ן פסוק „וטבוח טבח והכן" (מג. טז.) ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „ערב שבת היה ואין והכן אלא לשבת, שנאמר והי' ביום הששי והכינו את אשר יביאו". געלאָזט האָבען זיי זיך אין וועג אַריין צומאָרגענס אין דער פריה, ווי עס שטעהט אין פסוק: „הבקר אור והאנשים שולחו", דאָס הייסט, אַז זיי זענען אַרויס פון דאָרט אום שבת, און דאָס בעמערקט דער מדרש: „קום רדוף אחרי האנשים — כמה דאת אמר רחוק יהי' ביניכם ובינו כאלפים באמה", אַז מען האָט זיי נישט געדאַרפט ווייט נאָכיאָגען, דען מעהר ווי אַ תחום שבת זענען זיי אינ'ם דאָזיגען טאָג נישט געגאַנגען...

וַיִגַש

אין „פרי מגדים" או"ח סוף סי' תר"פה געפינען מיר פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען רמז: דאָס וואָרט „ויגש", ווערט דאָרט געזאָגט, איז מרמז, אַז אויב „יום ו' ג' שבט" (די נוטריקון פון „ויגש"), אויב דער דריטער טאָג שבט, הייסט עס, געפאַלט אום פרייטאָג, דאַן — „יפול שלג וקור גדול" (ווידעראַמאָל די נוטריקון פון זעלבען וואָרט), וועט דאַן זיין אַ שווערער ווינטער מיט אַ סך שנייי און גרויסע פרעסט...

דאַגעגען — ווערט צוגעגעבען — זאָל רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָבען געזאָגט דערויף, אַז דאָס איז, אַדרבה, אַ גוטער סימן, און אַז די נוטריקון פון וואָרט „ויגש" בעדייטען דאַן: „שובע גדול וזול יהי", אַז עס וועט דאַן זיין אַ יאָהר פון זול און זאַטקייט...

ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני... (מד. יח.)

דאָס וואָרט „עבדך" בעציהט זיך אויף'ן מצרי, וועלכער האָט זיי אויף יוסף'ס בעפעהל פערהאַלטען, מיט דער טענה, אַז זיי האָבען צוגעגנב'עט דעם גביע הכסף, און דער פשט איז, אַלזאָ: „ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני", זאָל דער קנעכט דיינער, וועלכען דו האָסט געשיקט אונז נאָכיאָגען, דיר איינרוימען אין אויער דעם סוד, וואָס ער האָט געטהון מיט'ן בעכער, אַז ער האָט איהם בכיון אונטערגעוואָרפען, אַז דאָס האָט ער פאַבריצירט געגען אונז אַ בייזוויליגען בלבול...

(רבי אליעזר אשכזי)

כי כמוך כפרעה... (מד. יח.)

„מה פרעה גוזר ואינו מקיים וכו' אף אתה כן" (רש"י)

פרעגט מען דערויף: היתכן? ווי געשיקט זיך עס, אַז אוועקשטעלענדיג זיך פאַר'ן משנה למלך בעטען ביי איהם רחמים, זאָל מען רעדען צו איהם מיט אַזאַ הארב לשון, מיט אַזעלכע בעליידיגונגען?

נאָר דער זין פון די ווערטער איז באמת אַ גאַנץ אַנדערער: זאָל זיין — האָט זיך יהודה געבעטען ביי איהם — אַז מיר האָבען טאַקי געזינדיגט און מיר דאַרפען ווערען בעשטראָפט, אָבער דו האָסט דאָך דאָס רעכט אונז מוחל צו זיין און צו שענקען די שטראָף, דען — „כי כמוך כפרעה״, דו ביסט אַזוי גרויס און חשוב ווי פרעה, און „מה פרעה גוזר ואינו מקיים״, פונקט ווי פרעה, בשעת ער איז גוזר אויף וועמען אַ שטראָף, האָט ער דאָס רעכט נישט מקיים צו זיין, צו געבען דעם בעשולדיגטען אַמנעסטיע און צו שענקען איהם די שטראָף — „אַף אתה כן״, ביזט דו אויך בכוח צו טהון דאָס זעלבע...

(אפיקי יהודה)

אַדוני שאַל את עבדיו לאמר היש לכם אָב... (מד. יט.)

וואו שטעהט דען אין פסוק, אַז ער זאָל זיי האָבען געפרעגט ווענען דעם?

נאָר מעגליך, אַז זיי האָבען עס געזאָגט בלשון שאלה: „אדוני שאל את עבדיו לאמר היש לכם אב או אח״? צי האָסטו דען אונז ווענען דעם גע־פרעגט? ניין, דו האָסט נישט געפרעגט, נאָר מיר אַליין, נישט וואַרטענדיג אויף קיין שום חקירה ודרישה, האָבען דיר אַלעס דערצעהלט: „שנים עשר עבדיך אַחים אַנחנו וכו׳ והנה הקטן את אבינו היום וכו׳״, און דערפון גופא איז שוין, אַלזאָ, געוועזען פאַר דיר גענוג קלאָר, אַז דו האָסט נישט צו טהון מיט קיין מרגלים...

(דמשק אליעזר)

כי איך אעלה אל אָבי והנער איננו אתי וכו׳... (מד. לד.)

ווי אַזוי — פלעגט רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער, צוקומענדיג צום דאָזיגען פסוק, אויסשרייען: — „כי איך אעלה אל אבי״, ווי אַזוי קענען מיר זיך ווייזען פאַר אונזער טאַטען אין הימעל, „והנער איננו אתי״, ווען אונזערע קינדער זענען נישטאָ מיט אונז... וועה, וועה! „כי עבדך ערב את הנער״, מיר האָבען דאָך גאַראַנטירט פאַר די קינדער אונזערע און מיר זענען פאַר זיי פעראַנטוואָרטליך, מיר האָבען דאָך בפירוש ערקלערט, אַז „בנינו יהיו ערבים!״...

העוד אָבי חי, ולא יכלו אחיו לענות אותו... (מה. ג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה״.

וואָס פאַר אַ דין ותוכחה איז פאַרהאַן אין דער שאלה „העוד אבי חי״?
נאָר יהודה האָט אין זיינע טענות פריהער ערקלערט: „והיה כראותו כי אין הנער ומת״, אַז בשעת זייער פאָטער יעקב וועט דערזעהן, אַז זיי זענען צוריקגעקומען אָהן בנימינ׳ען, וועט ער עס נישט איבערטראָגען און ער וועט שטאַרבען פון עגמת-נפש, און דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער האָט יוסף זיך נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און ער האָט אויסגערופען: „אני יוסף! העוד אבי חי?״ איך בין יוסף „אשר מכרתם אותי מצרימה״, לעבט ער נאָך, דער פאָטער מיינער, נאָך דער דאָזיגער געשיכטע? ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט איבערטראָגען און פאַרוואָס האָט איהר דעמאָלס נישט געטראַכט, אַז איהר שטעלט דערמיט אין געפאַהר זיין לעבען? — און אויף אָט דעם דאָזיגען „דין ותוכחה״, אויף די דאָזיגע שטראָף-רייד, האָבען זיי נישט געהאַט, וואָס צו ענטפערען. „ולא יכלו אחיו לענות אותו״...

(רבי יאָשע בער בריסקער)

וישבת בארץ גשן והיית קרוב אלי... (מה. י.)

מיר האָבען שוין אַמאָל געבראַכט רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער׳ס וואָרט אויפ׳ן דאָזיגען פסוק. אויב — האָט ער געטייטשט — „וישבת בארץ גושן״ דאַן — „והיית קרוב אלי״, אויב מען וויל לעבען מיט קרובים בשלום, איז אַמבעסטען צו וואוינען פון זיי וואָס ווייטער...

און דאָס — האָט געזאָגט דערויף רבי ישראל ריזשינער — איז דער פשט: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אַחים גם יחד״, ווי גוט איז אַ „שבת אַחים״, אַ ברידערליך צוזאַמענלעבען, „גם יחד״, אַפילו דעמאָלס, ווען זיי וואוינען צוזאַמען אויף איין אָרט.

געזאָגט האָט ער דאָס געגען דעם טשערנאָבילער רבי׳נס קינדער, וועלכע האָבען נישט געלעבט צווישען זיך בשלום און זיך געהאַלטען אין איין אַרומקריגען...

ויפול על צוארי בנימין אחיו ויבך... (מה. יד.)

„ויבך — על שני מקדשות שעתידין להיות בחלקו של בנימין וסופן ליחרב״ (רש״י)

וואָס האָט ער זיך עפעס פלוצלונג איצט דערמאָהנט אין בית-המקדש?
נאָר אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער און עס זענען ביי דער געלעגענהייט אויפגעשוואומען די אַלטע טרויעריגע עראינערונגען, ווי אַזוי ער איז צוליעב שנאה חנם, צוליעב אומזיסטער שנאה, וואָס די ברידער האָבען געטראָגען אויף איהם, פערקויפט געוואָרען צו די ישמעאלים און מגולגל געוואָרען קיין מצרים, האָט ער זיך

פערטראַכט, צו וואָס שנאת-חנם קאָן אַלץ ברענגען און אַז אויך דאָס בית-המקדש און דאָס אידישע לאַנד וועט אַמאָל חרוב ווערען צוליעב שנאת-חנם...

(רבי ישעיה'לע פראַגער)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט יעדען טאָג מתפלל זיין, אַז די שונאים, וואָס האָבען איהם שלעכטס געטהון, זאָל קיין שום בייז נישט געשעהען, אַז עס זאָל קיינער, חלילה, צוליעב איהם נישט נענש ווערען...

און ער האָט ערקלערט: אין מדרש (פ׳ ויחי) ווערט געזאָגט, אַז דעריבער איז דער בית-המקדש געבויט געוואָרען בחלקו של בנימין און נישט ביי קיין אַנדער שבט, ווייל זיי האָבען עוסק געווען במכירת יוסף, פרעגט זיך: טאָ פאַרוואָס גראָד בחלקו של בנימין, פאַרוואָס נישט, אייגענטליך, בחלקו של יוסף? נאָר ווייזט אויס, אַז אויך ער איז דערצו נישט ראוי געווען, ווייל צוליעב איהם זענען די ברידער נענש געוואָרען...

ובנימין בכה על צואריו... (מה. יד.)

„על משכן שילה שעתיד להיות בחלקו של יוסף וסופו ליחרב" (רש"י)

אין פלוג האָט דאָך געדאַרפט זיין פערקעהרט: יוסף האָט געדאַרפט וויינען אויפ'ן חורבן פון משכן שילה, וואָס וועט זיך געפונען אין זיין טייל לאַנד, און בנימין — אויפ'ן חורבן פון די שני מקדשות, וועלכע וועלען זיין בחלקו?

איז דערפון — האָט דערויף געענטפערט רבי יחזקאל קוזמירער — געדרינגען, אַז מיט יענעמ'ס אונגליק און מיט יענעמ'ס צער דאַרף מען זיך מעהר איבערנעהמען, ווי מיט'ן אייגענעם צער...

ולאביו שלח כזאת עשרה חמורים נושאים מטוב מצרים וכו'... (מה. כג.)

„יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו" (רש"י)

די משא פון אַ חמור, זאָגען די חז"ל (בבא מציעא פ׳), איז אַ לתך, וועלכער ענטהאַלט פופצעהן סאין, ניינציג קבין. די משא פון עשרה חמורים איז, אַלזאָ, בעשטאַנען פון ניין הונדערט קבין וויין, און איז דען, חלילה, יעקב אבינו אַזאַ שיכור געווען, אַז אויף דער קורצער צייט, ביז ער האָט פערלאָזט דאָס לאַנד און איז אַוועק קיין מצרים, האָט ער אַזש נויטיג געהאַט אַזוי פיעל וויין, אַזש ניין הונדערט קבין?...

נאָר אין „סדר הדורות" ווערט געבראַכט אַ מדרש אַגדה, אַז פאַר

יעקב׳ס אָבפאָהר קיין מצרים איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע אַרומיגע בעפעל־קערונג צוזאַמען מיט „כל מלכי כנען וגדולי הארץ״, פאַר וועלכע יעקב האָט געפראַוועט אַ משתה, וואָס האָט זיך געצויגען דריי טעג.

דער וויין איז, אַלזאַ, נויטיג געווען פאַר דעם דאָזיגען אָבשיעדס־מאָהל־צייט און מיט׳ן „דעת זקנים נוחה הימנו״ ווערט נישט געמיינט בלויז יעקב, נאָר — די זקני וגדולי ארץ כנען... (קטורת סמים)

פונוואַנען איז געדרונגען, אַז עס איז געווען יין ישן?

דען אויפ׳ן פסוק „וחברון שבע שנים נבנתה לפני צוען מצרים״ (במ׳ שלח יג. כב.) פרעגט די גמרא (סוטה לד. ווערט אויך געבראַכט אין רש״י אויפ׳ן דערמאָהנטען פסוק): „אפשר שבנה חם את חברון לכנען בנו הקטן קודם שיבנה את צוען למצרים בנו הגדול? אלא שהיתה מבונה מכל טוב על אחד מז׳ בצוען״, אַז אַלע זאַכען, וואָס שטאַמען פון ארץ־ישראל, זענען חשוב׳ער און זיבענפאַכיג בעסער, ווי פון מצרים. בלויז מיט איין זאַך אָבער האָט זיך מצרים אויסגעצייכענט לגבי ארץ־ישראל, מיט איין ווערטפולע מתנה, וואָס איז אין ארץ־ישראל נישט בנמצא, האָט יוסף געקאָנט מהנה זיין דעם פאָטער — מיט יין ישן, דען אַזאַ אַלטען וויין, ווי אין מצרים, וועלכע איז פריהער געבויט געוואָרען, פאַר ארץ־ישראל, האָט ארץ־ישראל נישט געקענט האָבען... (הבאר)

ויאמר אליהם אל תרגזו בדרך... (מה. כד.)

מיטפיהרענדיג פאַר׳ן פאָטער אַזאַ איבעררעשענדע, דערפרעהטע בשורה, וועלען זיי דאָך אַודאי לויפען אין וועג מיט גרויס געיעג און איילעניש, אָהן אָברוה, אָהן דעם אָטעם איבערצוכאַפּען, האָט ער זיי דעריבער אָנגעזאָגט גאַנץ איינפאַך: „אַל תרגזו בדרך״, איהר זאָלט זיך נישט דענערווירען אויפ׳ן וועג, נישט זיין צוטראָגען, נאָר געהן רוהיג, במנוחה... (בכורי אביב)

„אל תרגזו בדרך — אל תתעסקו בדבר הלכה״ (רש״י)

תורה אַליין איז מקרב, „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם״, דאַגעגען דער עסק מיט דער תורה און די מסחרים, וואָס ווערען מיט איהר און אַרום איהר געפיהרט, ברענגט, פערקעהרט, צו מחלוקת, און דערפאַר זעהען מיר אַזוי פיעל קריגערייען צווישען די רבנים...

„אל תרגזו בדרך, אל תתעסקו בדבר הלכה״. לערנען אַליין, מעיין זיין אין אַ דבר־הלכה, קאָן גאָר נישט שאַדען, אַדרבה! דאָס ברענגט צו התקרבות און צו שלום. היטען זאָלט איהר זיך אָבער פאַר׳ן „עסק בדבר הלכה״, נישט צו

מסחר'ן און נישט צו מאַכן קיין עסקים מיט דער תורה, דען דאָס ברענגט בלויז צו מחלוקת...
(אמרי חן)

ויוסף ישית ידו על עיניך... (מו. ד.)

וואָס איז דער זין פון די ווערטער „ישית ידו על עיניך"?
נאָר בשעת דער מענש שטאַרבט איז „מעצמין את עיניו", פערמאַכט מען איהם די אויגען, און היות, ווי יעקב האָט די גאַנצע צייט געלעבט מיט דעם טרויעריגען געדאַנק, אַז יוסף לעבט נישט מעהר, האָט איהם איצט השי"ת געטרייסט און פערזיכערט, אַז „ויוסף ישית ידו על עיניך", יוסף וועט דיר די אויגען פערמאַכען — ער וועט נישט שטאַרבען ביי דיין לעבען...
(חצי מנשה)

ויבך על צואריו עוד... (מו. כט.)

„אבל יעקב לא נפל על צוארי יוסף וכו' ואמרו רבותינו שהיה קורא את שמע" (רש"י)

דער דאָזיגער דרש וועגען וועלכען רש"י דריקט זיך אויס: „ואמרו רבותינו", געפינט זיך נישט, נישט אין תלמוד, נישט אין מדרש. אָבער מעגליך, אַז דאָס בעציהט זיך אויפ'ן מאמר אין מס' דרך ארץ זוטא פרק ראשון: „העבר רצונך ורצון חברך מפני רצון שמים, שכן מצינו ביעקב שלא נשק את יוסף", און דערפון איז, אַלזאָ, אַ ראיה, אַז דאָס, וואָס „יעקב לא נשק את יוסף" איז געווען דערפאַר, ווייל ער האָט דאַן עוסק געווען ברצון שמים, און נעמליך: — „שהיה קורא את שמע"...
(קהלת יצחק)

אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך... (מו. ל.)

די חז"ל זאָגען: „לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, נצחו מוטב ואם לאו יעסוק בתורה, נצחו מוטב ואם לאו יקרא ק"ש, נצחו מוטב ואם לאו יזכיר לו יום המיתה" (ברכות ה').

אריינקומענדיג קיין מצרים, אין מקום הטומאה ועבודה זרה, האָט דערי-בער יעקב אָנגעוואָנדען אַלע דריי מיטלען. קודם כל: „ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף להורות", אויף וועלכען, ווי רש"י ברענגט, עס ווערט גע-דרש'נט: „לתקן לו בית תלמיד שמשם תצא הוראה", און דאַן: „היה קורא את שמע", און נאָכהער: „ויאמר ישראל אל יוסף אמותה הפעם"...
(רבי דוד משה מטשאָרטקאָוו)

והאנשים רועי צאן כי אנשי מקנה היו... (מו. לב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין רביני בחיי: „וכן תמצא רוב הצדיקים שהיו רועים, תמצא בהבל: „ויהי הבל רועה צאן", וכן במשה: „ומשה היה רועה" וכן שמואל הנביא וכו'".

וואו ווערט דען דערמאָהנט, אַז שמואל זאָל האָבען געווען אַ רועה צאן?

כמה ימי שני חייך... (מז. ח.)

רבי אריה לייב, דער „שאגת אריה" (אויף וועלכען דער ווילנער גאון האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אימשטאַנד געווען דורכצובלעטערען אין געדאַנק גאַנץ ש"ס במשך פון איין שעה), איז אויף דער עלטער, בעת ער איז שוין געווען אַ בן־שבעים, אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין מעטץ (פריהער איז ער געווען רב אין וואָלאָזשין, וואו ער האָט גענומען דריי גילדען אַ וואָך...) אַנגעקומען איז ער קיין מעטץ פרשת ויגש און ווי ער איז אַריינגעקומען אין שטאָדט אַריין זענען צו איהם דערגאַנגען ידיעות, אַז אַ טייל בעלי־בתים זענען אונצופרידען און זיי מורמלען, הלמאַי מען האָט אויפגענומען אַלס רב אַנ'אַלטען מאַן, וועלכער שטעהט שוין מיט איין פוס אין קבר. אַוועקשטעלענדיג זיך שבת אין שוהל האַלטען די ערשטע דרשה האָט ער אָנגעהויבען און געזאָגט:

מיר געפינען אין דער היינטיגער סדרה, אַז בשעת יעקב אבינו איז געקומען קיין מצרים, האָט איהם פרעה געפרעגט: „כמה ימי שני חייך"? און דערויף האָט איהם יעקב געענטפערט: „ימי שני מגורי שלשים ומאת שנה, מעט ורעים היו ימי שני חיי". איז אייגענטליך קשה: ערשטענס, וואָס האָט פרעה'ן אינטערעסירט צו וויסען, ווי אַלט ער איז? צווייטענס, נאָכוואָס האָט יעקב געענטפערט מעהר, וויפיעל מען האָט איהם געפרעגט? אויף פרעה'ס פראַגע: „כמה ימי שני חייך", איז דאָך פולקאָם גענוג געווען די תשובה: „ימי שני מגורי שלשים ומאת שנה", צוליעב וואָס האָט ער נאָך געדאַרפט צוגעבען: „מעט ורעים היו ימי שני חיי"?

נאָר בשעת פרעה האָט דערזעהן, אַז מיט יעקב'ס אָנקומען קיין מצרים, איז דאָס לאַנד געבענשט געוואָרען, דער נילוס איז אויפגעגאַנגען און דער הונגער האָט אויפגעהערט, האָט ער מורא געהאַט, אַז דעם לאַנד וועט נישט לאַנג בעשערט זיין צו געניסען פון דעם דאָזיגען גליק, מחמת יעקב איז שוין אַנ'אַלטער מאַן, און ער האָט איהם דעריבער געפרעגט, ווי אַלט ער איז, וועלענדיג וויסען, ווי לאַנג בערך אַזאַ מענש האָט נאָך צו לעבען... יעקב האָט פערשטאַנען דעם זין פון דער דאָזיגער שאלה און ער האָט איהם דעריבער געענטפערט: „ימי שני מגורי שלשים ומאת שנה מעט". כ'זעה אויס

אַ סך עלטער ווי איך בין אין דער אמת'ן, פּ'בין אַלט בס"ה הונדערט און דרייסיג יאָהר, און דאָס איז „מעט", וועניג, „ולא השיגו את ימי שני חיי אבותי", מיינע עלטערן האָבען געלעבט אַ סך לענגער, צו הונדערט און אַכציג יאָהר, און דאָס, וואָס איך זעה אויס אַזוי אַלט איז, ווייל „ורעים היו ימי חיי", כ'האָב געהאַט שלעכטע יאָהרען און בין געעלטערט געוואָרען פאַר דער צייט (עהנליך טייטשט אויך דער רשב"ם).

— דאָס זעלבע — האָט דער „שאגת אריה" אויסגעפיהרט — איז אויך מיט מיר. כ'בין נישט אַזוי אַלט, ווי אייך דוכט זיך. געעלטערט בין איך געוואָרען צוליעב דעם שווערען ביטערען לעבען, ליידענדיג שטענדיג דחקות און אויסשטעהענדיג אָהן אַ שיעור רדיפות און מחלוקת'ן... כ'בין אייך אָבער מבטיח, אַז כ'וועל זיין אי"ה ביי אייך רב מעהר ווי צוואָנציג יאָהר!...

און כך הוה...

ויתום הכסף מארץ מצרים ומארץ כנען... (מז. טו.)

און דערפאַר האָט שוין יעקב געמעגט געהן קיין מצרים, דען — „אין יוצאים מארץ-ישראל לחו"ל אלא אם המעות ביוקר" (בבא בתרא כ"ו)...

רק אדמת הכהנים לא קנה... (מז. כב.)

רבי אפרים זלמן מרגליות, וועלכער איז געווען אַ עושר גדול און דערצו אויך אַ קמצן, האָט נישט געוואָלט צאָהלען קיין קהלה-עטאַט, פּער-רופענדיג זיך אויפ'ן דין אין שולחן ערוך (יו"ד סי' רמ"ג), אַז תלמידי חכמים „פטורים מכל מיני מסים, בין מסים הקצובים על כל בני העיר, בין מס שהוא קצוב על כל איש לבדו וכו'".

די ראשי הקהלה האָבען זיך מיט'ן דאָזיגען ענטפער נישט בעפרידיגט, אָנווייזענדיג אויף אַ ווייטערע שטעלע אין שולחן-ערוך, וואו עס ווערט געזאָגט: „ומיהו אם יש לו מעט אומנות או מעט משא-מתן להתפרנס בו כדי חייו ולא להתעשר וכו' נקרא תורתו אומנתו", פונדאַנען איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז ביי אַ למדן אַנ'עושר איז נישט שייך דער „תורתו אומנתו" און ער איז יאָ חייב במסים.

עס איז אַוועק וועגען דעם פוןביידע צדדים אַ רייה שאלות ותשובות צו די גדולי הדור, און צווישען די פערשיעדענע אַרגומענטען, מיט וועלכע רבי אפרים זלמן האָט זיך בענוצט, האָט ער אויך אָנגעוויזען אויפ'ן פסוק: „רק אדמת הכהנים לא קנה", אויספיהרענדיג, אַז די כהני ישראל דאַרפען נישט זיין ערגער, להבדיל, פון די כהני מצרים...

וַיְחִי

ויחי יעקב בארץ מצרים... (מז. כח.)

„למה פרשה זו סתומה? — לפי שכיון שנפטר יעקב אָבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם" (רש"י)

פרעגט זיך: דער שעבוד האָט זיך דאָך נישט אָנגעהויבען מיט יעקב'ס טוידט, אָנגעהויבען האָט ער זיך ערשט (זעה רש"י פ' וירא ו. טז.), נאָכ'ן טוידט פון לוי, דעם לעצטען פון די שבטים?

נאָר ווי עס ווערט דערצעהלט אין די ווייטערע פסוקים האָבען די בני יעקב געמוזט אָנקומען צו פרעה'ן נאָך אַנ'ערלויבניש אַרויסצופיהרען יעקב'ן פון מצרים און דערמיט, מיט'ן דאָזיגען שתדלנות, האָבען זיי שוין אָנגעהויבען פיהלען דעם טעם פון גלות, דעם טעם פון שעבוד...

(ארחות חיים)

„בקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו" (רש"י)

דעריבער ווערט נישט דערלאָזט, מען זאָל מגלה זיין דעם קץ, ווייל אויב מען זאָל וויסען ווען דער קץ איז, הערט מען דאַן אויף צו פיהלען דעם צער־הגלות, איז דער גלות מעהר קיין גלות נישט...

(שפת אמת)

בני הם אַשר נתן לי אלקים בזה... (מח. ט.)

„בזה, הראה לו שטר אירוסין ושטר כתובה" (רש"י)

פרעגט מען: אין פריהערדיגען פסוק, אויף „וירא ישראל את בני יוסף ויאמר מי אלה", זאָגט דאָך רש"י, אַז יעקב האָט געזעהען, אַז זיי זענען נישט ראוי לברכה, ווייל עס וועלען אַרויסקומען פון זיי ירבעם ואחאב, טאָ וואָס האָט עס דערצו, וואָס „הראה לו שטר אירוסין ושטר כתובה", מיט וואָס זענען זיי שוין איצט יאָ ראוי געוואָרען לברכה?

נאָר עס איז בעקאַנט דעם מהרש"א'ס קשיא: פאַרוואָס ווערט אַ בן

סורר ומורה נידון על שם סופו, ווערענד ביי ישמעאל'ן זאָגען די חז"ל, אַז השי"ת האָט געענטפערט צו די מקטריגים: „באשר הוא שם", אַז מען דאַרף איהם נישט דן זיין צוליעב די שפּעטערדיגע מעשים? און דערויף ווערט געענטפערט, אַז אַ בן סורר ומורה איז מען דערפאַר דן על שם סופו, ווייל ער איז געבוירען באיסור, ווי עס ווערט געזאָגט: „וראית בשביה אשת יפת תואר וכו' לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע וכו' וסופו להוליד ממנה בן סורר ומורה", ישמעאל דאַגעגען איז דאָך געבוירען געוואָרען בהיתר, האָט מען איהם דן געווען נאָר „באשר הוא שם".

און דאָס, אַלזאָ, האָט יוסף מכוון געווען. זעהענדיג, אַז יעקב וויל דן זיין זיינע קינדער על שם סופם, האַלטענדיג, אַז זיי זענען נישט ראוי לברכה, ווייל „שעתידים לצאת מהם ירבעם ואחאב", איז אַלס ענטפער דערויף „הראה לו שטר אירוסין ושטר כתובה", אַז זיי זענען געבוירען געוואָרען בהיתר און אַ נולד בהיתר איז מען נישט דן על שם סופו... (פנינים יקרים)

וידגו לרוב בקרב הארץ... (מח. טז.)

ביי אַלע צעהלונגען אין דער תורה געפינען מיר נישט, אַז די בני יוסף זאָלען האָבען איבערגעשטיגען די צאָהל פון אַלע איבעריגע שבטים. ערשט נאָכ'ן אַריינקומען קיין ארץ-ישראל ווערט געזאָגט: „וידברו בני יוסף את יהושע לאמר וכו' ואני עם רב אשר עד כה ברכני ד'" (יהושע יז. יד.), ערשט דאַן זענען זיי אין אַ קורצע צייט, במשך פון עטליכע יאָהר, נתרבה געוואָרען צו אַ„עם רב", און דאָס איז אויך מרומז אין דער ברכה פון יעקב'ן: „וידגו לרוב בקרב הארץ", אָנהויבען צו מעהרען זאָלען זיי זיך „בקרב הארץ", ערשט דאַן, ווען זיי וועלען קומען קיין ארץ-ישראל... (ווילנער גאון אין אדרת אליהו פ' ראה)

האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים... (מט. א.)

צום „ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים" איז נויטיג פריהער דער — „האספו", דאָס צונויפזאַמלען און צונויפשליסען זיך אין אַחדות. נאָר דאַמאָלס איז אַן עת-רצון, אין וועלכען עס איז מעגליך צו זאָגען נביאות... (אמרי שפר)

מאָנטאָג און דאָנערשטאָג נאָך קריאת-התורה ווערען געזאָגט אַ רייה תפלות, פון וועלכע יעדע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „יהי רצון מלפני

אבינו שבשמים״, בלויז די לעצטע תפלה הויבט זיך אן סתם: „אחינו כל בית ישראל״, אהן די ווערטער „יהי רצון״.

מחמת בשעת עס איז „אחינו כל בית ישראל״, ווען אלע אידען האלטען זיך צוזאמען, איז שוין מעהר נישט נויטיג צו בעטען „יהי רצון״ — דאמאלס איז שוין ממילא אנ׳עת־רצון...

(רבי שלום בעלזער)

בסודם אל תבא נפשי... (מט. ו.)

„בסודם אל תבא נפשי — אלו מרגלים״ (סנהדרין ק״ט)

פרעגט דערויף דער מהרש״א: פארוואס איז דאס געזאגט געווארען בלויז וועגען שמעון ולוי? אינ׳ם חטא פון די מרגלים זענען דאך, אויסער יהושע וכלב, געוועזן אלע שבטים בעטייליגט!

נאר נאכדעם, ווי די מרגלים זענען צוריקגעקומען, ווערט געזאגט אין פסוק: „ויאמרו איש אל אחיו נתנה ראש ונשובה מצרימה״ (במדבר יד. ד.), דערויף זאגט דארט רש״י: „ורבותינו פירשו לשון עבודה זרה״, און אין מדרש ווערט געזאגט: „כל מקום שנאמר איש אל אחיו — הוא שמעון ולוי״. דעם גרעסטען חטא ביי די מעשה־מרגלים זענען דאן, אלזא, בעגאנגען די בני שמעון ולוי, וועלכע האבען אגיטירט צו געהן דיענען עבודה זרה, און דערויף האט יעקב מתפלל געוועזן: „בסודם אל תבא נפשי״, אז דער פסוק זאל דערביי נישט דערמאהנען, אז דאס זענען זיינע קינדער, נאר עס זאל געזאגט ווערען סתם: „ויאמרו איש אל אחיו״, נישט אנרופענדיג אפילו זייערע אייגענע נעמען...

(רבי יעקב פאלאק)

„בסודם אל תבא נפשי — זה מעשה זמרי, בקהלם אל תחד כבודי — זה קרח״ (רש״י)

עס איז בעקאנט די שטעלע אין „מי שלוח״ (פון רבי מרדכי יוסף איזשביצער) אין פרשת פנחס, וואו עס ווערט געזאגט: „ולא יעלה ח״ו על הדעת לומר שזמרי היה נואף, כי מן הנואף לא עשה הקב״ה פרשה בתורה, אבל יש סוד בדבר הזה״.

דער דאזיגער מאמר האט בשעתו, כידוע, ארויסגערופען א שטארקען רעש אין דער לומדישער, ווי אויך אין דער חסידישער וועלט. ווען מען האט דאס געברענגט פאר רבי שמואל מאהליווער, האט ער דערויף בעמערקט, אז איצט איז איהם פערענטפערט, וואס אויפ׳ן „בסודם אל תבא נפשי״ זאגט רש״י: „זה מעשה זמרי״. הגם — האט יעקב אבינו געזאגט — עס וועט שפע־טער קומען עמיצער און בעווייזען, אז עפ״י סוד האט זמרי גארנישט געזינ־דיגט, דאך „בסודם אל תבא נפשי״, מיך געהט נישט אן דער סוד, נאר דער איינפאכער פשט...

אויף אַנ׳עהנליכען אופן האָט אַמאָל געענטפערט רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן.

בשעת עס האָט זיך צעפלאַקערט די בעריהמטע מחלוקת צווישן צאַנז און סאַדיגור, זענען דאַן עטליכע חסידים פון איין צד געקומען צו רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן פועל׳ן ביי איהם, ער זאָל זיך אַנגאַזשירען אין דעם ענין און צושטעהן צו זיי, און דערביי האָבען זיי איהם מסביר געווען דעם טיעפען זין פון דער מחלוקת.

אויסהערענדיג די אַלע הסברות און ערקלערונגען רופט זיך אָן צו זיי רבי יוסף שאול:

— עס קאָן זיין, זעהר און זעהר מעגליך, אַז עפ״י סוד זענען פאַרהאַן אין דער דאָזיגער מחלוקת גאָר הויכע כוונות, אָבער עפ״י פשט — איז עס אַ חילול־השם... און דאָס האָט אויך יעקב אבינו געמיינט מיט די ווערטער: „בסודם אַל תבא נפשי, בקהלם אַל תחד כבודי״. אויך אין דער מחלוקת פון קרח ועדתו האָט מסתמא געשטעקט אַ טיעפער סוד, אָבער — „בסודם אַל תבא נפשי״ — האָט יעקב אבינו ערקלערט, ער וויל זיך נישט אַריינלאָזען אינ׳ם דאָזיגען סוד, פאַר איהם איז געגוג דער פשט, און לויט׳ן איינפאַכען פשט איז עס געווען אַ מחלוקת געגען משה רבינו...

אָרור אַפם כי עז... (מט. ז.)

אין די פריהערדיגע יאָהרען איז אין וואַרשא געווען אַ מנהג, אַז בעת אַ בעל־הבית האָט צוגענומען אַ מלמד צו זיינע קינדער, איז אויב דער בעל־הבית איז געווען אַ חסיד, האָט איהם דער מלמד געדאַרפט צושטעלען אַ רעקאָמענדאַציע פון חידושי הרי״ם, וועלכער האָט אויף איהם עדות געזאָגט, אַז ער האָט איהם עקזאַמינירט און איינגעפונען, אַז ער איז ראוי צו זיין מלמד — איז ער אָבער געווען אַ מתנגד, האָט ער געפאָדערט פון מלמד אַ רעקאָמענדאַציע פון דאַמאָלסדיגען וואַרשאווער רב, רבי יעקב געזונדהייט.

ויהי היום איז אַ חסידישען מלמד אויסגעקומען אָנצונעהמען אַ מלומדות ביי אַ מתנגדישען בעל־הבית און ער האָט איהם געדאַרפט צושטעלען אַ המלצה פון רב.

געהט דער מלמד אַוועק קיין פראַגע און דערפרעגט זיך, וואו עס וואוינט דער רב, וועלכען ער האָט פערזענליך נישט געקענט. צוקומענדיג צו די טרעפ, בעגעגענט ער אַראָבגעהן אַ איד, וועלכער איז געקליידעט, ווי אַ געוועהנליכער בעל־הבית, און ער פרעגט איהם:

— אפשר ווייסט איהר, וואו עס וואוינט דאָ דער יאָקעל? (אַזוי פלעגען די חסידים דאַמאָלס רופען דעם וואַרשאווער רב).

— אויף וואָס ברויכט איהר דאָס דעם יאָקלען?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ר׳ איד — קרעכצט דער מלמד — עס זאָל איהם אַזוי גלוסטען צו לעבען, ווי מיך גלוסט זיין פּרצוף אָנצוקוקען, נאָר וואָס זאָל איך טהון, כ׳בין אַ מלמד און עס איז מיר אונטערגעקומען אַ בעל-הבית, אַ מתנגד, וועלכער פערלאַנגט פון מיר דורכאויס אַ כתב המלצה פון דעם יאָקלען...

— דער יאָקעל — ענטפערט איהם דער איד — איז איצט נישטאָ אין שטוב, אָבער איהר קאָנט אַריינגעהן צו איהם און אונטערוואַרטען, אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט ער זיין צוריק.

וכך-הוה, אין אַ האַלבע שעה אַרום קומט אַריין דער רב, וועלכער איז געווען טאַקי דער זעלבער איד, וועלכען דער מלמד האָט בעגעגענט און זיך מיט איהם אויסגעשמועסט אויף די טרעפּ. דער מלמד איז שטאַרק מבולבל געוואָרען, אָבער דער רב האָט איהם קיין וואָרט נישט געזאָגט, נאָר גלייך אַוועקגעזעצט זיך און אָנגעשריבען אַ המלצה, אַז ער איז ראוי צו זיין מלמד. דער מלמד האָט אַריינגערוקט דאָס פּאַפּיר אין קעשענע און זיך גיך אַרויסגערוקט פון שטוב...

אויף דער פראַגע פון די מקורבים, פאַר וועלכע דער רב האָט שפּעטער דערצעהלט די געשיכטע, פאַרוואָס ער האָט איהם אַרויסגעגעבען אַ כתבי-המלצה, אָהן צו פּרובען איהם פריהער, צי ער קאָן טאַקי לערנען, האָט־דער רב געענטפערט, אַז זעהענדיג, ווי ער איז מבולבל געוואָרען, האָט ער איהם נישט געקאָנט פּרובען, ווייל פון גרויס פערלעגענהייט וואָלט ער זיכער נישט אימשטאַנד געווען צו ענטפערען.

— און טאָמער איז ער טאַקי נישט ראוי צו זיין אַ מלמד?

— וועגען דעם — האָט געענטפערט דער רב — האָב איך קיין שום קלער נישט, מחמת זעהענדיג, וואָס פאַר אַנ׳עזות-פּנים ער איז, האָב איך אין איהם באַלד דערקענט, אַז ער שטאַמט פון שבט שמעון, דען וועגען שבט שמעון ווערט געזאָגט, אַז עס וועלען אַרויסוואַקסען פון איהם נישט-נאָר מלמדים, נאָר זיי וועלען דערצו אויך זיין גרויסע עזות-פּנימ׳ער — „ארור אַפּם כי עז“...

לא יסור שבט מיהודה וכו׳ עד כי יבא שילה... (מט. י.)

עס וועט נישט אָבגעטהון ווערען די רוט פון אידען, ביז משיח וועט קומען: מען וועט אונז כסדר שמייסען, כדי מיר זאָלען נישט מסיח-דעת זיין און נישט פערגעסען, חלילה, אַז מיר זענען אידען...

און דעריבער בעטען מיר: „שלא יצטרכו עמך ישראל זה לזה ולא לעם אחר“, מיר זאָלען נישט דערגרייכען, חלילה, צו אַזאַ לאַגע און מיר

זאָלען זיך, חלילה, נישט נויטיגען, אַז דער „עם אחר", דאָס פרעמדע שכנ'ישע פאָלק, זאָל אונז דאַרפען דערמאָהנען, וואו מיר זענען אין דער וועלט, אַז מיר זענען אידען...

(אמרי פז)

אֹסְרִי לַגֶּפֶן עִירֹה... (מט. יא.)

די שפע וועט זיין אַזוי גרויס, אַז מען וועט צובינדען דאָס אייזעל צום פרוכט-בוים און מען וועט נישט מקפיד זיין, וואָס ער וועט די גאַנצע צייט שטעהן און עסען וויינטרויבען...

(אבן-עזרא)

וַיִּגְוַע וַיֵּאָסֶף אֶל עַמָּיו... (מט. לג.)

„יעקב אָבינו לא מת וכו' מקיש הוא לזרעו, מה זרעו בחיים אַף הוא בחיים" (תענית ה')

אויפ'ן פסוק „וישמע הדד מלך מצרים כי שכב דוד עם אבותיו" זאָגען די חז"ל: „מפני מה נאמר שכיבה בדוד ומיתה ביואב, אלא משום דדוד הי' לו בנים כמותו נאמר בו שכיבה", אַז דער, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך גוטע קינדער, ווערט נישט אָנגעווענדעט אויף איהם דער אויסדרוק „מיתה", זיין לעבענס-פאָדים ווערט נישט איבערגעריסען און נישט אָבגעשטאָרבען, ווערענדיג ווייטער פאָרטגעזעצט דורך זיינע קינדער.

און דאָס איז דער זין: „יעקב אבינו לא מת וכו'", און דערפאַר איז לא מת, ווייל „מקיש הוא לזרעו", ער האָט איבערגעלאָזט קינדער, וועלכע זענען אין זייערע מעשים געווען געגליכען צו איהם און „מה זרעו בחיים אַף הוא בחיים", מיט זיינע קינדער'ס לעבען ווערט אויך זיין אייגען לעבען פאָרטגעזעצט...

(מהר"ל)

וַיַּרְא יוֹשֵׁב הָאָרֶץ... (נ. יא.)

„רבי אליעזר אומר, איזוריהם התירו" (ירושלמי סוטה פ"א)

דאָס אַרומנעהמען אויף זיך די גאַרטעל האָט געדיענט אַלס צייכען פון מוט, ענערגיע, ווי מיר געפינען ביים סדר פון ברכות השחר: „כי אסר המיינה אומר ברוך אוזר ישראל בגבורה" (ברכות ס'). דאָס אויפבינדען די גאַרטלען איז ממילא געווען אַ סימן פון טרויער און מוטלאָזיגקייט...

(תורה תמימה)

אָביך צוה לפני מותו לאמר וכו׳ אָנא שא נא פשע אַחיך... (נ. טז. יז.)

וואו ווערט דען פריהער דערמאָהנט, אַז יעקב זאָל האָבען געהייסען זיינע זיהן, זיי זאָלען בעטען יוסף׳ן, ער זאָל זיי מוחל זיין די זינד, וואָס זיי זענען געגען איהם בעגאַנגען?

באמת אָבער האָבען זיי נישט געדאַרפט וואַרטען, דער פאָטער זאָל זיי אָנזאָגען וועגען דעם. אויך אַליין האָבען זיי גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז אויב מען טהוט ווענען שלעכטס דאַרף מען איהם איבערבעטען. געווען זענען זיי אָבער אין ספק, צי דאַרף מען יענעם איבערבעטען אויך אין אַזאַ פאַל, ווען פון דער רעה, וואָס מען האָט יענעם געוואָלט טהון, איז גאָר לסוף אַרויסגעקומען אַ טובה ווי דאָ, ביי יוסף׳ן, וועלכען זיי האָבען פערקויפט פאַר אַן׳עבד און ער איז דאַדורך עולה לגדולה געוואָרען אַלס משנה למלך... אָבער בשעת זיי האָבען געזעהן, אַז זייער פאָטער יעקב האָט פאַר׳ן טויט געבעטען מחילה ביי יוסף׳ן פאַרוואָס ער האָט קובר געווען זיין מוטער רחל אין מיטען וועג, הגם אויך דערפון איז שפעטער (ווען נבוזראדן האָט פער־טריבען די אידען אין גלות אַריין, און זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען רחל׳ס קבר וכו׳) אַרויסגעקומען אַ טובה, איז זיי, אַלזאָ, קלאָר געוואָרען, אַז אויך אין אַזאַ פאַל דאַרף מען יענעם מפייס זיין.

און דאָס איז דער פשט: „אביך צוה לפני מותו״, מיט זיין אויפפיה־רונג פאַר׳ן טויט האָט אונז דער פאָטער געלערענט, אַז עס ליעגט אויף אונז די פליכט פון „כה תאמרו ליוסף אנא שא נא פשע אַחיך״, אַז מיר דאַרפען דיך איבערבעטען פאַר די זינד, וואָס מיר זענען געגען דיר בעגאַנ־גען, הגם עס איז דערפון אַרויסגעקומען אַ טובה... (רבי מאיר שפיראָ)

ויאמר אַליהם יוסף אַל תיראו וכו׳ ואַתם חשבתם עלי רעה אלקים חשבה לטובה... (נ. יט. כ.)

צוליעב וואָס האָט יוסף איצט, אין מאָמענט ווען ער האָט געטרייסט און בערוהיגט די ברידער, נויטיג געהאַט אויפצודעקען די אַלטע וואונדען און זיי צו דערמאָהנען אינ׳ם „אתם חשבתם עלי רעה״?

נאָר אויך דאָס געהער צו דער בערוהיגונג. „אל תיראו״ — האָט ער זיי געטרייסט — איהר האָט פאַר מיר נישט וואָס מורא צו האָבען, וואָרום ווען איך זאָל אייך אַפילו וועלען טהון שלעכטס, בין איך נישט ביכולת, דען „כי התחת אלקים אני״, איז דען אַ מענש אימשטאַנד צו טהון אַ זאַך אָהן

דעם אויבערשטענס רצון? אַ ראיה האָט איהר פון אייך זעלבסט: „ואתם חשבתם עלי רעה” און פונדעסטוועגען — „אלקים חשבה לטובה”. ווען, אַלזאָ, איך זאָל אפילו יאָ וועלען אויף אייך טראַכטען שלעכטס, וועט עס אויך השי”ת מהפך זיין לטובה...

(הכורם)

ואתם אַל תיראו אָנכי אַכלכל אתכם... (נ. כא.)

איהר דאַרפט נישט מורא האָבען, אַז איך זאָל אייך מעניש זיין פאַר אייער האַנדלונג געגען מיר, דען — „אנכי אכלכל אתכם”, און דאָס אַליין וועט שוין זיין פאַר אייך אַ גענוג האַרבע שטראָף, דען נישטאָ קיין גרע־סערער עונש, ווי אַז מען דאַרף אָנקומען צו אַ פרעמדען טיש...

(רבי יאָשע בער בריסקער)

ספר שמות

שמות

ויוסף היה במצרים... (א. ה.)

„וכי לא היינו יודעים שהוא היה במצרים״? (רש״י)

נאָר, מעגליך, אַז דאָס איז אַ המשך צום התחלת הענין: „ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה וכו׳״, און דערויף ווערט צוגעגעבען: „ויוסף היה במצרים״, אַז בשעת זיי זענען געקומען אַהין, איז שוין יוסף פון פריהער דאָרט געווען...

(משנה כסף)

וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרץ... (א. יב.)

עס שטעהט נישט „וכאשר ענו אותו״, נאָר „וכאשר יענו״, אַ לשון עתיד. די תורה פערזיכערט אונז, אַז שטענדיג, ווען מען וועט די אידען פייניגען, וועט עס דוקא האָבען אַ פערקעהרטע פעולה: וואָס מעהר רדיפות און ליידען, אַלץ מעהר וועט דאָס אידענטום דערפון געשטאַרקט און גע־קרעפטיגט ווערען...

(אורח חיים)

וראיתן על האָבנים... (א. טז.)

דריי מאָל, ווערט אָנגעוויזען אין דער מסורה, געפינען מיר דאָס וואָרט „וראיתם״: „וראיתם על האבנים״, „וראיתם את הארץ״ און „וראיתם אותו״. אַ רמז אויפ׳ן מאמר אין אבות: „הסתכל בשלושה דברים וכו׳ דע מאין באת ולאָן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון״ (אָבות פרק ג׳) ובכן:

„מאין באת?״ — „וראיתם על האבנים״...

„לאָן אתה הולך?״ — „וראיתם את הארץ״...

„ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון?״ — „וראיתם אותו...״

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

ויהי כאשר יראו המילדות את האלקים — ויעש להם בתים... (כ. כא.)

די צארישע רעגירונג אין רוסלאנד האט איינמאל נאמינירט א געווי-סען רב אויף א הויכען פאסטען, האט דאן דער לאדזער רב, רבי אלי׳ חיים מייזעל, געשריבען צו איהם אין א בריעף:

„ויהי כאשר יראו המילדות את האלקים״, בשעת פרעה האט געזעהן, אז די מילדות זענען יראות שמים, זיי האבען מורא פאר גאט — „ויעש להם בתים״, האט ער זיי פערזארגט מיט „בתים״, מיט פיין-איינגעארדענטע הייזער, מיט גוטע פאסטענס, כדי אזוי ארום אריבערצוציהען זיי אויף זיין זייט און זיי אויסצונוצען צו זיינע שענדליכע פלענער... אבער נישט יעדער ירא-שמים — האט רבי אלי׳ חיים פערענדיגט מיט איידעלע אנצוהערעניש — קאן זיך אין אזעלכע פאלען פערגלייכען צו יענע „מילדות העבריות״ און זיין זיכער ביי זיך, אז ער וועט ביישטעהן דעם נסיון...

והנה נער בוכה וכו׳ ותאמר מילדי העברים זה (ב. ו.)

„נער בוכה — קולו כנער״ (רש״י)

אז א זויג-קינד זאל וויינען, ווי א דערוואקסענער נער, דאס איז אנ׳-אויסטערלישע ערשיינונג, און וויבאלד אזוי איז נישט אנדערש, נאר — „מילדי העברים זה״, אז דאס איז א קינד פון יענעם אויסטערלישען פאלק, וואס זיין גאנץ לעבען און זיין גאנצע עקזיסטענץ איז דורך און דורך אנ׳אויס-טערלישע, חוץ-לדרך-הטבע...

(רבי יצחק טארטשינער)

וירא כי אין איש ויך את המצרי... (ב. יב.)

„אבל מלאכים ראה ונמלך עמהם ואמר: חייב זה הריגה? אמרו לו: הן, מיד ויך את המצרי״ (מדרש רבה)

האט דער מלב״ם דערויף געזאגט בדרך חידוד:

די גמרא זאגט (סנהדרין נ״ח ע״ב): „עכו״ם שהכה לישראל חייב מיתה שנאמר ויך את המצרי״, זאגט וועגען דעם דער רמב״ם אין הלכות מלכים, אז נור בדיני שמים איז ער מחויב מיתה, אבער נישט בדיני אדם. פרעגט מען: די ראיה פון דער גמרא איז דאך פון „ויך את המצרי״ און דאס איז דאך בדיני אדם, משה האט דאך איהם גע׳הרג׳עט?!... לויט׳ן דער-מאהנטען מדרש אבער, אז „מלאכים ראה ונמלך עמהם״, איז שוין די קשיא

זיין קשיא נישט, דען קוים איז דער פסק אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך די מלאכים, הייסט דאָך עס שוין בדיני שמים...

איש מצרי הצילנו... (ב. יט.)

„הוא עברי ולבושו מצרי" (מדרש)

דעריבער, זאָגט דער ב"ח (או"ח סי' מ"ה), מאַכען מיר אויסער די ברכה „מלביש ערומים", אויך אַ בעזונדערע ברכה „אוזר ישראל בגבורה" און „עוטר ישראל בתפארה" — אַנטקעגען די בעזונדערע מלבושים, וואָס אַ איד איז מחויב צו טראָגען און מיט וועלכע ער אונטערשיידעט זיך פון די נישט-אידען...

דאַגעגען אָבער שרייבט דער בעקאַנטער איטאַליענישער גאון און פוסק רבי יוסף קלון אין זיין ספר שו"ת מהרי"ק סימן פ"ח, אַז — „אם אין מלבוש הישראלי מורה על היהדות או על הצניעות יותר מאותו שהגוים נוהגים בו, אין שום איסור לישראל ללבוש לבוש הנהוג בין הגוים וכו'".

און ער ברענגט דערויף אַ ראיה פון דער גמרא: „פעם אחת גזרו שמד על ישראל וכו' הלך ר' ראובן בן איסטרובלי לספר קומי והלך וישב עמהם וכו'" (מעילה י"ז). ווען, אַלזאָ, אַ איד זאָל מחויב זיין צו טראָגען בעזונ-דערע מלבושים, פאַרוואָס דערצעהלט נישט די גמרא, אַז אויסער וואָס „הלך לספר קומי" האָט ער אויך, כדי מען זאָל איהם נישט דערקענען, געענ-דערט די מלבושים?...

דעסגלייכען, אויפ'ן מאמר פון דער גמרא: „מים הראשונים האכילו בשר חזיר" (חולין ק"ז), זאָגט רש"י, אַז עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ אידישען קצב, וועלכער האָט פערקויפט בשר כשר צו אידען און בשר טריפה צו גוים און אָט איז אין זיין קראָם איינמאָל אַריינגעקומען אַ איד, וועלכער האָט זיך אַוועקגעזעצט עסען און ער האָט נישט געוואַשען די הענד, האָט דער קצב געמיינט, אַז ער איז אַ גוי און ער האָט איהם מאכיל געווען דבר-טמא... אויב, אַלזאָ, אידען זענען פון תמיד אָן מחויב געווען צו טראָגען בעזונדערע מלבושים, ווי אַזוי האָט דער קצב געהאַט אַ טעות און געמיינט, אַז עס איז אַ גוי, ער האָט דאָך איהם געקאָנט דערקענען לויט דער הלבשה?...

ותלד בן ויקרא את שמו גרשום... (ב. כב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן-עזרא: „ואשר כתוב בדברי הימים דמשה אל תאמין וכו' וככה ספר זרובבל וגם ספר אלדד הדני והדומה להם".

אין ספר, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דברי הימים של משה", ווערט

געזאָגט, אַז משה רבינו איז פיערציג יאָהר געווען מלך אין לאַנד כוש, און אויף דעם זאָגט דער אבן-עזרא: „אַל תאמין", וואָרום אין פרקי דר׳ אליעזר ווערט געזאָגט: „ומשה בן שמונים שנה בעמדו לפני פרעה", טאָ ווי איז דאָס מעגליך און ווי אַזוי שטימט דאָ דער חשבון?...

אַגב, ווי עס איז צו זעהען פון דער ציטירטער שטעלע, האָט דער אבן-עזרא אויך נישט געגלויבט אין דער ריכטיגקייט פון ספר אלדד הדני, טראָץ דעם, וואָס פיעל פון די ראשונים שטיצען זיך אויף איהם און אויף זיינע סיפּורים. אַזוי, למשל, דערמאָהנט רבי חסדאי אבן שפרוט, אין זיין בריעף צום מלך הכוזרים, די ערצעהלונג פון אלדד הדני וועגען די עשרת שבטים, וועלכע לעבען אויף יענער זייט סמבטיון. דאָס זעלבע ענטפערט אויך רבי אברהם, דער זוהן פון רמב״ם, אויף דער שאלה, וואָס מען פרעגט איהם וועגען דעם ענין פון די עשרת-השבטים, שרייבענדיג: „וספור הדני והאגרת שלו ושחיטת חולין שנמסר ממנו כלם ראיה אמיתית על זאת". אויך דער ראב״ד אין ספר האשכול פעררופט זיך אויף די דיני שחיטה וטרפות, וואָס זענען איבערגעגעבען געוואָרען דורך אלדד הדני.

דאגעגען האָט אויך דער מהר״ם מרוטענבערג, פונקט ווי דער אבן-עזרא, געצווייפעלט אין דער ריכטיגקייט פונ׳ם דאָזיגען ספר, און אין זיינע שו״ת (סי׳ קצ״ג) שרייבט ער: „שאין לסמוך עליו, בפרט בעניני הלכה"...

וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל... (ב. כג.)

און פריהער, איידער דער מלך איז געשטאָרבען, האָבען זיי נישט געהאַט צו זיפצען? פריהער איז זיי בעסער געווען?

נאָר כל זמן דער מלך האָט געלעבט האָבען זיי געמיינט, אַז נאָר דער איצטיגער פרעה איז אַזאַ אכזר צו אידען און אויב ער וועט שטאַרבען און עס וועט קומען אַ צווייטער אויף זיין אָרט וועט בעסער ווערען. איצט אָבער ווען „וימת מלך מצרים" און די לאַגע האָט זיך אַבסאָלוט נישט געענדערט צום בעסערען — „ויאנחו בני ישראל ויזעקו", האָבען זיי געזעהן, אַז אומזיסט איז געווען זייער האָפנונג, דען אַלע פרעה׳ס זענען גלייך און אַז נאָר איין בורא קאָן זיי העלפען...

(רבי יצחק וואָלאָזשינער)

עס איז אַ איבעראַל-אָנגענומענער מנהג, אַז בשעת אַ נייער מלך פערנעהמט דעם טראָהן פון פערשטאָרבענעם קעניג, איז זיין ערשטע עובדא אַרויסצוגעבען אַן׳אַמנעסטיע פאַר אַלע מיני פערברעכער און געפאַנגענע שקלאַפען, וועלכע ווערען אָדער אינגאַנצען בעפרייט, אָדער לכל-הפחות ווערט זייער שטראָף און פיין פערלייכטערט. בשעת די בני ישראל האָבען,

אַלזאָ, דערזעהן, אַז טראַצדעם, וואָס „וימת מלך מצרים" און אַ נייער קעניג האָט פערנומען זיין פּלאַץ, זענען דאָך זייערע שווערע ליידען אַבסאָלוט נישט לייכטער געוואָרען — ויאנחו בני ישראל", האָבען זיי געקרעכצט פון ביטע־רער ענטטוישונג און פערצווייפלונג, רעזיגנירענדיג פון יעדע האָפנונג, אַז עס זאָל אַמאָל אַ סוף נעהמען צו זייערע צרות...

(פענח רזא)

בשעת דער מלך פון מצרים איז געשטאָרבען און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געטרויערט און געזיפצט אויף זיין טויט, דאַן — „ויאנחו בני ישראל מן העבודה", האָבען דאַן די אידען אויסגענוצט די געלעגענהייט צו זיפצען אויף זייערע שווערע ליידען, מחמת צוליעב דעם אַלגעמיינעם טרויער האָט ער געקענט אויסגעטייטשט ווערען, אַז דאָס דריקען זיי אויס זייער צער אויפ'ן קעניג'ס טויט... ווען נישט די דאָזיגע געלעגענהייט וואָלטען זיי זיך נישט ערלויבט דערויף, דען אפילו זיפצען און בעקלאָגען זיך אויף דער ביטערער לאַגע האָט מען נישט געטאָרט...

(שער השמים)

של נעליך מעל רגליך... (ג. ה.)

געהענדיג אין שיך שפּרייזען די טריט גאַנץ לייכט איבער די קליינע שטיינדלעך, וואָס ליעגען אויפ'ן וועג און מען פיהלט זיי כמעט נישט. דאַגעגען בּאָרוויסערהייד איז מען עמפינדליך אויף דער מינדעסטער שטרויכ־לונג. משה'ן, דעם מנהיג ישראל, איז אָנגעזאָגט געוואָרען: „של נעליך מעל רגליך!" אַ בּאָרוויסער זאָלסטו געהן איבער דער וועלט, די מינדעסטע שטרויכלונג אונטער די פיס זאָלסטו דערפיהלען, אויף דער קלענסטער עולה און אונרעכט זאָלסטו זיך אָבשטעלען און רעאַגירען...

(עוללות אפרים)

ויאמר ד' ראה ראיתי... (ג. ז.)

„אמר לו הקב"ה למשה, אתה רואה ראיה אחת ואני רואה שתי ראיות, אתה רואה אותן באין להר סיני ומקבלין תורתי, ואני רואה אותן מקבלין תורתי, זה ראה, ראיתי — זה מעשה העגל" וכו' (מדרש רבה)

פאַרוואָס האָט טאַקי משה, דער אַב הנביאים, נישט געזעהען מעהר ווי איין ראיה, בלויז קבלת התורה, און נישט מעשה העגל?

ווייל — האָט געענטפערט דערויף רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — דער צדיק, וואָס זעהט, אַז אידען וועלען זינדיגען, דער איז נישט קיין צדיק און נישט קיין חוזה... משה רבינו האָט נאָר געזעהן דאָס גוטע ביי אידען, די קבלת־התורה, אָבער נישט — די מעשה העגל...

(נפלאות חדשות)

ושאלה אשה משכנתה וכו׳ ושמתם על בניכם... (ג. כב.)

פאַרוואָס שטעהט נישט „ושמתם עליכם״, נאָר „על בניכם״? איז פון דאַנעז, אַלזאָ — ווערט אָנגעוויזען בדרך הלצה — געדרונגען, אַז די אידען זענען דאַמאָלס געגאַנגען געקליידעט אין לאַנגע און די מצריים אין קורצע מלבושים, און דעריבער האָבען די מלבושים, וואָס זיי האָבען געבאָרגט ביי די מצריים, נישט געטויגט פאַר זיי אַליין און זיי האָבען עס איבערגעמאַכט פאַר די קינדער...

ויען משה ויאמר והן לא יאמינו לי... (ד. א.)

אויפ׳ן פסוק „ותאמרנה איש מצרי הצילנו״ זאָגען די חז״ל: „הוא עברי ולבושו מצרי״.

משה האָט, אַלזאָ, געצווייפעלט אינ׳ם ערפאָלג פון זיין שליחות, טענה׳דיג: „והן לא יאמינו לי״, די אידען וועלען מיר נישט גלויבען, דאָס פאָלק וועט נישט האָבען קיין צוטרוי צו אַזעלכען, וועלכער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרען ביי פרעה׳ן אין הויז און געהט געקליידעט, ווי אַ מצרי, אַז ער זאָל זיין ראוי צו ברענגען די גאולה...

(רבי נפתלי צבי יהודה בערלין)

וראך ושמח בלבו... (ד. יד.)

„אלו ידע אהרן שהתורה תכתוב עליו וראך ושמח בלבו, היה הולך בתופים ובמחולות״ (מדרש רבה)

אַזוי ליעב האָט אהרן געהאַט כבוד, אַז ווען ער זאָל וויסען, אַז די תורה וועט איהם דערפאַר ריהמען, וואָלט ער אַזש געטאַנצט פון פרייד?

נאָר די כונה איז: אהרן איז פון גרויס עניוות געווען בלויז אַ „שמח בלבו״, נישט וועלענדיג אַרויסוויזען די שמחה עפענטליך, אָבער ווען ער זאָל דאָן געווען וויסען, אַז די תורה וועט סיי־ווי די דאָזיגע אינערליכע שמחה זיינע מגלה זיין, וואָלט ער זיך נישט געווען דערמיט בעהאַלטען און — „היה הולך בתופים ובמחולות״...

(אבן סופרים)

ויקח משה את אשתו ואת בניו וכו׳ וישב ארצה מצרים... (ד. כ.)

דעריבער האָט משה אַריבערגעפיהרט זיין הויז־געזינד קיין מצרים, כדי דערמיט צו פערשטאַרקען אינ׳ם פאָלק דעם בטחון אין דער נאָהנטער גאולה.

אויב משה אַליין — האָט עס פאַר אַלעמען געדיענט אַלס בעוויז — נעהמט זיין פרוי און קינדער און פיהרט זיי אין גלות אַריין, איז עס זיכער דער־פאַר, ווייל ער ווייסט, אַז דער דאָזיגער גלות וועט שוין לאַנג נישט דויערן און אַ ליאַדע טאָג וועט די גאולה קומען...

(רבי יוסף אבן כספי)

ויאמן העם וישמעו כי פקד ד׳ את בני ישראל... (ד. לא.)

אין פּלוג וואָלט דאָך געדאַרפט דאָס לשון זיין אַנדערש: „וישמעו כי פקד ד׳ את בני ישראל ויאמן העם״?

נאָך דער רמב״ם ערקלערט אין הלכות מלכים (סוף פרק י״א), אַז דער סימן צו גלויבען אין משיח־האמת וועט נישט זיין דורך נסים ונפלאות, נאָר אויב די גאַנצע וועלט וועט גלויבען אין איהם, וועט דאָס גופא זיין דער עיקר הסימן, אַז ער איז דער „משיח אלקי יעקב״, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק „כי אָז אהפוך אל עמים שפה ברורה״ (צפניה ג. ט.).

און דעריבער, בשעת „ויאמן העם״, בעת דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין משה׳ן — וישמעו — האָבען זיי דערפון גופא שוין פערשטאַנען — כי פקד ד׳ את בני ישראל, אַז דאָס איז אַ סימן, אַז די גאולה איז נאָהענט...

(רבי מנחם קרענגיל)

ויכו שוטרי בני ישראל... (ה. יד.)

מען האָט געשלאָגען די שוטרי בני ישראל, ווייל זיי האָבען נישט געשלאָגען די אידישע אַרבייטער... אַזוי דאַרף זיין די מדה פון אַן־אמת׳ען איד: אונטערשטעלען די פּלייצע און לאָזען זיך שלאָגען פאַר זיין חבר, פאַר אַ צווייטען איד...

(רבי משה לייב סאָסובער)

נרפים אתם נרפים וכו׳... (ה. יז.)

צום ראַדזינער רבי׳ן, רבי גרשון העניך, איז אַמאָל געקומען אַ חסידי־שער יונגערמאַן, וועלכער איז נאָך־וואָס אַראָב פון דער קעסט און ער איז דעריבער געקומען פרעגען דעם רבי׳ן אַן־עצה, צו וואָס פאַר אַ פרנסה ער זאָל זיך נעהמען. רבי גרשון העניך האָט איהם געראַטען, ער זאָל פּרובען ווערען אַ סוחר, אָנהויבען מיט עפּיס צו האַנדלען. דער יונגערמאַן אָבער האָט דערצו קיין חשק נישט געהאַט און ערקלערט, אַז ער וואָלט וועלען בעסער זיך אויסלערנען שחיטה און ווערען ערגיץ אַ שוחט.

דערויף האָט איהם רבי גרשון העניך געענטפערט:

— „נרפים אתם נרפים— דו ביזט פויל, ווילסטו נישט אַרבייטען — על כן אתם אומרים נלכה נזבחה״, ווילט זיך דיר אַ שוחט ווערען, אַ כלי־קודש׳ניק...

פונוואַנען נעהמט זיך דער מנהג, נישט צו לערנען אין דער נאַכט פון ניטל?

דערפון, וואָס אין די אַלטע צייטען פלעגט דער קריסטליכער המון איינאָרדנען אין דער דאָזיגער נאַכט אַ געיעג אויף אידען, וועלכע מען פלעגט שלאָגען מכות־רצח און צוליעב דעם, וואָס עס איז געווען אַ סכנה צו ווייזען זיך דאַן אין די גאַסען, האָבען דעריבער די רבנים אין יענע צייטען מתקן געווען, אַז מען זאָל אין דער דאָזיגער נאַכט נישט לערנען, עס זאָלען געשלאָסען ווערען אַלע חדרים, ישיבות און בתי־מדרשים און יעדער זאָל זיצען ביי זיך אין דער היים... (לקוטי פרחים)

ווי אַזוי קאָן עס דער כלל אידען אין דער וועלט מבטל זיין אַ גאַנצע נאַכט פון לערנען, עס שטעהט דאָך: „אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי״?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער חידושי הרי״ם— קוים איז עס אַ אידישער מנהג, איז דאָס גופא אַזוי גוט, ווי געלערענט דען — „מנהג ישראל תורה״...

וָאֵרָא

וידבר אלקים אל משה... (ו. ב.)

„דבר אתו משפט על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה לעם הזה״ (רש״י)

דער רבונו של עולם — פלעגט זאָגען דערויף רבי מאיר׳ל פרימיש-ליאַנער — וויל נישט, אַז די צדיקים זאָלען איהם חנפ׳ענען, ווי דער ירושלמי זאָגט אין סנהדרין: „יודעים הצדיקים ברבונם שאמתי הוא ואינם מחניפים לו״. ער וויל נישט, אַז בשעת עס קומען ל״ע צרות אויף אידען, זאָלען זיי מצדיק את הדין זיין, און געבען דעם רבונו של עולם גערעכט. דער אמת׳ער צדיק דאַרף אין אַזעלכע פאַלען זיך תמיד שטעלען אויף דער זייט פון כלל-ישראל און מלמד זיין בזכותם, דען דער רבונו של עולם נויטיגט זיך נישט אין קיין חניפה... און דאָס איז דער פשט: „דבר אתו משפט על שהקשה לומר למה הרעותה לעם הזה״. השי״ת האָט אָנערקענט, אַז דאָס, וואָס משה רבינו האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געטענה׳ט „למה הרעותה לעם הזה״, האָט ער געטהון עפ״י דין, עפ״י משפט, דען אַזוי טאַקי דאַרף זיך פיהרען דער אמת׳ער צדיק...

„וידבר אלקים אל משה — הדא הוא דכתיב, מי יבא ומי יהרהר אחרי המלך אשר כבר עשה״ (מדרש רבה)

וואָס איז דער מדרש דערמיט אויסען?

נאָר צוויי מאָל, געפינען מיר, האָט זיך משה רבינו געווענדעט צו השי״ת מיט דער טענה פון „למה״. איינמאָל דאָ: „למה הרעותה לעם הזה״, און אַ צווייט מאָל אין פ׳ תשא, ביים מעשה העגל: „למה ד׳ יחרה אַפך״, אויף יענעם „למה״ האָט ער בעקומען אַ תשובה: „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך״, דאַגעגען דאָ, ווי עס זאָגען אונז די חז״ל, אויף דער פראַגע פון „למה הרעותה״, איז ער נענש געוואָרען. פאַרוואָס?... ווייל דאָרט האָט משה רבינו געפרעגט אויף אַ זאַך, וואָס איז נאָך נישט געשעהען: „למה ד׳ יחרה אַפך״,

אַ לשון עתיד, און דערויף איז געקומען דער ענטפער, אַז זיין בקשה ווערט ערפילט און — „סלחתי כדבריך". דאָ אָבער איז ער געקומען מיט אַ טענה אויף אַ זאַך, וואָס איז שוין געשעהען: „למה הרעותה לעם הזה", אַ לשון עבר, און אויף אַ געשעהענע זאַך דאַרף מען נישט מהרהר זיין און נישט פרעגען קיין קשיות, דען — „מי יבא ומי יהרהר אחרי המלך אשר כבר עשהו"...

(עיר דוד)

ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה (ו. ט.)

געוועהנליך ווערט געטייטשט, אַז דער „מקוצר רוח" בעציהט זיך אויף די בני-ישראל, דער רלב"ג דאַגעגען טייטשט: „מקוצר רוחו של משה". משה רבינו איז אונטער דעם שווערען איינדרוק פון די אידישע צרות געווען אונגעדולדיג און דענערווירט און ער האָט זיך אָפטמאָל נישט געקענט בעהערשען, אויסשרייענדיג: „למה הרעותה לעם הזה!" און דעריבער האָבען די בני-ישראל נישט געהאָט צו איהם אין תחלת קיין צוטרוי, דען אַ מנהיג און גואל דאַרף זיך הויפטזעכליך אויסצייכענען מיט זיין רוהיגקייט און פעסטען כאַראַקטער, נישט אַראָבצולאָזען די הענד און נישט פאַלען פון מוט, נישט נתפעל צו ווערען פאַר קיין שום שוועריגקייטען און צייטווייליגע דורכפאַלען, צו געהן מיט לאַנגזאַמע און זיכערע שריט צום אָנגעצייכענטען ציעל, און זיי האָבען, אַלזאָ, מורא געהאַט, אַז צוליעב זיין אונגעדולד און דענערוויירונג וועט משה נישט פעהיג זיין דורכצופיהרען זיין גרויסע אויפגאַבע...

וידבר ד' אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל... (ו. יג.)

„ויצום אל בני ישראל — צוה עליהם להנהיגם בנחת ולסבול אותם" (רש"י)

רבי ישראל סאַלאַנטער, שמועסענדיג אַמאָל וועגען דער דאָזיגער מדה פון נחת און סבלנות, מיט וועלכע אַ אידישער מנהיג דאַרף זיך אויסצייכענען, האָט ער זיך אויסגעדריקט: ווען איך וואָלט געווען אין חתם-סופר'ס דור, וואָלט איך זיך נישט געפיהרט, ווי ער, מחרים צו זיין די רעפאָרמער און זיי אַרויסצושטויסען פון כלל-ישראל. ניין. איך, זעהט איהר, וואָלט דאַן געגאַנגען צום פיהרער פון די רעפאָרמער, אברהם גייגער, און וואָלט מכלומרשט מיט איהם מסכים געווען אויפצובויען אַ סינאַגאָגע מיט אַנ'אָרגעל, מיט אַלע איבריגע זאַכען, נאָר שפּעטער וואָלט איך אין דער דאָזיגער סינאַגאָגע אַריינגעזעצט צעהן תלמידי-חכמים, יראי-שמים, וועלכע זאָלען זיצען יום ולילה און לערנען און ממילא וואָלט די סינאַגאָגע פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ

בית-המדרש... דאָס וואָלט געווען אַ סך ווירקזאַמער, ווי די אַלע קאַמפּען און מחלוקת...

(אור ישראל)

הוא אַהרן ומשה... (ו. כו.)

„לומר ששקולים כאחד" (רש"י)

ווי איז עס מעגליך — האָט דערויף געפרעגט דער חוזה פון לובלין — אַז צוויי מענשען זאָלען זיין אינגאַנצען גלייך אין זייערע מדרגות. מיר האָבען דאָך אַ כלל, אַז „כשם שאין פרצופיהם של בני אדם דומים זה לזה כך אין דעותיהם שוות?"

נאָר — האָט דער חוזה געענטפערט — די גמרא זאָגט: „גדול מה שנאמר במשה ואהרן ממה שנאמר באברהם וכו'" (חולין פ"ט), דען אברהם האָט זיך אויסגעדריקט: „ואנכי עפר ואפר", דאַגעגען משה ואהרן האָבען געזאָגט וועגען זיך: „ונחנו מה", און דאָס איז שוין אַ פיעל גרעסערע מדרגה פון עניוות, דאָס הייסט, אַז מען איז ביי זיך לגמרי גאָרנישט, נאָך וועניגער, ווי עפר ואפר... נישט גלייך זענען נאָר מענשען, וועלכע האַלטען זיך נאָך פאַר „עפּיס", קוים אָבער האַלטען זיי זיך ביידע פאַר גאָרנישט, איז שוין שייך צו זאָגען „שניהם שקולים", אַזעלכע קענען שוין זיין ביידע גלייך...

תנו לכם מופת... (ז. ט.)

רבי אייזיקעל קאַמאַרנער האָט, כידוע, געהאַט אַ שם אין גאַליציען אַלס גרויסער בעל-מופת, איינמאָל איז געקומען צו איהם אַ טשערנאָוויצער משכיל, וועלכער האָט זיך „אינקאָגניטאָ" אַרומגעדרעהט אַ וואָך צייט אין הויף, וואו ער האָט גענוי נאָכגעפאָלגט דעם רבי'נס התנהגות, צוגעהערט זיך צו אַלע דערצעהלטע מופתים, און דאַן האָט ער בעשריבען זיינע איינדריקען אין „המגיד", וואו ער האָט אויפגעוויזען, אַז די אַלע מופתים, מיט וועלכע גאַליציען קאָכט אַזוי, זענען בעצם נישט מעהר, ווי „היפנאָז" און אַז די גאַנצע צייט, וואָס ער איז דאָרט געווען, האָט ער קיין איין מופת נישט געזעהען.

ווען מען האָט דעם קאַמארנער געוויזען דעם „המגיד", האָט ער געזאָגט:

די תורה דערצעהלט אונז: „ויעש האותות לעיני העם, ויאמן העם" (ד. ל.), דאַגעגען ביי פרעה'ן שטעהט: „ויחזק לב פרעה ולא שמע אליהם" (ז. יב.). עס איז דער זעלבער מופת געווען, מיט'ן זעלבען משה, דאָך האָבען די אידען יאָ געגלויבט און פרעה — נישט, דען ביי אַ מופת איז געווענדעט, מיט וועלכע אויגען מען קוקט דערויף, צי מיט אידישע אויגען, צי מיט די אויגען פון אַ פרעה...

אין דער תורה — פלעגט זאגען רבי אייזיל סלאנימער בדרך הלצה — געפינען מיר צוויי אויסדריקען: „מופת" און „אות", אבער, ווי עס ווייזט אויס, מוז „אות" זיין א העכערע מדרגה, ווי „מופת", מהמת איך קען א סך רביים, וועלכע קענען נישט קיין אות און דאך בעווייזען זיי מופתים...

רבי שמעון סופר האט אמאל געשריבען א בריעף צו א געוויסען גאלי־ציאנער רבי, וועלכען מען האט געהאלטען פאר א בעל־מופת און דער בריעף האט זיך אנגעהויבען מיט׳ן טיטול: „בעל המופת הגדול, דומה למלאך ד׳ צבאות". אויף דער פערוואונדערונג פון די מקורבים, הלמאי ער פערגלייכט איהם צו א מלאך, האט ער זיי געענטפערט:

— דער דאזיגער רבי, פערשטעהט איהר מיך, איז מיט צוויי זאכען בבחינת מלאך, ערשטענס דערמיט, וואס ער בעווייזט מופתים, צווייטענס, ווייל — „לא ניתנה תורה למלאכי השרת"...

רבי חיים צאנזער פלעגט נישט האלטען פון קיין רבי׳שע מופתים, עס פלעגט אין צאנז ארומגעהן א ווערטעל: „אותות ומופתים באדמת בני חם". מופתים איז א׳ן ענין פאר בני חם, פאר עמי־הארצים און פראסטאקעס...

ויעשו כן חרטומי מצרים בלטיהם... (ז. כב.)

אין פלוג זעהט עס אויס אונפערשטענדליך. צוליעב וואס האט השי״ת געבראכט אויף די מצריים עטליכע אזעלכע מכות, וואס זיי זאלען קאנען נאכ־מאכען, ווי דער מופת מיט׳ן שטעקען און די מכה פון דם און צפרדע?

נאר בשעת עס קומט צוגעהן, למשל, א געלעהרטער און ער ריהמט זיך, אז ער האט ערפינדען עפיס גאר א געניאלע, וואונדערליכע ערפינדונג, וועלכע ער האט דעמאנסטרירט פאר א גרופע אונבעקאנטע מענשען ערגיץ אין א פערווארפען פראווינץ־שטעדטעל און ער האט ביי זיי שטארק אויס־גענומען, מאכט עס נישט אויף קיינעם קיין גרויסען איינדרוק. דערפון, וואס די דאזיגע ערפינדונג האט אזוי אויסגענומען ביי עטליכע אונוויסענדע מענ־שען אינ׳ם קליינעם שטעדטעל, איז נאך נישט קיין בעוויז, אז די ערפינדונג האט טאקי אזא גרויסען ווערט. אנדערש אבער איז, ווען בייצוואוינען די דעמאנסטרירונג פון זיין ערפינדונג רופט דער געלעהרטער צונויף די גרעסטע אנערקענטע פאכמענער און וויסענשאפטס־לייט, וועלכע זענען אליין אויך בעריהמט אלס ערפינדער, און זיי אלע דריקען אויס זייער ענטציקונג מיט דער דאזיגער ערפינדונג, וועגען וועלכע זיי זענען מודה, אז זיי וואלטען דאס נישט אימשטאנד געוועז צו בעווייזען, דאמאלס האט עס די געהעריגע

ווידקונג; דער ערפינדער איז זיך קונה־שם און זיין נאָמען ווערט שנעל פּאָפּולער און בעריהמט אין דער וועלט.

אויף צו דעמאָנסטרירען די וואונדערליכע מכות האָט השי״ת אויסגע־קליבען דאָס לאַנד מצרים, וועלכע איז געווען בעריהמט מיט איהרע גע־לעהרטע און חרטומים, און בכדי אויך די שפּעטערדיגע דורות זאָלען האָבען אַ בעגריף וואָסערע גרויסע געלעהרטע און ערפינדער די דאָזיגע חרטומים זענען געווען, דערצעהלט אונז די תורה, אַז זיי זענען זאָגאַר אימשטאַנד געווען נאָכצומאַכען עטליכע פון די געוויזענע מופתים, ווי דאָס פערוואַנדלען אַ שטעקען אין אַ שלאַנג, וואַסער — אין בלוט, פערפלייצען דאָס לאַנד מיט צפרדעים, זאַכען, וואָס קיין שום געלעהרטער ביז׳ן היינטיגען טאָג וועט זיך נישט אונטערנעהמען צו בעווייזען, און אויב אַזעלכע גענעאַלע חכמים האָבען ענדליך, אָנהויבענדיג פון דער דריטער מכה, זיך געמוזט אונטערגעבען און מודה זיין: „אצבע אלקים היא!״ איז עס, אַלזאָ אַ גענוגענדער בעווייז, אַז דאָס זענען געטליכע איבערנאַטירליכע וואונדער, וועלכע זענען למעלה פון יעדען מענשליכען שכל...

(שמן המאור)

ושמתי פדת בין עמי ובין עמך... (ח. יט.)

דערויף ווערט געזאָגט אין בעל־הטורים „דין חסר וכו׳ כי זה לא היה פדות שלם וכו׳ אבל לעתיד הרבה עמו פדות תהיה גאולה שלמה״.

און דאָס — האָט דערויף צוגעגעבען חבי דוד׳ל לעלעווער — פיהרט טאַקי אויס דער פסוק: „למחר יהיה האות הזה״. „למחר״ — ביי דער שפּע־טערדיגע גאולה — „יהיה האות הזה״, וועט שוין נישט פעהלען דער אות אינ׳ם וואָרט „פדות״, דאַן וועט דער פדות שוין זיין מלא מיט אַ ו׳, אַלס רמז אויף אַ גאולה שלמה...

כי בפעם הזאת אני שולח את כל מגפותי... (ט. יד.)

„למדנו מכאן שמכת בכורות קשה מכל המכות״ (רש״י)

אויף דער בעקאַנטער פראַגע פון די מפרשים: ווי קומט דאָ אַהער מכת בכורות? ענטפערט דער רבינו תם מאורלינוש, אַז מכת בכורות און מכת ברד זענען בעצם געווען עהנליך צווישען זיך: ביי מכת בכורות זענען געשלאָגען געוואָרען די בכורי אדם און ביי מכת ברד — די בכו רי התבואה, ווי עס ווערט ערקלערט אין די וייטערע פסוקים: „והפשתה והשעורה נכתה כי השעורה אביב והפשתה גבעול, והחטה והכסמת לא נכו, כי אפילות הנה״, אַז

געשלאָגען איז נאָר געוואָרען די צייטיגע תבואה, די בכורים, און דער „מכת בכורות קשה מכל המכות" בעציהט זיך דאָ, אַלזאָ, אויף דער מכה פון ברד..

אין מדרש ווערט געזאָגט: „שלשה לגיונות של הקב"ה שנפרע בהם מעוברי רצונו: אש, רוח ומים. בסדום — באש, במבול — במים, בדור. הפלגה — ברוח, ובמצרים בשלשתן: דם צפרדע — במים, ארבה — ברוח, שחין — באש".

אַלס אויסנאַהם פון די איבעריגע מכות, איז די מכה פון ברד גופא בעשטאַנען פון אַלע דריי עלעמענטען: „הנני ממטיר כעת מחר ברד" (מים), „ואש מתלקחת בתוך הברד" (אש), „וד' נתן קולות" (רוח), און דעריבער ווערט ביי דער דאָזיגער מכה געזאָגט: „כי בפעם הזאת אני שולח את כל מגפותי", אַלע דריי זאַכען מיטאַמאָל...

(ווילנער גאון)

כצאתי את העיר אפרש את כפי... (ט. כט.)

„אבל בתוך העיר לא התפלל לפי שהיתה מלאה גלולים" (רש"י)

פאַרוואָס איז משה אַרויסגעגאַנגען מחוץ לעיר נור ביים מתפלל זיין אויף דער מכה פון ברד, און נישט ביי דער מכה פון ערב און פון ארבה, וואו עס שטעהט סתם: „ויצא משה מעם פרעה ויעתר אל ד'"?

נאָר אַלס גלולים פון מצרים ווערען געמיינט די צאן, די שאָף, וועלכע זענען ביי מצריים געווען פערגעטערט, ווי עס ווערט געזאָגט אויפ'ן פסוק: „כי תועבת מצרים כל רועה צאן" — „לפי שהם להם אלהות". די צאן ווערען געוועהנליך געהאַלטען אין פעלד, מחוץ לעיר. דעריבער ביי די אַנדערע מכות, בעת וועלכע די צאן, די גלולים, האָבען זיך געפינען אויסער דער שטאָדט, האָט משה מתפלל געווען בתוך העיר, אין שטאָדט. ביי ברד אָבער ווערט דאָך געזאָגט: „הירא את דבר ד' מעבדי פרעה הניס את עבדיו ואת מקנהו אל הבתים", אַז די צאן האָבען זיך דאַן געפינען אין שטאָדט, איז דעריבער משה אַרויס מתפלל זיין מחוץ דער שטאָדט...

(רבי ר' העשיל)

ויחדלו הקולות והברד ומטר לא נתך ארצה (ט. לג.)

פרעה, ווי עס איז צו זעהען פון זיין בקשה, האָט נור געבעטען אויף צוויי זאַכען: „העתירו אל ד' ורב מהיות קולות א' וברד", דאַגעגען, אַז אויך דער מטר זאָל אויפהערען, דאָס האָט ער נישט פערלאַנגט. פערקעהרט, דער בלויזער מטר, אָהן דעם ברד וקולות האָט ער געוואָלט, זאָל בלייבען, וואָרום דאָס איז דאָך אַ ברכה פאַר'ן לאַנד מצרים, וואו עס געהט קיינמאָל נישט קיין

רעגען... מען האָט עס איהם אָבער נישט צוליעב געטהון און — „ויחדלו הקולות והברד ומטר לא נתך ארצה״, אויך דער רעגען האָט אויפגעהערט...

(רבי יעקב, ליסער רב

אין מדרש פון דער היינטיגער סדרה (מדרש רבה פרשה ו׳) ווערט געזאָגט: „עתידה גן-עדן להיות צועקת ואומרת, תן לי צדיקים, אין לי עסק ברשעים, ועתידה גיהנום להיות צועקת ואומרת, אין לי עסק בצדיקים״. איז דאָך אין פלוג קשה: נאָכוואָס דאַרפען זיי שרייען? ווי קאָן דען זיין גאָר אַ הוה-אמינא, אַז מען זאָל די צדיקים פיהרען אין גיהנום און די רשעים אין גן-עדן אַריין?

נאָר מוז זיין — האָט דערויף געזאָגט רבי זושא האַניפּאָלער — אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ווען עס וועט זיין שווער מבחין צו זיין צווישען אַ צדיק און אַ רשע און די מלאכים וועלען זיך טועה זיין און פערבייטען די יוצרות, פיהרענדיג די רשעים אין גן-עדן און די צדיקים אין גיהנם, און ביידע, דער גן-עדן מיט'ן גיהנם, וועלען דאַן דאַרפען שרייען און אויפמערקזאַם מאַכען, אַז מען זאָל, חלילה, קיין טעות נישט האָבען אין חשבון...

בא

לכו נא הגברים וכו׳ כי אותה אתם מבקשים... (י. יא.)

אַזוי איז שוין דער שטייגער, דער דרך התגרנים: יעדע פאָדערונג ווערט לכתחילה געשטעלט דאָפּעלט, כדי עס זאָל זיין פון וואָס אָבצודינגען און מען זאָל כאָטש פועל׳ן אויף אַ העלפט, און דעריבער — „לכו נא הגברים״, דען „כי אותה אתם מבקשים״, נאָר דאָס אייגענטליך איז דאָך אייער פּאָק־טישער פערלאַנג, און נור בכיוון, כדי דאָס צו פועל׳ן, האָט איהר לכתחילה געפאָדערט מעהר...

(חמדה גנוזה)

לפניו לא היה כן ארבה כמוהו ואחריו לא יהיה כן... (י. יד.)

דערויף שרייבט דער רמב״ן אין נאָמען פון רבינו חננאל, אַז זינט משה רבינו האָט מתפלל געווען, אַז דער ארבה זאָל פערשווינדען פון מצרים, האָט ביז היינט דאָרט דער היישעריק מעהר קיין שליטה נישט, און זאָגאַר ווען ער בעוויזט זיך אין ארץ־ישראל און ער רייסט זיך פון דאָרט אַריין אין די גרעניצען פון מצרים, ריהרט ער אַבסאָלוט נישט אָן די תבואה פון לאַנד און — פיהרט ער אויס — „זה כבר ידוע הוא לכל״...

אל תוסף ראות פני כי ביום ראותך פני תמות (י. כח.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „ארום ביומא דאת חמי סבר אפי, יתקוף רוגזי בך ואמסור יתך ביד בני נשא אילין דהוו תבעי נפשך למיסב יתה״.

פרעה האָט איהם, הייסט עס, געדראָהט, דאָס אויב ער וועט זיך נאָך איינמאָל ווייזען פאַר איהם, וועט ער איהם איבערגעבען אין די הענד פון דתן ואבירם, וואָס צוליעב זייער מסירה, בשעת ער האָט דערהרג׳עט דעם מצרי, איז ער געהאַט אַנטלאָפּען קיין מדין.

ווי עס איז, אַלזאָ, צו זעהען פון דער דאָזיגער דראָהונג, האָט משה רבינו, אַ סך מעהר נאָך, ווי פאַר פרעה׳ס שטראָף, מורא געהאַט פאַר די היימישע אידען — פאַר די מוסרים...

דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו וכו׳... (יא. ב.)

צוועלף חדשים זענען די געבאָרגטע חפצים געלעגען בעהאַלטען ביי אידען, ביז זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און דאָך האָט די גאַנצע צייט, די גאַנצע צוועלף חדשים, קיין איין איד נישט גע׳מסר׳ט דעם צוויי-טען. דאָס האָט בעוויזען, אַז זיי האָבען שוין אויסגעוואָרצעלט פון זיך די העסליכע מדה פון מלשינות און זיי זענען שוין דעריבער ראוי צו ווערען אויסגעלייזט פון גלות...

(ילקוט שמעוני, רמז קע״ב)

דבר נא באזני העם...

„שלא יאמר אותו צדיק אברהם: ועבדום וענו אותם קיים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם״ (רש״י)

פאַרוואָס עפּיס נור צוליעב „שלא יאמר אותו צדיק״?

דען עס ווערט גע׳פסק׳נט, אַז „אין אדם מת ומשלם״. מיטביידע זאַכען, הייסט עס, אי מיט מיתה, אי מיט ממון, איז מען נישט מעניש. טאָ פאַר-וואָס האָט מען די מצריים יאָ מעניש געווען מיט ביידע זאַכען? נאָר דער דין איז, אַז אויב „חייב מיתה לזה ותשלומין לאחר״, דאַן איז יאָ מת ומשלם, וממילא האָט מען שוין געקענט אנווענדען אויף די מצריים ביידע עונשין, דען מיתה זענען זיי מחויב געווען צוליעב׳ן פייניגען די אידען, און תשלומין — צוליעב אברהם׳ן, „כדי שלא יאמר אותו צדיק וכו׳״...

(רבי נפתלי הורוויץ)

וישאלו איש מאת רעהו וכו׳ כלי כסף וכלי זהב... (יא. ב.)

איינער פון די אַנטיסעמיטישע אַנפיהרער אין וויען איז געהאַט געווען, מיט יאָהרען צוריק, אַ געוויסער גלח קלינקשטראָם, אַ מורא׳דיגער שונא-ישראל, וועלכער פלעגט אָפט האַלטען עפענטליכע אַנטיסעמיטישע רעפעראַטען.

צו איינעם אַזאַ רעפעראַט איז אַמאָל געקומען דער ד״ר אהרן יעלינעק.

דער רעפערענט האָט געגאָסען פעך און שוועבעל אויף אידען: די אידישע

מאָראַל איז אַ פערדאָרבענע, אַ באַרבאַרישע און אַנ'ענג שאָווינסטישע. אַלע אַנדערע מענשען, וועלכע געהערען נישט צום אידישען דת, ווערען לויט דער אידישער תורה געשטעלט אויסער'ן געזעץ, און עס איז ערלויבט זיי צו בעשווינדלען און צו בע'גנב'ענען. אַרויסגעהענדיג פון מצרים האָבען די אידען בע'גנב'עט זייערע שכנים, ביי וועלכע זיי האָבען אויף אַ שווינדלע-רישען אופן אויסגענאַרט דאָס גאַנצע פערמעגען, די כלי כסף וכלי זהב. אַפילו דער געבאָט פון „ואהבת לרעך כמוך", מיט וועלכען די אידען שטאָל-צירען אַזוי, איז אין דער ווירקליכקייט אַ ריין עגאָאיסטישער, דען דאָס וואָרט „רעהו", בעציהט זיך נור אויף אַ חבר, אַ איד, אין געגענזאַץ צו דער קריסטליכער לעהרע, וועלכע בעפעהלט ליעב צו האָבען אַלע מענשען אָהן אויסנאַהם...

נאָכדעם, ווי דער גלח האָט געענדיגט, האָט דר. יעלינעק געבעטען אַ וואָרט. ער האָט קודם-כל ערקלערט פאַר די צוהערער, אַז דאָס ביסעל כלי כסף וכלי זהב, וואָס די אידען האָבען מוציא געווען ביי די מצריים, האָבען זיי זיך כשר פערדיענט, נאָכדעם, ווי זיי האָבען אָבגעאַרבעט ביי זיי פיער הונדערט יאָהר בחומר ובלבנים. צווייטענס, איז פון דער דאָזיגער שטעלע גופא אין דער תורה, וואו עס רעדט זיך וועגען די כלי כסף וכלי זהב, אַ בפירושע ראיה, אַז די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך" בעציהט זיך אויף אַלע מענשען אָהן אויסנאַהם, דען עס שטעהט דאָרט: „וישאלו איש מאת רעהו", זעהט מען דאָך, אַז מיט'ן וואָרט „רעהו" מיינט מען נישט דוקא דעם איד, אַז זאָגאַר דער שונא, דער מצרי, ווערט אָנגערופען מיט'ן נאָמען „רעהו"... די קריסטליכע לעהרע האָט, אַלזאָ, גאָרנישט מוסיף געווען צום דאָזיגען אַלטען אידישען געבאָט, מיט'ן אונטערשיעד בלויז, וואָס ביי איהר איז די מצוה געבליבען אין עוואַנגעליום און ביי אונז גילט זי—אין לעבען...

ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו... (יא. ז.)

אַזאַ בשורה-טובה איז עס, אַז אין מאָמענט פון אַזעלכע גרויסע געשעהענישען וועלען די הינט אויף זיי נישט בילען?

נאָר, כידוע, איז דער הונד דאָס געטרייעסטע בעשעפעניש פון צווישען אַלע שטוב-חיות און איז אויך אַממעהרסטען עמפינדליך אויף אַלע געשעהענישען. בשעת עס פאַסירט אין הויז אַ טויט-פאַל, אָדער אַנ'אַנדער אומגליק, צעיאָמערט זיך דער הונד אויף אַ מורא'דיגען אופן, אויסדריקענדיק אַזוי אַרום זיין טיעפען צער און מיטגעפיהל.

פריהער ווערט אין פסוק געשילדערט, וואָס פאַר אַ שרעקליכע מהומה עס וועט ענטשטעהן אין מצרים בשעת דער מגפה פון די בכורים: „והיתה צעקה

גדולה בכל ארץ מצרים אשר כמוהו לא נהיתה וכמוהו לא תוסיף", דאַגעגען אין די אידישע קוואַרטאַלען — קומט דערויף דער אויספיהר — „לא יחרץ כלב לשונו", וועט זיין שטיל און רוהיג און עס וועט נישט פּאַסירען קיין שום סיבה און קיין שום אומגליק, צוליעב וועלכען די הינט זאָלען זיך דאַרפען בעאונרוהיגען...

(ישעיהו הורוויץ, וויען)

ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה... (יב. מ.)

עס איז בעקאַנט די פראַגע, אויף וועלכער עס ווערט געגעבען אָהן אַ שיעור תירוצים: לויט׳ן חשבון זענען דאָך נור די אידען געווען אין מצרים נישט מעהר, ווי צוויי הונדערט און צעהן יאָהר?

באמת אָבער לאָזט זיך עס פערענטפערען גאַנץ איינפאַך: לויט די נייעסטע אַרכעאָלאָגישע שריפטען ווערט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס לאַנד כנען האָט זיך צו יענער צייט געפינען אונטער דער הערשאַפט פון די מלכי מצרים, וממילא זענען שוין אויך די איבעריגע יאָהרען, זינט אברהם האָט זיך בעזעצט אין כנען, פערעכענט געוואָרען צום חשבון...

אין בריסק איז אַמאָל אויסגעבראָכען אַ געוויסע שטאָדטישע מחלוקת, ביי וועלכער עס האָבען זיך, ווי דער שטייגער איז, געבילדעט צוויי צדדים. האָט דער דעמאָלסדיגער בריסקער רב, רבי יאָשע בער, זיך געווענדעט צו אייניגע בעלי-בתים, וועלכע האָבען געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויפ׳ן עולם, זיי זאָלען זעהן צו ווירקען אויף די קעמפענדע צדדים און אַ סוף מאַכען צו דער מחלוקת, אָבער די בעלי-בתים האָבען ערקלערט, אַז זיי ווילען זיך נישט מישען, זיי ווילען בלייבען נייטראַל.

— אינ׳ם דאָזיגען „נייטראַלען" דרך — האָט זיי רבי יאָשע בער אָבגעענטפערט מיט הקפדה — האָבען זיך אַמאָל געהאַלטען די כלבים פון מצרים, דען די חז"ל זאָגען (בבא קמא ס׳): „כלבים בוכים — מלאך המות בא לעיר, כלבים משחקים — אליהו הנביא בא לעיר", און היות, ווי אין מצרים האָט זיך דאַמאָלס געפינען סיי דער מלאך המות, וועלכער איז געקומען שלאָגען די בכורים, סיי אליהו הנביא, דער גואל, האָבען זיי, אַלזאָ, נישט געוואוסט, וואָס זיי האָבען צו טהון, און דעריבער — „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו", האָבען די כלבים בעשלאָסען צו בלייבען „נייטראַל" און אינגאַנצען דאָס מויל נישט צו עפענען...

החדש הזה לכם ראש חדשים... (יב. ב.)

ביז הײנט, זײענדיג אונטערטעניג און פערשקלאַפּט צו די מצריים, זענען די חדשים נישט געווען אײערע. פרעמדע האָבען געהערשט איבער אײער צײט און איהר זענט געצוואונגען געווען צוצופּאַסען אײערע אַרבײטס־טעג און רוה־טעג צו זײערע געזעצען, לויט זײער ווילען און בעפעהל... ערשט איצט — „החדש הזה לכם", פון הײנטיגען חודש אָן ווילען די חדשים אָנהויבען געהערען צו אײך, און איהר וועט קענען דיספּאָנירען מיט דער צײט לויט אײער אײגענעם ווילען און אײנזעהן...

(ספורנו)

דער ערשטער חודש פון יאָהר איז פאַקטיש דער חודש תשרי, דער חודש פון בריאת-העולם, דען עס ווערט דײטליך געזאָגט: „וחג האסיף בצאת השנה" (שמות כג. טז.) און „וחג האסיף תקופת השנה" (שמות לד. כב.). דער פסוק דאָ איז, אַלזאָ, מדייק און בעטאָנט: „החדש הזה לכם ראש חדשים", בלויז „לכם", אַלס זכר פון אײער גאולה, וועט זיך דער חודש ניסן רעכענען אַלס ראש-חדשים, אָבער נישט אַלס פאַקטישער אָנהויב און ערשטער חדש פון יאָהר...

(רמב"ן)

איש לפי אכלו תכוסו על השה... (יב. ד.)

„אין הפסח נאכל אלא למנויו" (זבחים נ"ו)

עס האָבען זיך געפינען בײ יציאת מצרים אויך אַזעלכע אידען, וואָס פריהער האָבען זײ נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז די גאולה וועט טאַקי ווירקליך קומען און זײ האָבען זיך די גאַנצע צײט אויסבעהאַלטען, מורא געהאַט צוצושטעהן עפענטליך צו דער „רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג" און זיך בעמיהט ביז דער לעצטער מינוט צו גילטען אַלס טרײע, לאָיאַלע בירגער. ערשט ווען מען האָט שוין געהאַלטען בײם סאַמע סוף, ווען מען האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט פראַווען דעם קרבן־פסח — האָבען זײ זיך מיטאַמאָל בעוויזען, קומענדיג צום גרײטען, צו דער סעודה... אָבער — האָט מען דאַן די דאָזיגע אידען געענטפערט — „אין הפסח נאכל אלא למנויו"! מחותנים צו דער דאָזיגער סעודה זענען נור די יעניגע אידען, וועלכע האָבען זיך פריהער פערשרײבען, וועלכע האָבען זיך בעטײליגט אין די הכנות צו דער גאולה, בשעת עס זענען נאָך נויטיג געווען דערצו געוויסע אָנשטרענגונגען, אַ געוויסע מאָס מסירת־נפש, אָבער נישט די דאָזיגע לײט, וועלכע האָבען געוואַרט ביז דער סאַמע לעצטער מינוט!...

(דבר בעתו)

אל תאכלו ממנו נא... (יב. ט.)

דערויף זאָגט רש״י: „נא לשון ערבי״.
דאַגעגען אין פסחים מ״א ערקלערט רש״י אויפ׳ן וואָרט „נא״ — „נא לשון קדש״...

אל תאכלו ממנו נא ובשל מבושל במים כי אם צלי אש... (יב. ט.)

„אמר רב חסדא, פסח שבשלו בחמי טבריה חייב שעבר משום צלי אש״ (פסחים מ״א)

דערויף ווערט געפרעגט אין „מראה כהן״, אין נאָמען פון אַ חכם ירושלמי: ווי איז דען איבערהויפּט גאָר מעגליך דער פאַל פון „פסח שבשלו בחמי טבריה״, דער דין איז דאָך, אַז „אין הפסח נאכל אלא בירושלים״, און אויב מען האָט עס שפּעטער געבראַכט קיין טבריה, איז עס דאָך שוין ממילא פסול געוואָרען?

באמת אָבער איז עס גאָר קיין קשיא נישט, דען פאַקטיש ווערט נישט געמיינט דער אויסדרוק „בחמי טבריה״ אין בוכשטעבליכען זין, מחמת רש״י פערטייטשט אויפ׳ן אָרט: „חמי טבריה — מעינות רותחין״, איז אין פלוג, וואָס לאָזט אונז דאָ רש״י הערען, ווער ווייסט עס נישט, אַז די חמי טבריה בעשטעהען פון מעינות רותחין, פון הייסע קוואַלען? נאָר מוז זיין, אַז רש״י מיינט דערמיט צו זאָגען, אַז אַלע מעינות רותחין ווערען אָנגערופען „חמי טבריה״.

אַ ראיה דערצו איז אויך פון דער גמרא (סנהדרין ק״ח): „א״ר יוחנן שלשה נשתיירו ממי המבול ואחד מהם חמי טבריה״. איז דאָך אייגענטליך קשה: דער זעלבער רבי יוחנן האַלט דאָך, אַז „לא ירד מבול לארץ-ישראל״ (זבחים קי״ג), טאָ ווי געשיקט זיך אויף אַזאַ אופן צו זאָגען, אַז די חמי טבריה זענען איבערגעבליבען פון די מי המבול, וויבאַלד אין גאַנץ ארץ-ישראל איז בכלל גאָר דער מבול נישט געוועזען? עס איז, אַלזאָ, נישט אַנדערש, נאָר אַז לויט׳ן אויסדרוק פון די חז״ל ווערען אַלע מיני הייסע קוואַלען, נישט נור אין ארץ-ישראל, נאָר אויך אין חוץ לארץ, אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „חמי טבריה״...

(תורה תמימה)

ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר... (יב. כב.)

דאָס וואָס השי״ת האָט בעפויהלען: „ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו״, אַז די בני ישראל זאָלען נישט אַרויסגעהן פון זייערע הייזער אין דער נאַכט פון מכת-בכורות, איז געוועזען צוליעב דעם איינפאַכען טעם, כדי זיי זאָלען

נישט צוזעהען מיט די אויגען די מפלה פון זייערע שונאים, ווי אזוי זיי שטארבען־אויס מאסענווייז און זיי זאלען נישט דורכגעדרינגען ווערען מיט'ן מיאוסען געפיהל פון נקמה...

(מוסר היהודות)

וד' הכה כל בכור בארץ מצרים... (יב. כט.)

ביי די אלטע פעלקער זענען די בכורים געווען שטארק פערהייליגט. אין וויכטיגע פאלען פלעגט מען זאגאר דעם בכור מקריב זיין אלס קרבן, גלויבענדיג, אז דער דאזיגער הייליגער קרבן איז עלול אויסצוקויפען די זינד פון גאנצען פאלק און איהם צו רעטען פון דער דראהענדער געפאהר, ווי מיר געפינען אין מלכים ב' (ג. כו.), אז דער מלך פון מואב, בשעת זיין מלחמה מיט ישראל, האט גענומען זיין עלטסטען זוהן, דעם בכור, און — „ויעלהו עולה על החומה", און דאס האט אויך געמיינט דער נביא מיט די ווערטער: „האתן בכור פשעי" (מיכה ו. ז.), צי דען — האט ער איראניזירט — וועל איך אויסקויפען מיינע זינד מיט'ן קרבן פון א בכור?... אממעהרסטען זענען די בכורים געווען פערהייליגט אין מצרים, וואו מען האט זיי אבגעגעבען געטליכען כבוד און מען פלעגט זיך זאגאר בוקען צו זיי און דינען, און דאס, אלזא, איז געווען דער זין פון מכת־בכורות, דען— „כשהקב"ה נפרע מן האומה נפרע מתחלה באלהיה"...

ולכו עבדו את ד' כְּדַבֶּרְכֶם... (יב. לא.)

דיענט דעם אויבערשטען „כדברכם", אזוי ווי איהר רעדט. זאל דאס פרומקייט נישט זיין ביי אייך בלויז מויל מלאכה. זייט נישט קיין נאים דורשים און אין נאים מקיימים...

(אילנא דחיי)

ובני ישראל עשו כדבר משה וישאלו ממצרים כלי כסף וכו'... (יב. לה.)

„כדבר משה — שאמר להם במצרים וישאלו איש מאת רעהו" (רש"י)

וואס איז דא רש"י מחדש? דער פסוק זאגט דאך דייטליך, וואס זיי האבען געטהון: „וישאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות"?

נאר, — זאגט דערויף דער ווילנער גאון — די בקשה פון משה רבינו „וישאלו איש מאת רעהו" איז געווען, אז איין איד זאל בארגען דעם צווייטען, אידען גופא זאלען אנהויבען עוסק זיין צווישען זיך אין גמילות־הסדים, דען דאס ווארט „רעהו" בעציהט זיך אויף א אידישען חבר („רעהו ולא של

נכרי" — ב"ק ל"ז), און דעריבער ווערט דערביי געזאָגט: „דבר נא באזני העם" („אין נא אלא לשון בקשה"), וואָרום אויף צו באָרגען ביי די מצריים, דאָס האָט מען זיי נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק בעטען. די בקשה איז געווען, אַז זיי אַליין זאָלען איינער דעם צווייטען גומל חסד זיין און באָרגען און דערפאַר וועט זיין — „ויתן ד' את חן העם בעיני מצרים".

און דאָס בעמערקט רש"י: צוליעב דעם, וואָס די בני ישראל האָבען מקיים געווען משה'ס בקשה, „שאמר להם במצרים וישאלו איש מאת רעהו", אַז זיי זאָלען עוסק זיין אין גמילות-חסדים, זענען זיי בעלויהנט געוואָרען און — וישאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות"...

לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה ועצם לא תשברו בו... (יב. מו.)

פאַרוואָס הויבט אָן דער פסוק בלשון יחיד: „לא תוציא מן הבית" און ענדיגט בלשון רבים: „ועצם לא תשברו"?

ווערט דערויף נאָכגעזאָגט אַ שאַרפזיניגען ענטפער אין נאָמען פון רבי זלמן ווילנער:

דער רמב"ם (אין פרק ט' מקרבן פסח הלכה א') פסק'נט, אַז „אין מוציא אחר מוציא", אַז אויב איינער האָט אַרויסגעטראָגען דאָס פלייש פון קרבן פסח מחוץ לבית, עובר זייענדיג דערמיט אויפ'ן לאו „לא תוציא מן הבית מן הבשר חוצה", און נאָכהער איז געקומען אַ צווייטער און האָט דאָס זעלבע פלייש איבערגעפיהרט אין דרויסען אויף אַ צווייט אָרט, איז נור דער ערשטער חייב, אָבער דער צווייטער איז פטור, דאַגעגען „יש שובר אחר שובר", אויב איינער האָט אינ'ם פלייש פון קרבן פסח איבערגעבראָכען אַ ביין, און דאַן האָט אַ צווייטער צום צווייטען מאָל איבערגעבראָכען דעם זעלבען ביין, האָבען ביידע גלייך עובר געווען אויפ'ן „ועצם לא תשברו בו" און ביידע זענען חייב.

איז דעריבער ביים ערשטען לאו פון הוצאה שטעהט „לא תוציא", בלשון יחיד, דען אין פאַל פון אַ „מוציא אחר מוציא" איז נור איינער, אַ יחיד, חייב, און די איבעריגע זענען פטור. דאַגעגען דער לאו פון „ועצם לא תשברו בו" איז געשריבען בלשון רבים, דען דערביי איז חייב אַפילו אַ „שובר אחר שובר"...

וכל בכור אדם בבניך תפדה... (יג. יג.)

דער ווילנער גאון, וועלכער איז געווען אַ בכור, פלעגט זעהר אָפט

דורכפיהרען איבער זיך די מצוה פון „פדיון", אויסלייזענדיג זיך פון פער־שיעדענע כהנים, מחמת ער איז קיינמאָל נישט געווען זיכער ביי זיך, צי ער האָט אָנגעטראָפען אויף אַ ריכטיגען כהן, און קומענדיג קיין האַמבורג האָט ער זיך „אויסגעלייזט" ביים בעריהמטען גאון, רבי נפתלי הכהן, וועל־כער האָט געהאַט אַ יחוס־בריעף ביז עלי הכהן...

בְּשַׁלַּח

וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים... (יג. יח.)

„אין חמושים אלא מזוינים" (רש"י)

וואו האָבען זיי זיך דען פערטיידיגט געגען די מצריים מיט געוועהר? עס שטעהט דאָך בלויז: „ויצעקו בני ישראל אל ד'"?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער חוזה פון לובלין — אויפ'ן פסוק „אשר לקחתי מיד האמורי בחרבי ובקשתי", מאַכט דער תרגום: „די נסיבת מידא דאמוראה בצלותי ובבעותי". די תפלות ובקשות — אָט-דאָס איז דאָס אידישע געוועהר, דאָס האָבען זיי מיט זיך מיטגענומען פון מצרים...

ויקח משה את עצמות יוסף עמו... (יג. יט.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „וחכם לב יקח מצוות זה משה, שכל ישראל עסקו בבזה והוא עסק בעצמותיו של יוסף".

איז דאָך די קשיא: אויך „ביזת מצרים" איז דאָך געווען אַ מצוה, מען האָט דאָך זיי אָנגעזאָגט און בעפוילען: „וישאלו איש מאת רעהו וכו' כלי כסף וכלי זהב"?

נאָר מוז זיין, אַז אַ מצוה, ביי וועלכער מען האָט היזק געלד (ווי משה, וואָס צוליעב'ן בעשעפטיגען זיך מיט די עצמות יוסף, האָט ער זיך נישט געקענט בעטייליגען אין דער ביזה) איז חשוב'ער ביים אויבערשטען, ווי אַ מצוה, ביי וועלכער מען מאַכט נאָך דערביי ריוח און מען פערדינט געלד...

(באר יצחק)

ויקח שש מאות רכב בחור... (יד. ז.)

דער מהר"ם שיף פערענדיגט איינעם פון זיינע בריעף מיט דעם דאָזיגען פסוק, וואָס ער ברענגט אין דער פאָרם פון אַ „חידה" און פון וועלכען דער פתרון איז:

— ויקח — בעת מען נעהמט אראב — שש — זעקס — מאות רכב — פון אות, פון ווארט „רכב" (וואס בעטרעפט 222), בלייבט איבער — בחור — דער בעטרעף פון ווארט „בחור" (216)...

ופרעה הקריב... (יד. י.)

„הא אתמר דקריב לון לתשובה". דער פשט איז פון „ופרעה הקריב", אז ער האט די אידען מקרב געווען צו תשובה... ווי אין פסוק שטעהט: „ד׳ בצר פקדוך צקון לחש וכו׳"... בצר פקדוך, לא פקדין ישראל לקודשא בריך הוא בשעתה דנייחא, אלא בשעתא דעקין להו, וכדין פקדין ליה"... די אידען געדענקען נישט אין אויבערשטען בשעת זיי האבען מנוחה, נאר דאן, ווען מען דריקט זיי, ערשט דאן דערמאהנען זיי זיך אין איהם...

(זהר בשלח מ״ח)

מה תצעק אלי... (יד. טו.)

פאניק און היסטעריע זענען נישט קיין מיטעל, מיט אזעלכע זאכען דערגרייכט מען גארנישט. נישט קיין סתם געשרייען און געוואלדען, נאר מעשים, אקטיווע מעשים זענען נויטיג אין אזא מאמענט — „דבר אל בני ישראל ויסעו!"...

(רבי משה חפץ)

ולא קרב זה אל זה כל הלילה... (יד. כ.)

„מאי דכתיב ולא קרב זה אל זה כל הלילה? בקשו מלאכי השרת לומר שירה, אמר להם הקב״ה מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה" (מגילה י׳)

געוועהנליך טייטשט מען, אז דער „מעשה ידי טובעים בים" געהט ארויף אויף די מצריים און צוליעב רחמנות אויף זיי זענען די מלאכים אבגע-האלטען געווארען פון צו זאגען שירה, און דערויף ווערט געפרעגט: ממה-נפשך, אויב זיי האבען ווידער פערדיענט, מען זאל אויף זיי רחמנות האבען, האט מען דאך זיי אויך נישט געדארפט דערטרינקען?

דער רבי ר׳ העשיל טייטשט דעריבער גאנץ אנדערש דעם דערמאהנטען מאמר. אויפ׳ן פסוק „ויצא מלאך ד׳ ויכה במחנה אשור" זאגען די חז״ל: „במה הכם וכו׳ רבי יצחק נפחא אמר, אזנים גלה להם ושמעו שירה מפי חיות ומתו" (סנהדרין צ״ח). בשעת די מצריים זענען, אלזא, צוגעקומען צום ים, „בקשו מלאכי השרת לומר שירה", האבען די מלאכים געוואלט אנהויבען זאגען שירה און דורכ׳ן געזאנג פון דער שירה זיי אומברענגען, אזוי ווי עס איז געווען ביי׳ם חיל סנחריב, דערויף איז געקומען דער ענטפער:

„מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה״? די מצריים זענען געגען די אידען אַזעלכע שרעקליכע רציחות בעגאַנגען, זיי האָבען אידישע קינדער אין ים דערטרינקען, גוזר געווען „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו״ און איהר ווילט זיי פאַר דעם אַלעם אָב׳פטר׳ן מיט אַזאַ לייכטען טויט, מיט שירה? ניין, אויך זיי מוזען דעם זעלבען עונש בעקומען און אין ים דערטרינקען ווערען. מדה כנגד מדה!...

וישב הים לפנות בקר לאיתנו... (יד. כז.)

הלמאי האָט זיך דער ים אַזוי מקדים געווען און ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען האָט ער זיך תיכף אומגעקעהרט צו זיין פריהערדי־נען צושטאַנד?

ווייל טראָץ אַלע נסים, וואָס מען האָט די אידען געוויזען, איז מען נאָך אַלץ מיט זיי נישט זיכער געווען, זיי זאָלען זיך נישט ווען אומ־קעהרען קיין מצרים צום סיר־הבשר, און דעריבער, ווי נאָר עס איז געוואָרען ליכטיג, האָט זיך דער ים שנעל צוריקגעקעהרט לאיתנו, כדי אָבצושניידען זיי דעם וועג...

(רבי שמואל מאָהילעווער)

וישב הים לפנות בקר לאיתנו...

„לאיתנו — לתנאו הראשון, תנאי התנה הקב״ה במעשה בראשית עם הים שיקרע לפני ישראל״ (בראשית רבה פ׳ ה׳)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס דאָ אַהער? דאָס האָט דאָך געדאַרפט בעמערקט ווערען פריהער, בשעת קריעת ים־סוף, נישט איצט, ווען דער ים האָט שוין געהאַט מקיים געווען דעם תנאי און עס איז שוין געווען נאָך אַלעם?

נאָר אין מדרש ווערט געבראַכט, אַז אויך ביי דער גאולה השלישית, ביי דער לעצטער גאולה, וועט זיך איבער׳חזר׳ן דער נס פון קריעת ים סוף. בשעת, אַלזאָ, דער ים האָט זיך אומגעקעהרט לאיתנו, צו זיין פריהערדיגען נאָרמאַלען צושטאַנד, האָט מען איהם דערמאָהנט אינ׳ם „תנאי הראשון״, אַז דערמיט איז עס נאָכנישט געענדיגט, אַז לויט׳ן תנאי, וואָס מען האָט מיט איהם אויסגענומען, וועט ער זיך דאַרפען נאָכאַמאָל שפּאַלטען — ביי דער גאולה השלישית...

(דרשות מהר״י מינץ)

והמים להם חֹמָה מימינם ומשמאלם... (יד. כט.)

„חמה כתיב חסר, שהקב"ה נתמלא עליהם חֵמָה על פסל מיכה שעבר עמהם בים" (בעל-הטורים)

פאַרוואָס איז דאָס נישט מרומז געוואָרען אין פריהערדיגען פסוק: „ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה והמים להם חומה" (יד. כב.), פאַרוואָס שטעהט דאָרט דאָס וואָרט „חומה" מלא?

נאָר דער פסל מיכה, ווי עס ווערט דערצעהלט אין שופטים, האָט גע-פיהרט מיט זיך דער שבט דן, און געגאַנגען איז דער שבט דן צום סוף, זייענדיג דער „מאסף לכל המחנות". אינ'ם פריהערדיגען פסוק „ויבואו בני ישראל בתוך הים" רעדט זיך וועגען די ערשטע טיילען פון דער אידישער מחנה, וועלכע זענען אַריינגעגאַנגען אין ים רייהען-ווייז, שבט נאָך שבט (דען עס זענען דאָך נישט אַריינגעגאַנגען אַלע ששים רבוא אידען מיט איינ-מאָל) און דאַמאָלס איז נאָך דער פסל מיכה נישט געווען אין ים, דען דער שבט דן, אַלס לעצטער, הינטערשטער שבט, איז נאָך דאַן געווען אויף דער יבשה. דאַגעגען אין לעצטען פסוק „ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים" רעדט זיך וועגען דעם מאָמענט, ווען אַלע אידען האָבען זיך שוין געפינען אין ים און דעריבער — „והמים להם חמה — חמה כתיב, שהקב"ה נתמלא עליהם חמה על פסל מיכה"... (ווילנער גאון)

וירא ישראל את היד הגדולה וכו'

ויאַמינו בד'... (יד. לא.)

כאָטש זיי האָבען אַליין געזעהען די נסים, דאָך האָבען זיי זיך אויך גענויטיגט אין אמונה, דען אמונה איז העכער ווי זעהן. דורך אמונה זעהט מען מעהר, ווי מיט די אויגען... (חדושי הרי"ם)

ויאַמינו בד' ובמשה עבדו... (יד. לא.)

„אם במשה האמינו, קל וחומר בד', ומה תלמוד-לומר במשה? ללמדך שכל המאמין ברועה ישראל, כאילו מאמין במי שאמר והיה העולם" (ילקוט שמעוני)

אָנשטאָט „ומה תלמוד לומר במשה" וואָלט דאָך דער ריכטיגער און לאָגישער אויספיהר פון דער פראַגע געדאַרפט זיין: „ומה תלמוד לומר בד'"? פערשיעדענע מפרשים שטעלען זיך אויף דער דאָזיגער פראַגע. באמת אָבער איז דער דאָזיגער מאמר אין ילקוט-שמעוני גענומען פון דער מכילתא

און דאָרט איז טאַקי דער נוסח אַנדערש: „אם במשה האמינו ק״ו בד׳, א״כ למה נאמר בד׳, ללמדך וכו׳, כיוצא בדבר וידבר העם באלקים ובמשה, אם בד׳ דברו ק״ו במשה, א״כ למה נאמר ובמשה וכו׳״.

ווי עס איז, אַלזאָ, צו זעהן, איז אין ילקוט־שמעוני דער „אם כן למה נאמר ובמשה״ אַריינגעפאַלען עפ״י טעות פון צווייטען, נאָהנטסטען מאמר.

(דבש ותלב)

ותצאן כל הנשים אחריה בתופים ובמחולות... (טו. כ.)

דער תוף, די פויק, איז געווען אַ בעגלייט־אינסטרומענט ספּעציעל ביי טענץ און בעגוצט האָבען זיך מיט איהם נאָר פרויען, ווי עס איז צו זעהן פון פסוק: „קדמו שרים אחרי נוגנים — בתוך עלמות תופפות״ (תהלים ס״ח)...

(דקדוקי סופרים)

כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אָשים עליך... (טו. כו.)

ווי בעקאַנט, איז דער רמב״ם געווען דער לייב־דאָקטאָר פון סולטאַן צלאחי אַלדין, צו וועלכען ער איז רעקאָמענדירט געוואָרען דורך זיין פריינד, דער גרויס־וועזיר, אלפאצל, און די גאַנצע צייט, וואָס דער סולטאַן האָט זיך געפונען אונטער דעם רמב״מ׳ס אויפזיכט, איז ער קיינמאָל נישט קראַנק געווען.

איינמאָל האָט זיך דער סולטאַן פאַר איהם אויסגעדריקט, אַז צוליעב דעם, וואָס ער איז שטענדיג געזונד, האָט ער נישט געהאַט נאָך די געלע־גענהייט צו איבערצייגען זיך, צי דער רמב״ם איזווירקליך אַ גוטער דאָקטאָר, און צי וואָלט ער אימשטאַנד געווען איהם אויסצוהיילען, ווען ער וואָלט געוואָרען קראַנק... דערויף האָט איהם דער רמב״ם געענטפערט:

— דער גרעסטער רופא אין דער וועלט איז דער אויבערשטער, ווי עס ווערט געזאָגט אין תורת־משה: „אני ד׳ רופאך״, איך, גאָט, בין דיין דאָקטאָר, און אַלס בעוויז, וואָס פאַר אַ גרויסער רופא ער איז, ווערט דערביי ערקלערט: „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך״, דען דער ווירקליך גרויסער דאָקטאָר איז נישט דער, וואָס היילט דעם קראַנקען, נאָר דער יעניגער, וועלכער לאָזט איהם באַלד נישט קראַנק ווערען...

די דאָזיגע מיינונג דריקט אויך אויס דער רמב״ם אין זיין „מכתב בדבר הנהגת האדם״ (געדרוקט אין כרם חמד מחברת ג׳), וואו עס ווערט געזאָגט: „רב המחלות הבאות על האדם אך הוא בעצמו אשם בהם בהעדר ידיעתו איך להתנהג בימי בריאותו, כמו שהסומא מפני שהוא חסר־הראות נכשל תמיד

ומחבל בעצמו ועושה חבורות גם לזולתו״ (אינ׳ם רוב קראַנקהייטען, וואָס קומען אויפ׳ן מענשען, איז ער זעלבסט אין זיי שולדיג, צוליעב דעם, ווייל ער ווייסט נישט, ווי אַזוי זיך אומצוגעהן בשעת ער איז געזונד, פונקט ווי דער בלינדער, ווייל עס פעהלט איהם די ראיה, ווערט ער שטענדיג גע־שטרויכעלט און דערפון ליידען אויך אַנדערע).

וילונו כל עדת בני ישראל על משה ועל אהרן... (טז. ב.)

פאַר אידען — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער — קאָן מען קיינ־מאָל נישט יוצא זיין, און דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק: ״ויקנאו למשה במחנה ולאהרן קדוש ד׳״ (תהלים ק״ו).

דען משה ואהרן האָט איטליכער פון זיי געהאַט זיין בעזונדערע התנהגות: משה איז געווען אַן׳אָבגעזונדערטער, אַ מתבודד, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: ״ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה הרחק מן המחנה״, דאַגעגען אהרן איז געווען אַ מעורב עם הבריות, אַן ״אוהב שלום ורודף שלום״, געלעבט צוזאַמען מיט׳ן פאָלק און זיך אינטערעסירט מיט איטליכענס פריוואַטע ענינים.

אונזערע אידען אָבער האָבען צוביידע געהאַט טענות: ״ויקנאו למשה במחנה״, משה׳ן האָט מען פאָרגעוואָרפען, הלמאַי ער האַלט זיך פונדערוויי־טענס און זיצט נישט אין דער ״מחנה״ צוזאַמען מיט׳ן פאָלק און — ״לאהרן קדוש ד׳״, צו אהרן ווידער האָט מען געהאַט פערקעהרטע טענות: הלמאַי ער איז צופיעל קנעפעל בקנעפעל מיט׳ן המון, הלמאַי ער פיהרט זיך נישט ווי אַ ״קדוש ד׳״ און פראַוועט נישט קיין התבודדות...

בשבתנו על סיר הבשר באכלנו לחם לשובע... (טז. ג.)

וואָס עפיס ״בשבתנו על סיר הבשר״, פאַרוואָס שטעהט נישט סתם: ״באכלנו בשר״?

נאָר דאָס רעדט זיך — ערקלערט רבי אליעזר אשכנזי אין ספר ״מעשי ד׳״ — וועגען אַ געוויסען מאכל, וואָס מען איז זיך נוהג עד היום צו עסען אין מצרים און וואָס רופט זיך אין עגיפּטיש ״קושקושו״. דאָס מאכל בעשטעהט פון אַ שיטער טייג, מעהל מיט וואַסער, וואָס ווערט אַריינגעטהון אין אַ ספּעציעלע כלי און אָוועקגעשטעלט אויף אַ זודיגען טאָפּ מיט פלייש. די כלי איז אַ געלעכערטע און דאָס מאכל קאָכט זיך אויף דער הייסער פּאַרע פון פלייש, איינזאַפּענדיג אין זיך דעם פליישיגען טעם... און אַט דאָס איז דער

פשט: „בשבתנו על סיר הבשר באכלנו לחם לשובע״, מיר האָבען געגעסען צו דער זעט ברויט, וואָס מען האָט עס געקאָכט על סיר הבשר...

ולקטו דבר יום ביומו... (טז. ד.)

„כל מי שיש לו לאכול היום והוא דואג ואומר מה אוכל למחר, הרי זה מקטני אמנה״ (תנחומא)

רבי מרדכי לעכעוויטשער, איידער ער איז נתגלה געוואָרען, איז ער געווען אַ גרויסער אביון, געוועז טעג ווען עס האָט זיך אין שטוב קיין כזית ברויט נישט געפינען. איינמאָל קומט אַריין צו איהם אַ היימישער איד, זעהט ער, ווי דאָס ווייב און קינדער זיצען פערריאָמערט און קרעכצען פון הונגער, רבי מרדכי דאַגעגען שטעהט זיך ביים פענסטער און זינגט זיך פרעהליך אַ זמר׳ל.

— היתכן — פרעגט איהם יענער פערוואונדערט — ווי איז עס אַ טאַטע אַזאַ אַכזר? דיין בני-בית וויינט, אויסגעהענדיג נאָך אַ שטיקעל ברויט, און דו שטעהסט דיר גאָר בעת-מעשה און זינגסט?

— זיי וויינען — ענטפערט איהם דערויף רבי מרדכי לעכעוויטשער — וויל זיי האָבען בטחון צו מיר, וואַרטענדיג, איך זאָל זיי פערזאָרגען מיט ברויט, און אַז מען האָט בטחון צו אַ בשר-ודם דאַרף מען טאַקי וויינען, איך אָבער האָב בטחון צום רבונו של עולם און דעריבער זינג איך, וואָרום נישקשה, אויפ׳ן רבונו של עולם קאָן מען זיך פערלאָזען... (אור ישרים)

ונחנו מה כי תלינו עלינו... (טז. ז.)

„גדול מה שנאמר במשה ואהרן ממה שנאמר באברהם, דאילו באברהם כתיב ואנכי עפר ואפר, ואילו במשה ואהרן כתיב ונחנו מה״ (חולין פ״ט)

מיט וואָס איז „ונחנו מה״ אַ גרעסערער אויסדרוק פון עניוות, מעהר ווי „ואנכי עפר ואפר״?

נאָר אברהם אבינו האָט די ווערטער „ואנכי עפר ואפר״ געזאָגט צו אַ לאין-ערך העכערען פון איהם — צום אויבערשטען, איז דאָס נישט אַזאַ גרויסע רבותא. געוויס און זעלבסטפערשטענדליך, אַז לגבי השי״ת איז דער בשר-ודם קוים עפר-ואפר... משה ואהרן אָבער האָבען דעם „ונחנו מה״ געזאָגט צו פיעל נידריגערע פון זיי — צו די מתלוננים, צו די, וואָס נאָך אַלע נסים, וואָס מען האָט זיי בעוויזען, האָבען זיי זיך אָוועקגעשטעלט געוואַלדעווען, אַז זיי ווילען צוריק צום סיר-הבשר, און אויסצודריקען זיך פאַר אַזעלכע פאַרשוינען: „ונחנו מה״ — דאָס איז באמת אַנ׳אונגעוועהנליכע עניוות... (כתב סופר)

ויאמר משה וכו׳ בשמוע את ד׳ את תלונותיכם אשר אתם מלינים עליו... (טז. ח.)

אין פסוק ווערט דאך בלויז געזאגט: „וילונו כל עדת בני ישראל על משה ועל אהרן״, אז נאר אויף זיי האבען זיי מתרעם געווען, נישט אויפ׳ן אויבערשטען?

נאר — האט דערויף געזאגט רבי יצחק וואלאזשינער — משה האט בכיוון געענדערט און געזאגט: „אך את תלונותיכם אשר אתם מלינים עליו״, בכדי אזוי ארום לייכטער צו מאכען זייער חטא, דען „עבירות שבין אדם לחברו״ זענען הארבער ווי די „עבירות שבין אדם למקום״...

ויאמרו איש אל אחיו מן הוא כי לא ידעו מה הוא... (טז. טז.)

רבי יוסף אבן כספי פערטייטשט דאס ווארט „מן״ פון לשון מנה, א פארציע, „מנה אחת אפים״. ווארום „כי לא ידעו מה הוא״, וויל זיי האבען נישט געוואוסט, וואס עס איז, האבען זיי עס דעריבער גערופען סתם: „מן״, א חלק, א פארציע שפייז...

וועגען דעם מנהג צו ווארפען אין שבת-שירה שפייז פאר די פויגעלען שרייבט רבי יעקב עמדין אין זיין סדור: „מנהג שטות הוא ואסור״ און אזוי שרייבט אויך דער „מגיד משנה״ (הל׳ שבת סי׳ שכ״ד ס״ק ז׳): „דאינו נכון שהרי אין מזונותן עליך״, דאגעגען ווערט דער דאזיגער מנהג שטארק געלויבט אין די חסידישע ספרים און אין „אור פני משה״ ווערט געגעבען דערויף פאלגענדער טעם:

אין שבת שירה ווערט געלייענט די פרשה פון מן און „צנצנת המן״, וועלכע איז אונז מרמז, אז די מענשליכע פרנסה איז אבהענגיג פון השי״ת, און אזוי ווי מיר האבען היינט נישט מעהר דעם צנצנת המן, וועלכער איז נגנז געווארען, זענען מיר זיך דעריבער נוהג, אלס עהנליכען זכר דערצו, צו ווארפען שפייז פאר די פויגעל (און „ישראל נמשלו לצפרים״), ווייזענדיג דערמיט, אז אויך אונזערע מזונות זענען תלוי בידי-שמים, זיי קומען בהיסח-הדעת און עס העלפט נישט קיין זוכעניש...

ויבא עמלק וכו׳... (יז. ח.)

„הכשר שבטבחים שותפו של עמלק״ (קידושין פ״ב)

דער בערלינער רב, רבי הערשעלע האלבערשטאַדט, האָט געהאַט זעהר פיעל צו טהון מיט די דאָרטיגע קצבים, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע פלעגען פערקויפען טריפה פלייש אַלס כשר, פער-ענטפערענדיג זיך, אַז בשעת עס ווערט ביי אַ אידישען קצב טריף אַ בהמה, מוז ער דאָס פלייש פערקויפען אין די קריסטליכע יאַטקעס צו בעדייטענד ביליגע פרייזען, און זיי זענען נישט אימשטאַנד צו ליידען אַזאַ גרויסען היזק.

אַלס אויסוועג דערצו איז רבי הערשעלע געפאַלען אויף אַ פּלאַן: ער האָט צונויפגערופען עטליכע אידישע און קריסטליכע קצבים, וועלכע ער האָט פּאָרגעלעגט, זיי זאָלען מאַכען צווישען זיך שותפות, די קריסטליכע קצבים זועלען צוגענומען אַלס שותפים צום ריוח פון כשר פלייש און דערפאַר, אויב אַ אידישע בהמה ווערט טריף, פערפליכטען זיי זיך צו פערקויפען אין זייערע יאַטקעס דאָס טריפה-געוואָרענע פלייש צו נאָרמאַלע פרייזען.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען זענען ביידע צדדים ענדליך מרוצה געוואָרען און רבי הערשעלע האָט די אידישע קצבים אַרויסגעגעבען אַ הכשר, אין וועלכען ער האָט געשריבען: „כשר שבטבחים שותפו של עמלק״.

איבערלייענענדיג דעם כתב האָבען זיך די קצבים געפיהלט בעליידיגט. וואָס הייסט דאָס? ער זידעלט זיי גאָר, דער רב? צו עמלק׳ן פערגלייכט ער זיי?

— חלילה — ערקלערט זיי רבי הערשעלע — כ׳מיין עס גאַנץ פשוט: „כשר שבטבחים״ — דער כשר׳סטער קצב, צו וועלכען מען קאָן האָבען דעם פולסטען צוטרוי, קאָן נאָר זיין אַזעלכער, וועלכער איז — „שותפו של עמלק״, וועלכער נעהמט זיך צו אַנ׳עמלק, אַ גוי, אַלס שותף, וממילא האָט ער דאַמאָלס מעהר קיין אינטערעס נישט צו זיין אַ מכשיל את הרבים און צו פערקויפען בשר טריפה אַלס בשר כשר...

ויצא הלחם בעמלק... (יז. ט.)

דער חתם סופר האָט, ווי בעקאַנט, געפיהרט אַ פערביטערטע מלחמה מיט די רעפאָרמער, מיט אהרן כאָריק און זיינע חברים. איינמאָל האָט זיך גע-מאַכט אַ געלעגענהייט צו מסר׳ן די רעפאָרמער פאַר׳ן מלכות. זיין תלמיד, דער בעל „לב העברי״, האָט אָנגעוויזען, אַז עפ״י דין מעג מען מוסר זיין למלכות די רשעים, וועלכע שטערען דעם דת. דער חתם סופר אָבער האָט זיך קאַטעגאָריש געגענגעשטעלט און ער האָט דערביי ערקלערט:

אויך עמלק האָט בלויז געשלאָגען די רשעים. די פושעי-ישראל. אויפ׳ן

פסוק „ויזנב בך כל הנחשלים אחריך" זאָגט רש"י: „חסרי כח מחמת חטאם שהיה הענן פולטן", דאָך האָט משה רבינו נישט צוגעהאָלפען, חלילה, עמלק'ן, נאָר פערקעהרט, אויסגערופען צו יהושע'ן: „בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק"!...

(מקורות היהודים באונגריה)

יִתְרוֹ

ויקח יתרו חותן משה את צפורה וכו׳ אחר שלוחיה... (יח. ב.)

כל־זמן דאָס פאָלק איז נישט געווען אויסגעלייזט, האָט דער מנהיג העם, משה רבינו, זיך אָבגעזאָגט פון צו פיהרען אַ פאַמיליען־לעבען, ווייד־מענדיג זיין גאַנצע צייט און אַלע זיינע כוחות לטובת דעם פאָלק. מיט׳ן מאָ־מענט אָבער, ווען יתרו האָט געהערט „כי הוציא ד׳ את ישראל ממצרים״, אַז דער ציעל איז ענדליך דערגרייכט און די גאולה איז שוין געקומען, דאַן — „ויקח יתרו חותן משה את צפורה אשת משה״, האָט ער איינגעפונען, אַז עס איז געקומען די צייט, ווען משה קאָן זיך שוין ערלויבען אַ טראַכט צו טהון וועגען איינאָרדנען אַ שטיקעל היים אויך פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע...

(בכור שור)

וישאלו איש לרעהו לשלום... (יח. ז.)

„מי הקרוי איש — זה משה״ (רש״י)

פון וואַנען איז די ראיה, אַז דאָס מיינט מען משה׳ן, אפשר נעהט עס גאָר אַרויף אויף יתרו׳ן, אויך ער ווערט דאָך אָנגערופען אין פסוק מיט׳ן נאָמען „איש״ — „ויואל משה לשבת את האיש״?...

נאָר — האָט רבי שלמה קלוגער געענטפערט דערויף בדרך הלצה — בשעת מען קומט צו אַ קרוב, וועלכער איז בעדיהמט און דערהויבען געוואָרען, פערשפאָרט מען איהם אויסצופרעגען, וואָס ער מאַכט און ווי עס געהט איהם, ווייל ווען מען וואָלט נישט געוואוסט, וואָס ער מאַכט, אַז ער איז נתעלה געוואָרען, וואָלט מען נישט געקומען צו איהם...

יתרו האָט, אַלזאָ, פערשפאָרט צו פרעגען משה׳ן „לשלום״, וואָרום וואָס משה מאַכט האָט ער שוין גאַנץ גוט געוואוסט — „וישמע יתרו וכו׳ את אשר עשה אלקים למשה״, און נישט אַנדערש, נאָר דאָס האָט משה געפרעגט יתרו׳ן...

ויאמר יתרו ברוך ד׳ אַשר הציל אתכם מיד מצרים וכו׳ אַשר הציל את העם מתחת יד מצרים... (יח. י.)

צוליעב וואָס ווערען צוויי מאָל איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע ווערטער: „אשר הציל אתכם מיד מצרים" און דאַן נאָכאַמאָל: „אשר הציל את העם מתחת יד מצרים"?

נאָר יתרו האָט צוויי מאָל געדאַנקט דעם אויבערשטען. ערשטענס, „ברוך ד׳ אשר הציל אתכם מיד מצרים", געלויבט השי"ת, וואָס ער האָט אייך, מנהיגים, מציל געווען פון צו געהן האַנד ביי האַנד מיט די מצריים, נישט צו לאָזען זיך פון זיי איבערקויפען, נישט צו פערשאַכערען די אידישע אינטע-רעסען, ווי עס טרעפט נישט זעלטען מיט אידישע פאָרשטעהער... און דאַן, געלויבט השי"ת — „אשר הציל את העם מתחת יד מצרים"...

(אמרי חן)

כי יבא אלי העם לדרוש אלקים — כי יהיה להם דבר בא אלי... (יח. טו. טז.)

בשעת עס האַנדעלט זיך אין „לדרוש אלקים", אין עניני פרומקייט אין ענין כשרות וכדומה, איז „יבא אלי העם", דאַמאָלס קומט מען מאַסענ-ווייז, דאָס גאַנצע פאָלק, דאַגעגען אָבער „כי יהיה להם דבר", ווען זיי האָבען צווישען זיך עפּעס אַ פּריוואַטע זאַך, אַ סכסוך אין דיני ממונות, ווען איינער רופט דעם צווייטען צו אַ דין-תורה, דאַן „בא אלי", קומט נור צו געהן איינער, דער תובע, דער נגזל, — דער צווייטער קומט נישט אַזוי שנעל...

(דודאי מהרי"א)

רבי אבּיש׳ל פראַנקפורטער האָט זיך דערוואוסט וועגען איינעם אַ פראַנקפורטער בעל-הבית, אַז ער האָט אָנגעהויבען האַלטען אָפען זיין געשעפט אום שבת און ער האָט געזוכט אַ געלעגענהייט, ווי אַזוי צו טרעפען זיך מיט איהם און צו פערפיהרען מיט איהם אַ שמועס און ווירקען, ער זאָל חוזר בתשובה זיין. נאָר ווי אַזוי טרעפט מען זיך מיט איהם? אַז אין שוהל זעהט מען איהם נישט, שיקען איהם רופען צו זיך — וועט ער נישט קומען. בעפעהלען איהם דורך אַ שליח, ער זאָל האַלטען שבת דאָס געשעפט גע-שלאָסען — וועט ער נישט פאָלגען. אַליין געהן צו איהם — טאָמער וועט ער נישט פועל׳ן, וועט עס זיין אַ שלעכטער ביישפּיעל פאַר אַנדערע. איז ער געפאַלען אויף אַ המצאה: ער האָט אונטערגעשטעלט אַ בעקאַנטען, יענעמ׳ס אַ קונה, ער זאָל ביי איהם נעהמען סחורה אויף קרעדיט און בשעת עס וועט קומען דער טערמין צום בעצאָהלען, זאָל ער פון איהם פערלאַנגען, אַז

ער וויל מיט איהם האָבען אַ דין-תורה, און דאַמאָלס, האָבענדיג דעם בעל-דבר ביי זיך אין שטוב, וועט ער שוין קענען מיט איהם אַ שמועס טהון וועגען עיקר — וועגען חילול-שבת... און כך הוה: בשעת זיי זענען ביידע געקומען צו דער דין-תורה, האָט דער תובע אָהן שום טענות ומענות איהם בעצאָהלט דאָס גאַנצע געלד אויפ'ן אָרט און רבי אַבּיש'ל האָט איהם ערקלערט דעם גאַנצען אמת, אַז די מעשה מיט דער דין-תורה איז נישט געווען מעהר, ווי אַנ'אויסרייד. מיינען מיינט ער גאָר, צו רעדען מיט איהם וועגען שבת און ער האָט איהם טאַקי אָוועקגעלעגט גאָר אַ שאַרפע פּאָרציע מוסר. דער בעל-דבר איז פונ'ם רב'ס ווערטער געוואָרען שטאַרק געריהרט און ער האָט מבטיח געווען, אַז מהיום והלאה וועט ער שוין מעהר נישט מחלל שבת זיין.

— פונדעסטוועגען, רבי — מאַכט ער — איז מיר אַ שטיקעל חידוש אויף אייך. ווי קומט עס, איהר זאָלט מיך אָבנאַרען מיט אַ פאַלשע דין-תורה, ווי אַזוי מעג מען זיך בענוצען מיט רמאות?

— אויך משה רבינו — ענטפערט איהם רבי אַבּיש'ל — האָט זיך אַזוי נוהג געווען. ער האָט בפירוש ערקלערט: „כי יהיה להם דבר בא אלי וכו' והודעתי את חוקי האלקים ואת תורותיו". היות, הייסט עס, ווי עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע אידען, וועלכע האָבען נישט געוואָלט קומען צו משה'ן, בכדי צו הערען פון איהם די געזעצען און די דינים פון דער תורה, האָט ער דעריבער געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט פון „כי יהיה להם דבר", ווען זיי וועלען קומען צו איהם האָבען אַ דין-תורה וועגען זייערע פּריוואַטע זאַכען, און דאַן, בעת דער דאָזיגער געלעגענהייט — „והודעתי את חוקי האלקים ואת תורותיו"...

נבול תבול גם אתה גם העם הזה... (יח. יח.)

„גם אתה, לרבות אהרן וחור ושבעים זקנים" (רש"י)

פרעגט דערויף רבינו אליהו מזרחי אַ באמת שאַרפע קשיא: חור האָט דאָך שוין דאַמאָלס נישט געלעבט, ער איז דאָך גע'הרג'עט געוואָרען ביים מעשה-העגל, ווי רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק „וירא אהרן ויבן מזבח" (לב. ה.) און דער שמועס מיט יתרו איז דאָך פאָרגעקומען פיעל שפּעטער, נאָך די שבירת הלוחות, טאָ ווי אַזוי איז דאָ שייך צו זאָגען „לרבות אהרן וחור"?

פערשיעדענע תירוצים ווערען אויף דער דאָזיגער קשיא געגעבען. גאַנץ איינפאַך אָבער ערקלערט עס דער ט"ז אין זיין ספר על התורה „דברי דוד": דער פשט איז „נבול תבול גם אתה, לרבות אהרן וחור", אַז ווען אַפילו חור וואָלט געווען געלעבט און ער צוזאַמען מיט אהרן און די שבעים זקנים וואָלטען דיר מיטגעהאָלפען, וואָלטען זיי אויך מיעד געוואָרען.

עהנליך דערצו איז דער פסוק אין יחזקאל (יב. יג.): „בן אדם ארץ כי תחטא לי וכו׳ והיו שלשת האנשים האלה בתוכה, נח, דניאל ואיוב, המה בצדקתם ינצלו נפשם", ווערכען מען קאָן דאָך אַנדערש נישט טייטשען, ווי נאָר אויף אַזאַ אופן, אַז ווען אַפילו נח, דניאל און איוב וואָלטען געווען געלעבט, וואָלטען זיי מיט זייער צדקות געקענט נור זיך אַליין ראַטעווען, אָבער נישט די שטאָדט...

אַנשי אמת שונאי בצע... (יח. כא.)

„בצע" איז אויף העברעאיש: גזלה, און „בצע" בעדייט אויך: פשרה — „איזה משפט שיש עמו שלום, הוי אומר הביצוע" (סנהדרין ו׳).

דען ס׳רוב פשרות — פלעגט דערויף זאָגען רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן — ענדיגען זיך מיט גזלת־הדעת און גזלת־ממון...

ביום הזה באו מדבר סיני... (יט. א.)

„מהו ביום הזה — שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאלו היום נתנם" (רש"י)

זאָלסט נישט זאָגען, אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען בלויז אויף יענער צייט, צוגעפּאַסט צו די לעבענס־בעדינגונגען פון טויזענדער יאָהרען צוריק... „ביום הזה — כאילו היום נתנם". די געזעצען פון תורת־משה זענען שטענדיג אַקטועל, אויף אַלע צייטען אַרויס, און עס וועלען נאָך הונדערטער יאָהרען אַריבער, ביז די מענשען וועלען ווערען רייף צו לעבען כאָטש לויט דער מאָראַל פון די עשרת־הדברות...

(אורח חיים)

ויחן שם ישראל נגד ההר... (יט. ב.)

„כאיש אחד בלב אחד, אבל שאר כל החניות בתרעומות ובמחלוקת" (רש"י)

איידער די תורה איז געגעבען געוואָרען — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — איז נאָך פון צייט צו צייט געווען אַ ביסעל אַחדות ביי אידען, נאָך מתן־תורה דאַגעגען איז שוין געווען כסדר מחלוקת׳ן: איטליכער האָט זיך געריסען איבער דער תורה, יעדער האָט געוואָלט האָבען איבער איהר דעם מאָנאָפּאָל...

ויהי קול השופר הולך וחזק מאד, משה ידבר והאלקים יעננו בקול... (יט. יט.)

בשעת עס האָט זיך פערשטאַרקט דער קול־השופר, איז „משה ידבר",

האָט משה גערעדט צום אויבערשטען ווי געוועהנליך, דען דעם אויבערשטען האָט דער קול־השופר, חלילה, נישט געשטערט צו הערען משה׳ס ווערטער... דאַגעגען „והאלקים יעננו בקול״, דער אויבערשטער משה׳ן האָט געענטפערט הויך, בקול, דען אַנדערש וואָלט משה, צוליעב דעם גרויסען רעש פון קול־השופר, נישט אימשטאַנד געוועזן צו הערען... (רבי יצחק וואָלאָזשינערן)

ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך... (כ. ט.)

עס איז אַ פליכט, נישט־נאָר צו רוהען אינ׳ם זיעבעטען טאָג, נאָר אויך צו אַרבייטען אין די איבעריגע זעקס טעג, און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין אבות דר׳ נתן (פרק י״א): „שמעי׳ אומר אהוב את המלאכה, כיצד, מלמד שיהא אדם אוהב את המלאכה ואל יהא שונא את המלאכה, כשם שהתורה נתנה בברית כך המלאכה נתנה בברית, שנאמר ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך!״...

אַגב, איז דערפון נעהמט זיך עס, ווייזט אויס, וואָס אויף איינעם, וועלכער אַרבייט אַ סך, זאָגט מען אויף איהם: „ער איז שטאַרק פערשמעיה׳ט׳, אַנ־אָנדייטונג אויפ׳ן מאמר: „שמעיה אומר אהוב את המלאכה״...

כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִיכוּן יָמֶיךָ... (כ. יב.)

צו די הויפט־יסודות, אָהן וועלכע עס קאָן נישט עקזיסטירען קיין שום געזעלשאַפטליך צוזאַמענלעבען, געהער קודם־כל די מדה פון רחמנות, צו העלפען און שטיצען דעם עלענדען און נויטליידענדען, און דאַן דאָס געפיהל פון געהאָרכזאַמקייט, דיסציפלין, דאָס אַנערקענען די אויטאָריטעט פון העכערען פון איהם און צו אונטערוואַרפען זיך זיינע פעראָרדנונגען. די ביידע זאַכען לאָזען זיך אַמ׳בולט׳סטען דערקענען אין דער בעציהונג פון מענש צו זיינע אייגענע עלטערען. אויב איינער האָט נישט קיין רחמנות אויף זיינע עלטערען און ער אינטערעסירט זיך נישט מיט זייער מצב, איז דאָס אַ בעוויז, אַז מיר האָבען פאַר זיך אַנ׳אונגעוועהנליכען אַכזר, פון וועלכען די געזעלשאַפט האָט קיין שום גוטס צו ערוואַרטען, וואָרום אויב ער האָט אויף זיינע אייגענע עלטערען נישט קיין רחמנות, ווי קאָן מען פון איהם ערוואַרטען ער זאָל רחמנות האָבען אויף אַ פרעמדען אָרימאַן, אויף יתומים און אלמנות? דאָס זעלבע, אויב אַ מענש בעציהט זיך צו זיינע עלטערען מיט ביטול און גרינגשעצונג און ער רעכענט זיך נישט מיט זייערע מיינונגען און זייער וואָרט האָט ביי איהם קיין ווערט נישט, אַזאַ איינער איז אַ שעדליכער

מיטגליעד אין דער געזעלשאַפט, דען מען קאָן דאָך זיכער נישט רעכענען אויף אַזעלכען, ער זאָל שעצען די מיינונג פון פרעמדע, אַנערקענטע, אויטאָריטעטע פיהרער, און ער זאָל געהאָרכזאַם אויספיהרען זייערע פעראָרדנונגען.

„כבד את אביך ואת אמך", דען דער כיבוד אָב ואם, דאָס איז דער באַראָמעטער פון די מענשליכע מדות, דער הויפּט־תנאי — „למען יאריכון ימיך על האדמה אשר ד' אלקיך נותן לך". אָהן די דאָזיגע פונדאַמענטאַלע יסודות איז אונמעגליך די עקזיסטענץ פון אַ וועלכער עס איז געזעלשאַפטליכער אָרדנונג...

(הכורם)

לא תגנוב... (כ. יג.)

עס ווערט נישט אויסגערעכענט, וואָס מען זאָל נישט גנב'ענען, נאָר סתם: „לא תגנוב". קיין שום זאַך נישט. נישט קיין געלד, נישט דעם דעת־הבריות און נישט דעם דעת־עליון.

(ש"ך על התורה)

דער קאָזשעניצער מגיד פלעגט זאָגען: דער, וואָס דערצעהלט אויף זיך, אַז ער פאַסט משבת לשבת און באמת עסט ער און טרינקט בצינעה, איז ער אַ גונב דעת־הבריות, דער אָבער, וועלכער פאַסט טאַקי באמת משבת לשבת, איז ער... אַ גונב דעת־עצמו...

עס איז בעקאַנט די קשיא פון זוהר: פאַרוואָס דאָ, ביי די דברות הראשונות, שטעהט יעדע דברה בעזונדער: לא תרצח, לא תנאף, לא תגנוב וכו', דאַגעגען ביי די דברות האחרונות, אין פ' ואתחנן, שטעהען אַלע איבריגע דברות מיט אַ ו' החבור: לא תרצח ולא תנאף ולא תגנוב וכו'?

האָט געענטפערט דערויף רבי יחיאל מאיר, דער רבי פון אָסטראָווצע. די חז"ל דרש'ענען: „חרות על הלוחות — אַל תקרי חרות אלא חירות, חירות מיצר הרע". עס הייסט, אַז בשעת די אידען האָבען מקבל געווען די עשרת־הדברות זענען זיי בעפרייט געוואָרען פון יצר־הרע, און ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבען געזינדיגט במעשה־העגל האָט דער יצר־הרע צו זיי צוריקגעקעהרט (אויף דעם גופא ווערט, אַגב, געפרעגט: אויב זיי האָבען נישט געהאַט קיין יצר־הרע, האָבען זיי דאָך ווידער נישט געדאַרפט זינדיגען? און דערויף ווערען געגעבען פערשיעדענע תירוצים בדרך חקירה ופלפול...)

און דעריבער ווערט צו די דברות האחרונות נאָכ'ן מעשה־העגל, ווען דער יצר־הרע האָט שוין אין זיי צוריק שולט געווען, צוגעגעבען צו יעדע דברה דער ו' החבור: לא תרצח ולא תנאף וכו', דען „עבירה גוררת עבירה" און — „כך דרכו של יצר הרע, היום אומר לו עשה כך ומחר עשה כך וכו'"...

לא תחמוד בית רעך, לא תחמוד אשת רעך... (כ. יד.)

ביידע לא תחמוד'ס שטעהען צוזאַמען, און עס איז מיר דעריבער אַ גרויס חדוש — פלעגט דערויף זאָגען דער „איד הקדוש" פון פשיסכע — פאַרוואָס מען האָט נישט געאַסר'ט, אַז פונקט ווי מען טאָר זיך נישט מתיחד זיין מיט אַ פרעמדע אשה, זאָל מען אויך נישט טאָרען האָבען קיין יחוד מיט פרעמד געלד...

וכל העם ראים את הקולות...(כ. טו.)

דער בעריהמטער הרב הילדעסהיימער פון בערלין איז אַמאָל געקומען קיין ווארשא, וואו ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט'ן חידושי-הרי"ם און ווי דער שטייגער איז, האָבען זיי גלייך גענומען שמועסען אין לערנען. גראָד איז דאַמאָלס געווען די וואָך פון פ' יתרו און הרב הילדעסהיימער האָט געפרעגט דעם חידושי-הרי"ם דעם פשט פון פסוק „וכל העם רואים את הקולות". נאָכוואָס איז נויטיג געווען דער דאָזיגער נס, אַז מען זאָל אויפ'ן באַרג סיני נישט-נאָר הערען, נאָר אויך זעהען די קולות?

— דאָס איז נויטיג געווען — האָט איהם דער חידושי-הרי"ם דערויף געענטפערט — צוליעב אַ גאַנץ איינפאַכען טעם. עס זענען פאַרהאַן אין לשון-קודש זעהר פיעל ווערטער, וואָס די הברה זייערע, זייער קלאַנג און אויס-שפראַך איז דער זעלבער, דאָך האָבען זיי פערשיעדענע בעדייטונגען, אָב-הענגיג פון דער אָרטאָגראַפיע, ווי אַזוי דאָס וואָרט ווערט געשריבען. הערען אַליין איז דעריבער וועניג געווען, וואָרום בשעת מען האָט געהערט, למשל, די ווערטער „לא תגנוב", האָט מען געקענט האָבען אַ טעות און מיינען, אַז דאָס זאָגט מען זיי: „לו תגנוב", און דער פשט איז: לו, צו איהם, פאַר'ן אויבערשטענס וועגען, לשם שמים, מעג מען גנב'נען וכדומה... און דערפאַר איז „וכל העם רואים את הקולות", האָט מען זיי געמוזט ווייזען, ווי אַזוי די ווערטער זענען געשריבען, ווי אַזוי זיי לעגען זיך אויס...

וירא העם וינעו... (כ. טו.)

און דערפון — זאָגט דערויף דער בעל-הטורים — נעהמט זיך דער מנהג צו שאָקלען זיך בשעת'ן לערנען, ווייל די תורה איז געגעבען געוואָרען „באימה ברתת ובזיע".

און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין זוהר (פנחס רי"ח): „מאי האי דכל עמין דעלמא לא עבדין נענועא אלא ישראל בלחודייהו, דכד לעאן באורייתא מתנענען הכא והכא?" — מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס ביי די אומות

העולם שאָקעלט מען זיך נישט, נאָר בלויז די אידען בשעת זיי לערנען בעוועגען זיי זיך אַהין און אַהער? — „נשמתהון דישראל אתגזרו מגו בוצינא קדישא דדליק דכתיב נר ד' נשמת אדם וכו' נהורא דשרגא כיון דאתאחדא גו פתילה ההוא נהורא לא שכיב לעלמין אלא מתנענעא נהורא לכאן ולכאן״— ווייל די אידישע נשמה שטאַמט פון הייליגען ברענענדען פלאַם און אַ ברע־נענד ליכט רוהט נישט, נאָר עס בעוועגט זיך אַהין און אַהער...

דאַגעגען דער כוזרי (מאמר ב' סי' ע״ט) בעמערקט דערויף, אַז דער איינפאַכער טעם איז, ווייל פאַרצייטענס, בשעת עס האָבען אויסגעפעהלט ספרים, האָבען צעהן מענשען געמוזט לערנען אין איין ספר און יעדער איי־נער האָט זיך געמוזט כסדר בעוועגען און איבערבויגען אויף אַלע זייטען כדי צו קענען זעהן די ווערטער. דערפון האָט זיך ביי זיי גענומען דער מנהג צו שאָקלען זיך און מיט דער צייט איז די דאָזיגע געוואוינהייט גע־וואָרען ביי אידען אַ צווייטע נאַטור.

פאַרהאַן אָבער אויך צווישען די ראשונים אַזעלכע, וועלכע זאָגען זיך אַרויס געגען דעם דאָזיגען מנהג. רבי שמואל הנגיד, למשל, (דער בעל „מבוא התלמוד״) לאַכט־אָב אין איינעם פון זיינע שירים פון די, וועלכע שאָק־לען זיך ביים דאַווענען, אויסדריקענדיג זיך וועגען זיי מיט די ווערטער: „כאשר ינועו עצי היער מפני הרוח״. רבי מנחם עזריה מפאנו שרייבט זאָגאַר, אַז עס איז אַן איסור צו שאָקלען זיך ביים דאַווענען שמונה־עשרה (עשרה מאמרות פ' אם כל חי סי' ל״ג) און אויך דער של״ה זאָגט בפירוש: „המתנועע בתפלתו גורם בטול כונתו״. דאַגעגען ערקלערט דער מגן־אַברהם (או״ח סי' מ״ח): „דעביד כמר עביד ודעביד כמר עביד ובלבד שיכון״...

מִשְׁפָּטִים

כי תקנה עבד עברי... (כא. ב.)

דער חדושי הרי"ם האָט אַמאָל געלאָזט רופען צו זיך זיינעם אַ רייכען חסיד, וועגען וועלכען מען האָט איהם דערצעהלט, אַז ער וויל אַרויסוואַרפען אַנ'אָרימען לאָקאַטאָר פון דער וואוינונג, און ער האָט איהם גענומען שטאַרק מוסר'ן.

— פאַרוואָס בין איך עפּעס מעהר מחויב פון אַנדערע — האָט דער הויזווירט דערויף געענטפערט — צו שענקען דעם אָרימאַן אַזויפיעל געלד? אויב ער האָט נישט, טאָ זאָל מען אַרומגעהן און צונויפנעהמען פאַר איהם נדבות, איך פון מיין זייט וועל אויך צושטייער געבען אַ גרויסע נדבה, פאַרוואָס אָבער זאָל איך ליידען איינגאַנצען?

האָט איהם דער חדושי הרי"ם געענטפערט:

די גמרא זאָגט אין הגיגה: „חציו עבד וחציו בן חורין כופין את רבו ועושה אותו בן חורין". איז דאָך, אייגענטליך, קשה: פאַרוואָס קומט עס דעם בעל־הבית, מען זאָל איהם צווינגען דערצו, זאָל מען אַרומגעהן נאָך נדבות, זאָל מען צונויפקליבען די נויטיגע סומע געלד און זאָל מען איהם אויסלייזען? נאָר דער תירוץ איז: עס איז דיין עבד און דיר איז בעשערט געווען צו זיין זיין בעל־הבית — מוזט דו ליידען...

ורצע אדוניו את אזנו במרצע... (כא. ו.)

„אזנו הימנית, או אינו אלא של שמאל וכו'" (רש"י)

פאַרוואָס זאָל האָבען געווען די הוה־אמינא, אַז מען מיינט אוזן של שמאל? דען אין שיר־השירים, אויפ'ן פסוק „ישקני מנשיקות פיהו", זאָגט דער מדרש: „היה הדבור יוצא מימינו של הקב"ה לשמאלן של ישראל". קומט דאָך אויס, אַז דער „אוזן ששמעה על הר סיני לא תגנוב" איז געווען דאָס לינקע אויער און דעריבער איז, אַלזאָ, געווען די הוה־אמינא, אַז טאַקי דאָס דאָזיגע אויער זאָל געבויערט ווערען...

(רבי ר' העשיל)

פאַרוואָס עגבערט מען איהם דאָס אויער ערשט שפּעטער, ווען ער וויל נישט אַרויסגעהן פריי, און נישט פריהער, באַלד ווי ער קומט זיך פער־קויפען אַלס עבד? ווייל פריהער נעהמט מען אָן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז נאָך דערמיט נישט געפּרובט געוואָרען און ער ווייסט נישט, וואָס עס הייסט זיין אַ קנעכט ביי יענעם, ווי נור אָבער ער וועט פערזוכען דעם טעם פון עבדות, וועט ער אַליין אַנטלויפען און אויסנוצען אַלע מעגליכקייטען וואָס־שנעלער דערפון פטור צו ווערען. ווען אָבער טראָץ דעם אַלעם, נאָכ'ן אָבדיענען זעקס יאָהר אַלס עבד, שמעקט עס איהם נאָך אַלץ און ער טענה'ט: „אהבתי את אדוני וכו' לא אצא חפשי", וואָס עס בעווייזט, אַז מען האָט פאַר זיך אַ נידעריגע פערשקלאַפטע נאַטור, וועמען דאָס עבדות איז שוין טיעף אַריין אין די ביינער, דאַן — „ורצע אדוניו את אזנו!"...

(שמן רוקח)

וכי יכה איש את עבדו וכו' ומת תחת ידו נקם ינקם... (כא. כ.)

דערפאַר איז, אַז אויב „ומת תחת ידו נקם ינקם", דאַגעגען „אם יום או יומים יעמד לא יוקם", ווייל דער דין איז: „המפקיר את עבדו יוצא לחירות", און קיים איז דער עבד אַ „מת תחת ידו", בעווייזט עס, אַז דער בעל־הבית איז בכוונה תחילה געווען גרייט איהם צו דערהרג'ענען, נישט אָבשטעלענדיג זיך דערפאַר, וואָס ער וועט דאַדורך פערלירען אַנ'עבד. דאָס הייסט, אַלזאָ, אַז ער האָט דעם עבד מפקיר געווען, וממילא האָט שוין דער עבד פון יענעם מאָמענט אָן דעם דין פון אַ בן־חורין, דען „המפקיר את עבדו יוצא לחירות", און דעריבער איז „נקם ינקם", קומט איהם דן צו זיין, ווי ער וואָלט דערהרג'עט אַ בן־חורין...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

וכי יכה איש את עין עבדו וכו' לחפשי ישלחנו (כא. כו.)

אין שו"ת הרשב"א ווערט געבראַכט אַ שאלה פון אַ חכם אחד, וועל־כער פרעגט: ווי איז אין דעם פאַל, ווען דער עבד האָט אויף זיך גורם געווען די שטראָף צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך שווער פערזינדיגט, צי אויך דאַמאָלס דאַרף ער, לויט'ן דין, ווערען בעפרייט?

דערויף ענטפערט איהם דער רשב"א זעהר שאַרפזיניג, אָנווייזענדיג אויף'ן מאמר אין דער גמרא (ברכות ה'), וואו עס ווערט געזאָגט: „יסורים ממרקים עונותיו של אדם, קל־וחומר משן ועין, מה שן ועין שהם אחד מאבריו של אדם עבד יוצא בהם לחירות, יסורים שממרקים כל גופו של אדם על

אחת כמה וכמה". איז אויב, אַלזאָ, מען זאָל זאָגען, אַז אין פאַל ווען דער עבד פערזינדיגט זיך, איז ער נישט יוצא בשן ועין, פאַלט דאָך אַוועק דער גאַנצער קל-וחומר, וואָרום אויך די יסורים איז דאָך דער מענש גורם אויף זיך צוליעב זיינע זינד...

כל אַלמנה ויתום לא תענון... (כב. כא.

יעדעס מאָל ווען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט צוקומען צום דאָזיגען פסוק פלעגט ער זיך פונאַנדערוויינען און אויסשרייען: רבונו של עולם! אַזויפיעל מאָל ביזטו מזהיר אין דער תורה, אַז מען טאָר קיין יתומים נישט פייניגען, און אויך מיר זענען דאָך יתומים — "יתומים היינו ואין אָב", טאָ וואו איז דיין רחמנות אויף אונז און ווי אַזוי קענסטו דערלאָזען, מיר זאָלען טויזענדער יאָהרען אַזוי שרעקליך געפייניגט ווערען פון אַלע זייטען?...

אם כסף תלוה את עמי... (כב. כד.)

עס איז די איינציגע מצוה, ביי וועלכע עס איז געשריבען דאָס וואָרט "אם", אַ לשון ספק... הלואי, הייסט עס, זאָל אייך נישט צו-האַנד קומען די דאָזיגע מצוה און הלואי זאָל מען זיך נישט נויטיגען און נישט דאַרפען באָרגען, דען אין זעהר אָפטע פאַלען ענדיגט זיך די דאָזיגע מצוה מיט אַנ'עבירה: אָדער דער מלוה וויל נישט באָרגען, אָדער—דער לוה באָרגט און וויל נישט בעצאָהלען...

(נועם מרי)

"טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט וכו'" (תהלים קי"ב)

טוב איש חונן ומלוה — די בעסטע פון אַלע צדקות איז הלואה, אָבער ווען? — יכלכל דבריו במשפט—ווען מען איז דערביי פאָרזיכטיג, איינצואָרדנען די הלואה במשפט, צו בעוואָרענען זיך יורידיש, צו באָרגען פאַר עדות און אויף אַ שטר, דאַמאָלס איז — כי לעולם לא ימוט — וועט ער זיך קיינמאָל נישט אויסגליטשען, נישט אַריינפאַלען מיט זיין געלד, — לזכר עולם יהיה צדיק — ער וועט קענען בלייבען אַ צדיק און ווייטער באָרגען און—משמועה רעה לא יירא...

(רבי אהרן שמעון אבד"ק פראָג)

ואַנשי קדש תהיון לי... (כב. ל.)

מענשליך-הייליג זאָלט איהר זיין צו מיר. איהר זאָלט נישט זיין צו-ווילדעוועט אין דער קדושה, נישט אויפפיהרען זיך ווי די פראים...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

ואנשי קדש תהיון לי, ובשר בשדה טרפה לא תאכלו, לכלב תשליכון אותו... (כב. ל.)

„מה הכלב, אחד גובח וכולם מתקבצים וגונחים על חנם, אבל אתם לא תהיו כן, רק ואנשי קדש תהיון לי" (מדרש רבה)

דער מדרש מיינט דערמיט צו זאגען, אז עס רעדט זיך דא אינ'ם דאזיגען פסוק וועגען די הינטישע מדה, וועלכע איז ליידער אויך שטארק איינגעווארצעלט ביי מענשען. הינט האבען א טבע, אז בשעת איינער פון זיי פערטשעפעט א מענש און ער הויבט אן צו בילען אויף איהם, אזוי לויפען אן אנדערע הינט פון פערשיעדענע זייטען און אלע נעהמען זיי האווקען בצבור, סתם אזוי, אהן א פארוואס, כאטש זיי האבען גארנישט צו איהם און כאטש זיי זענען גארנישט מיט יענעם הונט אזעלכע שטארקע גוטע פריינד... און דאס זעלבע איז אויך, בשעת עס ברעכט אויס א מחלוקת צווישען מענשען, וואקסען-אויס תיכף ארום זיי צדדים, וואס אנשטאט צו מאכען שלום צווישען די בעלי-דברים, העלפען זיי, פערקעהרט, פערשטארקען דאס פייער און פערגרעסערען די מחלוקת, הגם די עצם-זאך איז זיי אבסא-לוט נישט נוגע, נאר סתם אזוי לשם מצוה... ריידענדיג, אלזא, וועגען כלבים, ווערט דערביי געווארענט: „אבל אתם לא תהיו כן — איהר זאלט נישט נאכ-טהון די דאזיגע הינטישע מדה — רק ואנשי קדש תהיון לי"!... (כתב סופר)

מדבר שקר תרחק... (כג. ז.)

אין תנא דבי אליהו (אליהו זוטא פרק ג') ווערט געבראכט, אז אויב א מענש געוועהנט זיך צו רעדען שקר, ווערט ער איבערגעגעבען אין די הענד פון א מלאך א שקרן, וועלכער ווערט זיין שטענדיגער בעגלייטער און ער האלט איהם אין איין אבנארען, איינרעדענדיג איהם אויף מצוות, אז דאס זענען עבירות און אויף עבירות, אז זיי זענען מצוות...

און דאס — האט געזאגט דערויף דער רבי ר' זישע — איז דער פשט פון „מדבר שקר תרחק", דורכ'ן שקר איז זיך דער מענש מתרחק פון אוי-בערשטען, דען זייענדיג דורך און דורך פערפלאנטערט אין שקרים ווערט ביי איהם פון א מצוה — אנ'עבירה און פון אנ'עבירה — א מצוה... (מנרת זהב)

„ראש דברך אמת" (תהלים קי"ט)

די עשרת הדברות הויבען זיך אן מיט א א', „אנכי", די משנה — מיט

אַ מ׳, „מאימתי קורין את שמע״, די גמרא — מיט אַ ת׳, „תנא היכא קאי״. דער „ראש דברך״, דער אָנהויב פון תורה שבכתב ושבעל פה בעשטעהען פון די אותיות „אמת״...

(חדושי הרי״ם)

„חותמו של הקב״ה אמת״ (יומא ס״ט)

„אמת״ במספר קטן בעטרעפט 9, אַ ציפער וועלכער ענדערט זיך קיינמאָל נישט, דען צוויי מאָל 9 איז 18, ווידער אַמאָל — 9 (8 און 1). דריי מאָל 9 — 27, ווידער — 9, און אַזוי ווייטער און ווייטער...

ושוחד לא תקח כי השוחד יְעַוֵּר פקחים וכו׳... (כג. ח.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „ושוחדא לא תקביל, ארום שוחדא יסמי עינוי נסבוי ומטלטל חכימיא ממותבניהון״.

וואָס ווערט געמיינט מיט די לעצטע ווערטער?

נאָר די גמרא זאָגט (יבמות ק״א), אַז אַ סומא, אַ בלינדער, איז פסול צו זיצען אין די סנהדרין. וויבאַלד, אַלזאָ, ער וועט נעהמען שוחד וועט ער נישט־נאָר בלינד ווערען, נאָר אויך „ומטלטל חכימיא ממותבניהון״, ער וועט צוזאַמען דערמיט אויך אַראָבגעזעצט ווערען פון זיין אַמט...

(ספר ינחנו)

וגר לא תלחץ וכו׳ כי גרים הייתם בארץ מצרים (כג.ט.)

דעריבער דאַרף מען אייך וואָרענען, אַז איהר זאָלט דעם גר נישט אונטערדריקען, „כי גרים הייתם בארץ מצרים״, וויל איהר אַליין זענט געווען גרים און עס איז ליידער די טבע פון יעדען גר און אונטערדריקטען, אַז מיט׳ן מאָמענט ווען ער ווערט אַ פרייער תושב, ובפרט „עבד כי ימלוך״, ווען ער בעקומט נאָך דערצו אַ שטיקעל ממשלה אין דער האַנד, ווערט ער דאַן איבער נאַכט פערוואַנדעלט אין אַנ׳אונטערדריקער און אַכזר פון ערגסטען טיפ...

(לקט אמרים)

ושש שנים תזרע את אַרצך... (כג. י.)

מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס די דינים פון שמיטה, סיי דאָ, סיי אין פרשת בהר, ווערען געזאָגט בלשון יחיד, דאַגעגען ביי יובל זענען די זעלבע דינים געשריבען בלשון רבים?

וויל ביי שמיטה האָבען די דינים צו טהון מיט׳ן בעל־הבית, מיט׳ן אייגענטימער פון פעלד, און ער איז דאָך נישט מעהר, ווי אַ יחיד, זענען

זיי דעריבער געשריבען ביחידות. ביי יובל אָבער, וואָס דאַמאָלס איז דאָך „תשובו איש אל אחוזתו", איז ביי יעדען פעלד פאַרהאַן אַ מוכר מיט אַ קונה און צו ביידע איז געווענדעט די אזהרה, ביידע זענען מחויב מפקיר צו זיין דאָס פעלד, און דעריבער ווערט צו זיי גערעדט בלשון רבים...

(רבי יאָשע דינאַבורגער)

אַ צווייטע ערקלערונג:

יובל איז נוהג נאָר בזמן, ווען אַלע שבטים געפינען זיך אין ארץ-ישראל, ווי עס ווערט ערקלערט: „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה, בזמן שכל יושביה עליה ולא בזמן שגלו מקצתן" (ערכין ל"ב), און דעריבער איז די דאָזיגע פּרשה געשריבען בלשון רבים, ווייל זי ווערט געזאָגט צום גאַנצען קהל-ישראל. פּרשת שמיטה דאַגעגען ווערט געזאָגט בלשון יחיד, ווייל אויב עס בלייבט אַפילו נאָר איין איד אין ארץ-ישראל דאַרף ער אויך אָבהיטען שמיטה...

(רבי אַברהם דימאַנט)

דער טעם פון שמיטה איז גאַנץ איינפאַך, אַז אויך די ערד זאָל רוהען פונקט אַזוי פיעל, וויפיעל עס דאַרפען רוהען דער מענש און די בהמה, מיט'ן אונטערשיעד בלויז, וואָס פאַר יענע איז די מנוחה געגעבען געוואָרען איין טאָג אין דער וואָך: איין רוה-טאָג אויף זעקס אַרבייטס-טעג, און פאַר דער ערד איז בעשטימט געוואָרען איין רוה-יאָהר אויף זעקס אַרבייטס-יאָהר, בעצם אָבער איז עס דער זעלבער חשבון.

(החנוך)

דאָס יאָהר תרמ"ט איז געווען דאָס ערשטע שמיטה-יאָהר פון די ניי-געגרינדעטע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל און צום ערשטען מאָל איז דאַן אויפגעשווימען די פראַגע וועגען שמיטת-קרקע, אַרום וועלכער עס האָט זיך צופלאַקערט אַ שאַרפע רבנישע פּאָלעמיק, און דאָס מאָל נישט בלויז להלכה, נאָר טאַקי למעשה. אַ טייל רבנים האָבען געפאָדערט, אַז נאָכדעם, ווי מיר האָבען, נאָך קרוב צוויי טויזענד יאָהר, ענדליך זוכה געווען צו דער דאָזיגער מצוה התלויה בארץ, דאַרף מען זי מקיים זיין לכל פּרטיה ודקדוקיה, דאַגעגען אַנדערע, מורא האָבענדיג, אַז עס זאָל דערמיט נישט אונטערגעגראָבען ווערען די אַזוי אויך שוואַכע עקזיסטענץ פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, האָבען זיך בעמיהט צו געפינען פערשיעדענע היתרים. נאָך שטורמישע וכוחים, וועלכע האָבען זיך געצויגען אַ לאַנגע צייט, האָט דער קאָוונער רב, רבי יצחק אלחנן, מיט דער הסכמה פון נאָך אַנדערע דריי רבנים, פּערעפּענטליכט אַ היתר וועגען אַ שטר-מכירה און נעמליך: די קאָלאָניעס ווערען פערקויפט צו אַראַבער אויף אַ משך פון צוויי יאָהר מיט אַ פערזיכערונג, אַז נאָך די צוויי יאָהר מוזען די זעלבע קאָלאָניעס צוריק פערקויפט ווערען צו זייערע

פריהערדיגע אייגענטימער. במשך פון דער שמיטה-צייט טאָרען די אידישע בעלי-בתים אַליין נישט אַרבייטען אין פעלד, סײַדען זיי זענען פעראָרימט, מעגען זיי דאַן אַרבייטען אַלס געדונגענע אַרבייטער ביים צייטווייליגען גוי׳שען בעל-הבית...

ושם אלהים אחרים לא תזכירו... (כג. יג.)

דער מהר"ם שיף ווייזט אָן אין זיינע שו"ת, אַז עפ"י דין טאָר אַ איד נישט דאַטירען אין זיינע בריף די קריסטליכע צייט-רעכנונג, דען ער איז דערמיט עובר אויף אַ בפירוש׳ען לאו: „ושם אלהים אחרים לא תזכירו".

דאָס זעלבע שרייבט אויך רבי חיים צאַנזער אין „שו"ת דברי חיים", אויספיהרענדיג, אַז ס׳איז נישטאָ דערויף קיין שום צד-היתר...

דער פרומער ראָטשילד, רבי שמעון זאב, האָט אַמאָל אַראָבגעברענגט פאַר זיך פון פוילען אַ ספעציעלען סופר, וועלכער זאָל שרייבען פאַר איהם תפילין ומזוזות, ווי אויך אַ ספר-תורה על טהרת הקדש. איינמאָל האָט איהם דער סופר צוגעשטעלט אַ געשריבענעם חשבון פון דער אַרבייט: אין יאַנואַר האָט ער גענומען אַ קאָנטאָ כך וכך, אין מערץ — כך וכך און אַזוי ווייטער...

רבי שמעון זאב האָט זיך דערפון שטאַרק אָנגעצינדען: היתכן? אַ סופר, וועלכער איז עוסק מיט זיין פעדער במלאכת הקודש, זאָל נישט שרייבען די העברעאישע חדשים, כסלו, טבת וכו׳ נאָר די קריסטליכע? — ער האָט איהם גלייך משלח געווען, געהייסען איהם אויסצאָהלען אַ גרעסערע סומע געלד אויף הוצאת הדרך און דערביי האָט ער אויך בעפויהלען מיטצוגעבען איהם די אַלע פאַרמעטענע יריעות פון דער ס"ת און פון די תפילין, וואָס ער האָט פאַר איהם געשריבען...

(שדה בוכים, הספד על רש"ז רוטשילד)

לא תבשל גדי בחלב אמו... (כג. יט.)

לויט׳ן אבן-עזרא און לויט׳ן רשב"ם איז דער איסור פון „לא תבשל גדי בחלב אמו", ווייל עס איז אַ מדה פון אַכזריות, פונקט ווי דער איסור „אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד" און ווי „לא תקח את האם על הבנים", און כדי צו פערמיידען טעותים און ספקות איז דער איסור געוואָרען פער-אַלגעמיינערט אויף יעדען מין בשר בחלב. פאַרהאַן אויך אַ מיינונג, אַז ביי די פאַרצייטישע פעלקער איז געווען אָנגענומען, אַז ביים פלאַנצען אַ בוים פלעגט מען דאַן אָבקאָכען אַ ציעג אין דער מוטער׳ס מילך, און דאָס פלייש האָט מען אונטערגעלעגט אונטער די וואָרצלען פונ׳ם געפלאַנצטען בוים, וואָס עס האָט געדיענט אַלס סגולה, אַז דער בוים זאָל זיך שנעל ענטוויקלען, און

דעריבער האָט עס די תורה גע׳אסר׳ט. דעם זעלבען טעם ברענגט אויך דער „תפארת יונתן״ און ער פיהרט אויס, אַז דערמיט ווערט פערשטענדליך די סמיכות פון די ווערטער: „ראשית בכורי אדמתך וכו׳—לא תבשל גדי בחלב אמו״...

ויקח משה חצי הדם... (כד. ו)

„מי חלקו? „מלאך בא וחלקו״ (רש״י)

צוליעב וואָס האָט מען עס געדאַרפט האָבען דערויף אַ מלאך?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף דער רבי ר׳ העשיל — לויט דער גמרא (זבחים צ״ז) איז דער פשט פון פסוק „ויקח משה חצי הדם וישם באגנות וחצי הדם זרק על המזבח״, אַז ער האָט נישט געוואַרט, ביז דאָס גאַנצע בלוט איז אָבגעגאַנגען פון דער בהמה, נאָר בשעת דאָס בלוט איז נאָך גערינען, האָט ער די ערשטע העלפט בלוט, וואָס איז אָבגערינען, אַריינ־געטהון אין די אגנות, אין די בעקענס, און דאַן האָט ער צוגעוואַרט, ביז עס איז אָבגערינען די צווייטע העלפט בלוט, וואָס ער האָט געשפריצט אויפ׳ן מזבח.

און דערויף קומט די פראַגע: מי חלקו? בשעת דאָס בלוט איז נאָך גערינען פון דער בהמה, ווי אַזוי איז מעגליך געווען צו וויסען, אַז עס איז שוין אָבגערינען פונקט אַ העלפט בלוט? און נישט אנדערש, נאָר — „מלאך בא וחלקו״...

תְּרוּמָה

דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה... (כה. ב.)

„לי — לשמי" (רש"י)

געזאָגט געוואָרען איז דער „לשמי" נאָר אויפ'ן „ויקחו", אויף די נעה־מערס, די זאַמלערס. זיי דאַרפען אין זינען האָבען צו טהון די מצוה לשמה, לשם־שמים. אויף די נותנים דאַגעגען בעציהט זיך דאָס נישט. זיי מעגען געבען אַפילו שלא לשמה — אַבי זיי זאָלען געבען...

(רבי שלום קאַמינקער)

אַ גביר האָט אַמאָל דערצעהלט פאַר רבי חיים צאַנזער, וואָס פאַר אַ גרויסער בעל־צדקה ער איז, וויפיעל געלד די צדקה קאָסט איהם אָב. דערביי האָט ער זיך יעדעס מאָל אויסגעדריקט: „נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין".

רופט זיך אָן צו איהם רבי חיים:

— זאָל עס יאָ זיין אויסגערעדט, רייד יאָ, רייד וויפיעל דו ווילסט, אַבי — גיב !...

„בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע, מיד אמר להם ויקחו לי תרומה" (ילקוט ראובני)

די כונה פונ'ם דאָזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר איז, אַז דאָס מקדים זיין דעם „נעשה" פאַר'ן „נשמע" דאַרף הויפטזעכליך אָנגעווענ־דעט ווערען ביי תרומה, ביי צדקה. קודם־כל „נעשה", קודם־כל נעהמען און געבען צדקה, אָהן אַוועקצושטעלען דערביי פריהער דעם „נשמע", נישט צו־לאַנג זיך מישב זיין, נישט צופיעל אַריינקלערען: צי בין איך אימשטאַנד, צי קאָן איך געבען און צי איז טאַקי יענער אַזאַ גרויסער נצרך, צי דאַרף איך איהם געבען...

(אמרי נועם)

און דאָס איז אויך דער טייטש: „שמרו משפט ועשו צדקה" (ישעי' נו. א.). ביי משפטים, ביי אַרויסטראָגען אַ פסק־דין, איז נויטיג מתינות, ישוב־הדעת, לאַנגזאַמקייט (פון לשון „ואביו שמר את הדבר"), ווי עס ווערט געזאָגט:

„הוו מתונים בדין". דאַגעגען ביי צדקה איז — „ועשו צדקה"! וואָס וועניגער טראַכטען און וואָס שנעלער טהון... (אלשיך)

צום פראַנקפורטער ראָטשילד, ר' שמעון נתנאל, איז אַמאָל צוגעקומען אין גאַס אַ בכבוד'יג געקליידעטער איד און גענומען אויסגיסען פאַר איהם זיין ביטער האַרץ. די ווערטער האָבען ראָטשילד'ן שטאַרק גערירט און היות ווי ער האָט גראָד אין טאַש ביי זיך קיין געלד נישט געהאַט, האָט ער אָבגעשפיליעט פון זיין טאַשען-זייגער די גאָלדענע קייט און עס דערלאַנגט דעם אָרימען איד.

דער איד איז געוואָרען מבולבל און נישט געוואָלט אין תחילת נעהמען. וואָס הייסט? נישט אַנדערש, נאָר דער באַראָן טרייבט שפּאַס פון איהם... אָ, גאָט בעוואַר, ער וועט קומען צו איהם אין ביוראָ, עס ברענט דאָך נישט, חלילה, די מינוט...

— ניין, עס ברענט יאָ — מאַכט דער באַראָן — אין דער רגע האָט מיך אָנגענומען אַ רחמנות, וויל איך נישט פערזוימען, שפּעטער אָבער — ווער ווייסט, צי דאָס רחמנות וועט ביי מיר נישט ווערען אָבגעקיהלט... און דערויף טאַקי וואָרענט אונז שלמה המלך: „אַל תאמר לרעך לך ושוב ומחר אתן ויש אתך"... (דעת זקנים)

ויקחו לי תרומה וכו' תקחו את תרומתי וכו' וזאת התרומה... (כה. ב. ג.)

„ג' תרומות אמורות כאן, אחת תרומת בקע לגלגולת שנעשו בה האדנים, ואחת תרומת המזבח בקע לגלגולת לקרבנות צבור, ואחת תרומת המשכן נדבת כל אחד ואחד" (רש"י)

ביי די ערשטע צוויי תרומות איז געווען „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט", אַלע האָבען געגעבען גלייך: „בקע לגלגולת", קיינער האָט נישט געהאַט קיין גרונד צו שטאָלצירען און צו האַלטען זיך גרעסער פון צווייטען, און דעריבער ווערט ביי זיי געזאָגט: „ויקחו לי תרומה — לי לשמי" און „תקחו את תרומתי", דאָס זענען דעם אויבערשטענס תרומות, אָט אַזעלכע תרומות זענען איהם לרצון.

דאַגעגען די דריטע תרומה, וועלכע איז בעשטאַנען פון „נדבת כל אחד ואחד", פון קלענערע און גרעסערע נתינות, האָט שוין געבראַכט צו גאות און גביר'שע שטאָלצקייט, און דעריבער ווערט שוין דערביי נישט בעטאָנט, אַז דאָס איז דעם אויבערשטענס תרומה, נאָר סתם — „וזאת התרומה אשר תקחו מאתם"... (כלי יקר)

„גדול הַמְעַשֶׂה יותר מן העושה, שנאמר והיה מעשה הצדקה שלום" (בבא בתרא י"ט)

„גדול המעשה יותר", אַמבעסטען איז געוואונשען נאָר אַזאַ מְעַשֶׂה און גַבָּאַי, וועלכער איז „מן העושה", וועלכער זאָל אויך אַליין זיין פון די עושי צדקה, נישט נאָר אַ נעהמער, נאָר אויך אַ געבער, און דאַמאָלס — „והיה מעשה הצדקה שלום", וואָרום אויב דער גבאי אַליין איז נישט קיין נותן, ברענגט עס בשעת'ן זאַמלען די נדבות, צו קריגערייען מיט די מנדבים, וועלכע טענה'ן מיט פערדרוס: „מי שָׂמְךָ"? און „קשוט עצמך"!...

(בינה לעתים)

אין סלאָנים איז געווען אַ גביר אַ קמצן, וועלכער פלעגט קיינמאָל קיין נדבה נישט וועלען געבען, דאַגעגען פלעגט ער זיך שטענדיג שטופען צו דאַוונען פאַר'ן עמוד, הגם ער האָט לאַו געקענט.

פלעגט רבי אייזיל סלאָנימער זאָגען, אַז דער דאָזיגער איד איז אַ געוואַלדיגער קדוש, דען די גמרא זאָגט: „ישראל קדושים הם, יש שיש לו ואינו רוצה ויש שרוצה ואין לו" (חולין ז'). דער דאָזיגער גביר איז דעריבער אַ דאָפּעלטער קדוש, דען ביי צדקה איז ער אַ „יש לו ואינו רוצה", און ביי'ם דאַוונען פאַר'ן עמוד — אַ „רוצה ואין לו"...

ועורות תחשים... (כה. ה.)

„מין חיה" (רש"י)

אַ פלא! די גמרא זאָגט דאָך בפירוש: „רבי מאיר אומר תחש שהיה בימי משה בריה בפני עצמה היתה ולא הכריעו בה חכמים אם מין חיה היא או מין בהמה היא" (שבת כ"ח). טאָ פונוואַנען נעהמט עס רש"י מכריע צו זיין און צו ערקלערען: „מין חיה"?

(טרגניתא דרם)

ועורות תחשים ועצי שטים...

„ומאין הי' להם במדבר? פירש רבי תנחומא, יעקב אבינו צפה ברוח הקדש וכו' והביא ארזים למצרים ונטעם וצוה לבניו לישלם עמהם כשיצאו ממצרים" (רש"י)

דערויף זאָגט דער אבן עזרא: „והנה לא ידענו, אם קבלה היתה היא ביד אבותינו שממצרים הוציאם—גם אנחנו נסור אל משמעתם, ואם סברא היא, יש לבקש דרך אַחרת", און אָנוויזענדיג אויף דער אונלאָגישקייט פון דער דאָזיגער מיינונג קומט דער אבן עזרא צום אויספיהר, אַז וואַהרשיינליך האָט זיך אין דער נאָהענט פון הר-סיני געפינען אַ וואַלד פון עצי-שטים.

דאַגעגען אין פ' בשלח אויפ'ן פסוק „ויסע משה את בני ישראל" (טו. כב.)

ברענגט דער אבן-ע רא די דאָזיגע מיינונג אלס א פעסטגעשטעלטע זאַך, שרייבענדיג: „ומשה הודיעם כי שם יתעכבו עד שיעשו המשכן כי בעבור זה הוציאו עצי שטים ממצרים״, נישט צוגעבענדיג דערצו קיין שום בעמערקונגען...

ועשו ארון עצי שטים אמתים וחצי ארכו... (כה. י.)

די מאָס פונ׳ם ארון-התורה האָט זיך פערענדיגט מיט א חצי, א העלפט, דען אום צו זיין בשלמות, נויטיגט זי זיך אין נאָך א צווייטע העלפט — אין די אידען, די לומדי ומקימי-התורה. אָהן זיי איז די תורה נישט מעהר ווי א חצי דבר...

(ש״ך על התורה)

„מנין שכל המוסיף גורע וכו׳ רב משרשיא אמר מהכא, אמתים וחצי ארכו״ (סנהדרין כ״ט)

עס איז א שווערער מאמר, אויף וועלכען רש״י זאָגט אפילו יאַ פשט, אָבער ער ווערט אָנגעפרעגט דורכ׳ן מהרש״א מיט א רייה קשיות.

איינפאַך ערקלערט עס דער ווילנער גאון:

„אמתים וחצי ארכו״ איז דער טייטש: צוויי און א האַלב אייל, ווען עס וואָלט אָבער געשטאַנען אָהן א ו׳: „אמתים חצי ארכו״, וואָלט שוין דאַן דער טייטש געווען: צוויי איילען — זיין האַלבע לענג, ד. ה. אַז די גאַנצע לענג האָט געהאַלטען פיער איילען. נמצא, קומט דאָך, אַלזאָ, אויס, אַז „המוסיף גורע״, אַז דערמיט, וואָס דער פסוק האָט מוסיף געווען א ו׳ און געשריבען „וחצי״, בעדייט עס א קלענערע מאָס...

(מכתב אליהו)

מבית ומחוץ תצפנו... (כה. יא.)

„כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אינו תלמיד חכם״ (יומא ע״ב)

און דערויף האָט מתפלל געווען דוד המלך: „אשכילך בדרך תמים מתי תבוא אלי — אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי״. נאָר דאַמאָלס וועל איך וויסען, אַז איך האָב דערגרייכט דעם דרך-תמים, ווען „אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי״, ווען ביי זיך אין שטוב, ווען קיינער זעהט נישט, וועל איך זיך אויפפיהרען מיט דער זעלבער תמימות און מיט דער זעלבער פרומקייט, אויף א האָר נישט ווייניגער, ווי צווישען מענשען...

(אורח חיים)

ופניהם איש אל אחיו... (כה. כ.)

פון די עשרת הדברות, וואָס עס ענטהאַלטען די שני לוחות הברית

בעשטעהט איין העלפט, אויף איין לוח, פון מצות שבין אדם למקום, און די צווייטע העלפט — מצות שבין אדם לחברו.

און דערויף זאָגט די תורה: „ופניהם איש אל אחיו". דאָס פנים פון איין טייל דאַרף זיין שטענדיג געווענדעט צום צווייטען טייל. זיי טאָרען זיך נישט אַראָבלאָזען פון אויג און קיינמאָל נישט גערן בעזונדער. מען קאָן נישט יוצא זיין מיט'ן אָבהיטען די מצות שבין אדם למקום אָהן די מצות שבין אדם לחברו, און דאָס זעלבע פערקעהרט...

(מלבי"ם)

ובמנורה אַרבעה גביעים משוקדים כפתריה ופרחיה... (כה. לד.)

„זה אחד מחמשה מקראות שאין להם הכרע, אין ידוע אם גביעים משוקדים, או משוקדים כפתוריה ופרחיה" (יומא נב.)

ווי אַזוי איז עס „אין לו הכרע"? אין פריהערדיגען פסוק שטעהט דאָך בפירוש: „שלשה גביעים משוקדים בקנה אחד", און דאַן נאָך אַמאָל: „ושלשה גביעים משוקדים בקנה האחד", פון וואָס עס איז דאָך קלאָר, אַז דאָס וואָרט „משוקדים" געהט־אַרויף אויף די גביעים?

נאָר מעגליך, אַז דער ספק נעהמט זיך דערפון, ווייל אינ'ם לעצטען פסוק איז דער טראָפּ אויפ'ן „גביעים" אַ אתנחתא, לייענענדיג: „ובמנורה אַרבעה גביעים", און דאַן, אַלס בעזונדערער זאַץ — „משוקדים כפתוריה ופרחיה".

(רבי מנחם קרענגיל)

ככר זהב טהור יעשה אותה, את כל הכלים האלה... (כה. לט.)

אין פיוט „אַזהרות" פון יום א' לשבועות ווערט געזאָגט: „מנורה ונרותיה, קניה גביעיה, כפתוריה ופרחיה ומחתותיה לעשות מככר זהב".

אַ פלא! אין מנחות פ"ה, אין דער פלוגתא, וועלכע כלים עס דאַרפען אַלץ געמאַכט ווערען פונ'ם ככר זהב, ווערט דאָך גאַנץ דייטליך ערקלערט, אַז וואָס ס'איז שייך די מלקחים ומחתות, זענען אַלע מודה, אַז זיי דאַרפען נישט זיין פונ'ם ככר זהב?

אַ חדוש, וואָס קיינער פון די מבארים שטעלט זיך נישט דערויף...

(בכורי אביב)

ועשית פרכת תכלת וארגמן וכו'... (כו. לא.)

„פרכת (של בית המקדש) ארכה ארבעים אמה ורחבה עשרים אמה וכו' ושלש מאות כהנים מטבילין אותה" (שקלים פרק ח' משנה ה')

נאָכוואָס עפּיס גראָד דריי הונדערט כהנים? איינִיגע מפרשים זאָגען דערויף: „לשון גוזמא", אָבער דער ווילנער גאון (ווערט געבראַכט אין תפארת ישראל) ערקלערט, אַז דאָס שטימט געִנוי לויט'ן חשבון, און נעמליך:

קוים האָט דאָס פּרוכת געהאַלטען פיערציג איילען אין דער לענג און צוואַנציג אין דער ברייט, קומט אויס, אַז פון אַלע פיער זייטען אַרום זענען געווען הונדערט און צוואַנציג איילען. די אמה פון די כלי-המקדש האָט געהאַט (ווי עס ווערט געזאָגט אין מדות) פינף טפחים. צוזאַמען, אַלזאָ — זעקס הונ־דערט טפחים. די האַנד פון אַ מענש רעכענט זיך אַ טפח. נמצא, אַז אויף צו האַלטען דאָס פרוכת, בשעת מען האָט עס טובל געווען, פון אַלע פיער זייטען אַרום, זענען דערצו נויטיג געווען דריי הונדערט כהנים — זעקס הונדערט הענד...

תְּצַוֶּה

ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך... (כז. כ)

ביי אַלע מצוות פון תרומה ווענדעט זיך די תורה רק צו די לוקחים, די נעהמערס, נישט צו די נותנים. ווייל ווען זי וואָלט זיך געווענדעט מיט דער מצוה צום נותן, וואָלט זיך דאַן דער יצר-הרע געגענגעשטעלט און וואָלט איהם נישט געלאָזט געבען, דען וואָס גרעסער די מצוה — אַלץ גרעסער איז דערביי דער יצר-הרע.

דאַגעגען אויף צו נעהמען, כאָטש עס איז אַ מצוה, איז דער יצר-הרע נישט אַזוי גרויס...

(ר' אברהם הכהן מפתח-תקוה)

להעלות נר תמיד... (כז. כ)

„מדליק עד שתהא שלהבת עולה מאליה" (רש"י)

דאַגעגען אין בהעלותך, אויפ'ן פסוק „בהעלותך את הנרות", ברענגט רש"י אַ חוץ דעם נאָך אַ צווייטען פשט: „מעלה היה לפני המנורה שעליה עומד הכהן ומטיב". פאַרוואָס ווערט דער דאָזיגער פשט אויך דאָ נישט געבראַכט?

האָט דערויף געענטפערט רבי נפתלי' הערץ סלוצקער: דער „בהעלותך את הנרות" איז געזאָגט געוואָרען צו אַלע כהנים פון אַלע דורות, דאָ אָבער, דער „ויקחו אליך שמן זית זך", בעציהט זיך בלויז אויף משה'ן, וועלכער האָט משמש געווען בעבודת המשכן אין די שבעת ימי המלואים און וועגען משה'ן זאָגען די חז"ל, אַז „היה קומתו עשר אמות" (שבת צ"ב). משה איז, אַלזאָ, געווען פיעל העכער פון דער מנורה, וועלכע האָט נאָר געהאַלטען דריי איילען, אַכצעהן טפחים, און ער האָט זיך אַבסאָלוט נישט גענויטיגט בשעת'ן אָנצינדען די מנורה אַרויפצושטייגען אויף טרעפּלעך, וממילא איז דאָ קיין אָרט נישט פאַר דעם דרש: „מעלה היה לפני המנורה שעליה היה הכהן עומד ומטיב"...

ששה משמותם על האבן האחת... (כח. י)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „שיתא מן קצת שמהתהון על מרגליא חדא".

די מפרשים מאַטערען זיך צו פערשטעהן די בעדייטונג פון די ווער־טער „קצת שמהתהון״. באמת אָבער — ערקלערט רבי מאיר שמחה דווינס־קער — איז עס גאַנץ איינפאַך. אין ירושלמי סוטה ווערט געזאָגט, אַז דער נאָמען פון יעדען שבט איז געווען איינגעטיילט אויףביידע אבנים. פון נאָמען בנימין, למשל, זענען אויף איין אבן געווען געשריבען די אותיות „בנ״ און אויפ׳ן צווייטען — „ימין״ א. אַז. וו. און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „מן קצת שמהתהון״, אויף יעדען אבן זענען געווען געשריבען בלויז אַ קצת, אַ טייל פון די נעמען.

ונשא אהרן את שמותם לפני ד׳ על שתי כתפיו לזכרון וכו׳... (כח. יב.)

דער כהן־גדול, דער מנהיג האומה, דאַרף זיך אינגאַנצען ווידמען דעם פאָלק. ער דאַרף די נעמען פון די בני ישראל טראָגען שטענדיג „על כתפיו לזכרון״, שטענדיג געדענקען אין זיי, שטענדיג זאָרגען רק לטובתם... „ונשא אהרן את משפט בני ישראל על לבו״. דער משפט און דער גורל פון די בני ישראל זאָל איהם תמיד זיין נאָהענט צום האַרצען, און נור אין דער דאָזיגער ריכטונג, צו פערבעסערען דעם אידישען גורל, דאַרפען זיין געווענדעט אַלע זיינע מעשים און האַנדלונגען... „והיה על אהרן לשרת ונשמע קולו בבואו אל הקודש״. די בגדי־כהונה און דער „אצטלא דרבנן״, זאָל ער געדענקען, זענען איהם געגעבען געוואָרען, נישט בכדי צו שטאָלצירען דערמיט און זיך גרויס צו האַלטען איבער׳ן צבור, נאָר — „והיה על אהרן לשרת״, די דאָזיגע קליידער לעגען אַרויף אויף איהם די פליכט צו זיין אַ משרת פאַר׳ן פאָלק, צו דיענען איהם מיט אַלע מעגליכקייטען, „לא שררה אני נותן לך, אלא עבדות״, און נור דאַן — ונשמע קולו בבואו אל הקדש״, וועט זיין קול געהערט ווערען, וועט ער געוואונען ביי אַלעמען צוטרוי און אַכטונג און זיינע רייד וועלען די געהעריגע ווירקונג האָבען...

(רעיונות וחמד לדרוש)

ועשית ציץ זהב טהור וכו׳... (כח. לו.)

דערויף זאָגען די חז״ל: „ציץ מכפר על עזות פנים״ (זבחים פ״ח).

ווערט דערויף געפרעגט אין כלי יקר: אין אַ ווייטערען פסוק ווערט דאָך בפירוש געזאָגט, אַז „והיה על מצח אהרן ונשא אהרן את עון הקדשים אשר יקדישו בני ישראל״, אַז דער ציץ איז גאָר מכפר אויף די זינד פון קדשים, וועלכע מען האָט מקריב געווען בטומאה?

— עס איז היינו הך — האָט דערויף געענטפערט בדרך הלצה רבי

אליעזר דזשיקאָווער — דער ציץ איז טאַקי מכפר אויף עזות-מצח, זוכען אָבער דאַרף מען דאָס עזות בעיקר ביי די „קדשי בני ישראל״, ביי די „כלי קדש״ און די „בנן של קדושים״, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער ברייטקייט און שאַרפקייט און זיי נויטיגען זיך דעריבער אַממעהרסטען אין אַ כפרה אויפ'ן דאָזיגען חטא...

דער ראַוואער רב, רבי לוי יצחק שור, פלעגט זאָגען:

מיר זאָגען יעדען טאָג: „יהי רצון שתצילנו היום ובכל יום מעזי פנים ומעזות פנים״. וואָס עפּיס צוויי מאָל? וואָס איז דען דער אונטערשיעד פון „עזי פנים״ ביז „עזות פנים״?

נאָר „עזי פנים״ מיינט מען אָרימע עזות-פנים'ער און „עזות פנים״ — די גבירישע עזות-פנים'ער, אויף וועלכע עס ווערט געזאָגט: „ועשיר יענה עזות״, זיי זענען דער עזות אַליין, און פון זיי זיך אויסצוהיטען איז נויטיג אַ בעזונדערע תפלה...

„שלשה עזין הן, ישראל באומות, כלב בחיות, תרנגול בעופות״ (ביצה כ״ה)

וועגען כלב דריקען זיך אויס די חז״ל: „לית עניא מכלבא״ (שבת קנ״ה). און פונדעסטוועגען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז אָרים, דאָך איז ער אַן עזות-פנים, און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין פון מאמר: „בעקבתא דמשיחא חוצפה יסגי, פני הדור כפני הכלב״ (סוטה מ״ט). הגם, הייסט עס, דער עולם וועט דאַמאָלס זיין פעראָרימט, דען „אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס״, פונדעסטוועגען וועט זיין חוצפה יסגי, וועט דער דור זיין פול מיט עזות-פנים'ער — „כפני הכלב״, פונקט ווי די כלבים, וואָס כאָטש זיי זענען אָרים, דאָך זענען זיי גרויסע מחוצפים...

(לב דוד)

ר' נתן פרידלאַנד איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעדטעל דרש'ענען פאַר חבת ציון. אין שוהל האָט ער אָבער אָנגעטראָפען אויף איינעם פון די גבאים, אַ גרויסער עזות-פנים, וועלכער האָט זיך געגענגעשטעלט, געמאַכט אַוואַנ-טורעס און נישט געלאָזט איהם האַלטען די דרשה.

— צי דער דאָזיגער איד — פרעגט פרידלאַנד ביי איינעם פון די בעלי-בתים — איז טאַקי אַזאַ גרויסער נגיד, וואָס ער רעדט אַזוי עזות'דיג?

ענטפערט מען איהם, אַז לאַו דוקא, ער איז גאַנץ ווייט פון עשירות.

— רבותי — ווענדעט זיך דאַן פרידלאַנד צום עולם — נור עטליכע ווערטער... די גמרא זאָגט: „מדחציף כולי האי שמע מינה ממזר הוא״. וואָס עפּיס „מדחציף כולי האי״? נאָר, פערשטעהט איהר מיך, ווען איינער איז

אזוי פיעל עזות-פנים, וויפיעל ער איז עושר, מילא, קומט עס איהם, דען „עשיר יענה עזות", אבער — מדחציף כולי האי", ווען ער איז אבער א סך א גרעסערער עזות-פנים, ווי עושר, שמע מינה, איז דערפון געדרונגען, אז זיין עזות שטאמט נישט פון עשירות, גאר פון עפיס אנדערש...

אנמערקונג פון זאמלער: דער מאמר „מדחציף כולי האי" געפינט זיך אין בבא מציעא פ"ג, אבער דארט איז דער נוסח: „מדחציף כולי האי שמע מינה רשיעא הוא".

דער פערגלייך פון א חצוף צו א ממזר איז פאראהאן בלויז אין מס' כלה, וואו עס ווערט געזאגט: „עז פנים, רבי אליעזר אומר ממזר, רבי יהושע אומר בן הנדה".

דאגעגען א מאמר „מדחציף כולי האי שמע מינה ממזר הוא", כאטש ער איז ביי אלעמען אזוי פאפולער און אנגענומען, געפינט זיך נישט, דוכט זיך, אין ערגיץ...

„עז פנים לגיהנם וכו' ותן חלקנו בתורתך"... (אבות ה' כ"ג)

וואס פאר א המשך האט דא דער אויספיהר: „ותן חלקנו בתורתך"? נאר די גמרא זאגט: „לא נתנה תורה לישראל אלא מפני שעזים הם" (ביצה כ"ח). בעטען מיר, אלזא: „ותן חלקנו בתורתך", אויב ס'איז אונז יא בעשערט צו האבען אין זיך אביסעל עזות, טא זאל דאס חלק עזות אויסגענוצט ווערען בתורתך, צום לערנען, לשם-שמים...

(רבי יעקב עמדין)

ופתחת עליו פתוחי חתם קדש לד'... (כח. לו.)

„שלשה מפתחות — זאגען די חז"ל — בידו של הקב"ה שלא נמסרו ביד שליח, ואלו הן, מפתח של גשמים, מפתח של חיה (יולדת) ומפתח של תחיית המתים" (תענית ב')

און דאס — בעמערקט דערויף דער ווילנער גאון — איז מרומז דא אין פסוק: פתוחי חתם — די מפתחות פון חת"ם (חיה תחיה, מטר) — קדש לד', קיין שום מלאך און קיין שום שליח האט איבער זיי קיין שליטה נישט...

ונשא אהרן את עון הקדשים... (כח. לח.)

דער בעקאנטער גאון רבי זרח מייזליש, וועלכער האט געוואוינט אין פראג, האט אמאל פארגעווארפען דעם נודע-ביהודה, מיט וועלכען ער האט נישט געלעבט בשלום, מחמת ער האט געזאלט זיין רב אויפ'ן נודע-ביהודה'ס

אָרט, באשר ער גיט ווייניג השגחה אויף דער שטאָדט, דער עולם איז נישט פרום און עס ווערען זעהר פיעל זינדיגע מעשים בעגאַנגען.

— טאָ וואָס קען איך טהון דערצו? — ענטפערט איהם דער נודע ביהודה — אויך איהר זיצט דאָך אין פראַג און הלמאַי זאָל איך פאַר פרעמדע זינד מעהר פעראַנטוואָרטליך זיין פון אייך?

— געוויס זענט איהר מעהר פעראַנטוואָרטליך — בייזערט זיך רבי זרח— איהר נעהמט געלד און עס שטעהט בפירוש אין פסוק: „ונשא אהרן את עון הקדשים וכו׳ לכל מתנות קדשיהם״. דער, וואָס געניסט פון די „מתנות קדשיהם״, דער דאַרף טראָגען אויף זיך די „עון הקדשים״...

רבי יאָשע בער בריסקער פלעגט זאָגען: לעולם דאַרפען די בעלי־הבתים פון דער שטאָדט פונקט אַזוי זאָרגען פאַר׳ן אידישקייט, ווי דער רב, דער חילוק צווישען זיי איז בלויז, וואָס די בעלי־בתים זענען שומרי חנם און דער רב איז אַ שומר־שכר...

ומלאת את ידם... (כח. מא.)

וועגען דער בעדייטונג פון די ווערטער „ומלאת את ידם״ ווערען געגעבען פערשיעדענע פשטים (זעה רש״י און רמב״ן). באמת אָבער, ווי עס איז צו זעהען אין תנ״ך, ווערט דער אויסדרוק „מלואת ידים״ געברויכט אינ׳ם זין פון התחזקות, ערמוטערען, אַריינגעבען מוט, ווי: „מלאו ידיכם היום לד׳״ (תשא לב. כט.), וואו די בני לוי זענען אויפגעפאָדערט געוואָרען נישט אָבצושרעקען זיך און „והרגו איש את אחיו״. ביי אהרן ווערט געזאָגט, אַז ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צוצוטרעטען אין די שבעת ימי המלואים צו דער עבודה, ווי עס ווערט גע׳דרשנ׳ט אויפ׳ן פסוק: „ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח״ (שמיני ט. ז.): „שהיה אהרן בוש וירא לגשת״, און מען האָט איהם דעריבער געדאַרפט מחזק זיין, צוגעבען מוט און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „ומלאת את ידם״...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

לא תעלו עליו קטורת זרה... (ל. ט.)

אויך אויפ׳ן דאָזיגען פסוק איז פאַרהאַן אַן אונפערשטענדליכע שטעלע אין תרגום יונתן, וואו עס ווערט דערויף געזאָגט: „לא תסקון עלוי קטרת בוסמין דעממין נוכראין״. וואונדערען זיך אַלע און פרעגען: צי דען נור קטרת פון עכו״ם, פון „עממין נוכראין״, איז פסול, עס איז דאָך איבער־הויבט פסול ווען מען נעהמט עס פון אַ זר, אַפילו פון אַ ישראל?

נאָר, ווי עס ווייזט אויס, איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות. עס טרעפט אָפט, בעמערקט דער רמב״ן אין אַנ׳אָרט, אַז די מדפיסים פערבייטען אַ ס׳ אויף אַ ע׳ (אָנשטאָט אַ ס׳ נעהמט ער אַרויס עפ״י טעות פונ׳ם זאַץ-קאַסטען דאָס נעכסטע אות, וואָס ליעגט דערנעבען). דאָס זעלבע שרייבט אויך רבי יצחק אריה די מודינא אין זיין ספר וועגען זכרון, „לב אריה״, און אויך דאָ, אַלזאָ, דאַרף זיין באמת, נישט „בוסמין דעממין נוכראין״, נאָר „בוסמין דסממין נוכראין״, עס הייסט, אַז מען טאָר נישט בענוצען קיין קטרת פון סַמים זרים.

(ספר ינחנו)

כִּי תִשָּׂא

כי תשא את ראש בני ישראל... (ל. יב.)

פאַרוואָס עפּיס ווערט דאָס צעהלען אויסגעדריקט מיט די ווערטער „תשא את ראש״? ווייל בשעת אַ צעהלונג איז יעדער איינער, בשעת מען רופט אויס זיין נאָמען, הויבט ער אויף העכער דעם קאָפּ, כדי דער צעהלער זאָל איהם בעמערקען און זעהן, אַז ער געפינט זיך אויפ׳ן פּלאַץ...

(רבי יוסף אבן כספי)

דער בעריהמטער גאון און מחבר פון „מנחת עני״, איז געווען רב אין אונגאַרישען שטעדטעל, מיקלאַש, וועלכע איז עפּ״י רוב בעשטאַנען פון בעלי־עבירה׳ניקעס און מחללי־שבת. פרעגט איהם אַמאָל אַ דורכפאָהרענדער רב: היתכן, ווי קומט עס, אַז אַזאַ פריי שטעדטעל זאָל פאַר זיך אויסקלויבען דוקא אַזאַ פרומען רב? ענטפערט איהם דערויף דער בעל „מנחת עני״:

די אידען פון מיין שטעדטעל האַלטען זיך ביים כלל, אַז „כי תשא את ראש בני ישראל״, אַז מען געהט אויסוועהלען פאַר זיך אַ ראש, אַ רב, „ונתנו איש כופר נפשו״, זאָל מען וועהלען אַזעלכען, וועלכער זאָל זיין פאַר יעדען איינעם פון זיי אַ „כופר נפש״, אַן אויסלייזונג פאַר זייערע חטאים, און ווייל מיקלאַש איז פול מיט עבירות, האָבען זיי דעריבער געזוכט אַ רב אַ גאַר גרויסען צדיק, וועלכער זאָל האָבען „ברייטע פּלייצעס״ צו נעהמען אויף זיך אַלע זייערע זינד...

(דעת זקנים)

זה יתנו... (ל. יג.)

„הראה לו כמין מטבע של אש וכו׳ ואמר לו כזה יתנו״ (רש״י)

וואָס איז דאָ אַזוי שווער געווען פאַר משה׳ן צו פערשטעהען, אַז השי״ת האָט איהם אַזש געמוזט ווייזען: כזה יתנו?

נאָר משה׳ן איז אויסגעקומען זעהר וואונדערליך, אַז אַ מחצית־השקל, אַ פּשוט׳ע מטבע, זאָל זיין בכח צו דינען אַלס כופר נפש, אַלס אויס-

לייזונג פאַר די מענשליכע חטאים, און נישט אַנדערש — האָט ער דערביי געקלערט — אַז דאָס ווערט אַוודאי ׳געזאָגט בדרך-רמז: שקל הקודש מיינט מען תשובה, סגופים וכדומה... האָט איהם דעריבער השי״ת געוויזען: כזה יתנו! אַ פשוט׳ע מטבע, אָהן שום רמזים און אָהן שום קונצען, טאַקי געלד, צדקה ממש!... (רבי אַברהם הכהן שוואַרץ)

העשיר לא ירבה... (ל. טו.)

דעריבער האָט די תורה געדאַרפט דאָ אָנזאָגען, אַז „העשיר לא ירבה״, ווייל עפ״י שכל וואָלט דער עושר געדאַרפט געבען מעהר, נישט-נאָר ווייל ער איז רייך און האָט מעהר געלד, נאָר אויך ווייל ער זינדיגט מעהר און ער נויטיגט זיך דעריבער אין אַ גרעסערען „כופר-נפש״, ווי דער אָרימאַן... (באר יצחק)

קח לך סמים נטף ושחלת וחלבנה וכו׳... (ל. לד.)

דער פשוט׳ער טעם פון דער דאָזיגער מצוה איז, ווייל מען האָט יעדען טאָג מקריב געווען במקום המקדש זעהר פיעל בהמות, דאָס פלייש איז געוואָרען געשניטען און פערברענט און מען האָט געוואַשען די קרבים ומעיים, און דעריבער האָט די תורה געהייסען, מען זאָל דאָרט צוויי מאָל אין טאָג מקטיר זיין קטורת פון פערשידענע בשמים, כדי צו פערטרייבען דעם שלעכטען ריח און דעזינפעקציאָנירען די בגדי הכהנים... (מורה-נבוכים מאמר ג׳ פמ״ה)

נטף ושחלת וחלבנה...

„כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינה תענית, שהרי חלבנה ריחה רע ומנאה הכתוב עם סממני קטרת״ (כריתות ו׳)

נאָכוואָס עפּיס זענען דערביי נויטיג פושעי-ישראל? ווייל עס איז פאַרהאַן אַ מאן דאמר, אַז אַ „היושב בתענית נקרא חוטא״, אַז עס איז אַ חטא צו פייניגען זיך און צו פאַסטען, פונקט ווי אויך נזירות איז גלייכצייטיג אַ חטא, אויף וועלכען מען דאַרף אַ קרבן ברענגען, „לפי שהזיר את עצמו מן היין״. אויב אָבער פושעי-ישראל בעטייליגען זיך אין תענית — מעג מען שוין דאַמאָלס פאַסטען, דאַמאָלס איז שוין דער תענית חל אויף דעם גופא טאָג, וואָס עס זענען פאַרהאַן צווישען אונז ר״ל פושעי ישראל און וואָס — „כל ישראל ערבים זה בזה״... (כלי יקר)

את שבתותי תשמרו... (לא. יג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מכילתא: „אין לי אלא דברים שהם משום מלאכה, דברים שהם משום שבות מנין? תלמוד לומר את שבתותי תשמרו, להביא דברים שהם משום שבות".

פרעגט מען: פונוואַנען איז עס פונ'ם „את שבתותי תשמרו" אַ ראיה, אַז מען איז חייב אַפילו אויף אַ שבות?

האָט געענטפערט דערויף דער רבי ר' העשיל:

דער איסור פון שבות בעשטעהט נישט פון טהון אַליין אַ מלאכה (דאָס איז דאָך אסור מדאורייתא!), נאָר פון דבור, פון „אמירה לנכרי", הייסענדיג אַ צווייטען טהון אַ מלאכה אום שבת, און דאָס טאַקי איז מדויק אין „את שבתותי תשמרו", פון וועלכען דער פשוט'ער טייטש איז: איהר זאָלט אָבהיטען מיינע רוה-טעג, איהר זאָלט רוהען אַזוי, ווי איך האָב גערוהט, און ביי השי"ת איז דאָך די רוה בעשטאַנען פון דבור, דען — „בדבר ד' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם"...

לוחות אבן כתובים באצבע אלקים... (לא. יח.)

דער אויסדרוק „אצבע אלקים" האָט אומעדום, אין גאַנץ תנ"ך, די בעדייטונג: אַ זאַך, וואָס איז פאַר אַלעמען קלאָר און בעשיינפערליך, ווי: „ויאמרו החרטומים אל פרעה אצבע אלקים הוא", מען זעהט דייטליך, אָהן שום צווייפעל, אַז עס איז אַ געטליכע זאַך, און דאָס איז אויך דער פשט פון „לוחות אבן כתובים באצבע אלקים", אַלע האָבען געזעהען, אַז די לוחות זענען, חלילה, נישט קיין מענשליכע אַרבייט, נאָר זיי זענען געגעבען געוואָרען פון גאָט.

(רבי צבי הירש קאַלישער)

ויקהל העם על אהרן ויאמרו אליו קום עשה לנו אלהים... (לב. א.)

פרעגען אַלע מפרשים: פאַרוואָס האָט זיך אהרן נישט מוסר נפש געווען אויף קידוש-השם, דער דין איז דאָך ביי עבודה-זרה: „יהרג ואל יעבור"?

האָט דערויף געענטפערט דער חידושי הרי"ם, אַז „יהרג ואל יעבור" איז געזאָגט געוואָרען נאָר אין פאַל, ווען מען צווינגט יענעם צו דינען עבודה-זרה, אָבער נישט ווען מען פאָדערט פון איהם, ווי דאָ ביי אהרנ'ען — צו מאַכען אַנ'עבודה-זרה...

די דאָזיגע ערקלערונג ווערט, אַגב, שוין געבראַכט אין אור-החיים אויפ'ן פסוק „מה עשה לך העם הזה" און נעמליך: „לצד שאוסר מעשה ע"ז לאחרים אינו אלא בלאו מלקות ואין זה מדברים שנאמר בהם יהרג ואל יעבור וכו'".

נאָך דער פטירה פון רבי שמואל מאָהילעווער איז אויפ'ן ביאַליסטאָקער רבנות אַרויסגעשטעלט געוואָרען די קאַנדידאַטור פון בעקאַנטען גאון רבי מאיר שמחה דווינסקער, וועלכער שטאַמט אַליין פון ביאַליסטאָק, אָבער די שטאָדט האָט נישט געוואָלט. האָט רבי מאיר שמחה דאַן געזאָגט:

עס שטעהט, אַז די אידען זענען געקומען צו אהרנ'ען און געזאָגט צו איהם: „עשה לנו אלהים וכו' כי זה משה האיש וכו' לא ידענו מה היה לו". איז דאָך אייגענטליך קשה: צי דערפאַר, וואָס משה איז נישטאָ, דאַרף מען שוין דעריבער נעהמען אַ קאַלב, זיי האָבען דאָך געקענט בעשטימען אַהרנ'ען אויף זיין אָרט? נאָר, ווייזט אויס, אַז דאָס איז שוין אַן'אַלטע טבע ביי אידען: בעסער אַ קאַלב פון דער פרעמד, איידער אַן'אהרן פון דער היים...

אַודאי — פלעגט זאָגען רבי אייזשע סלאָנימער — האָבען די אידען מיט'ן מעשה-העגל שטאַרק געזינדיגט, פונדעסטוועגען מוז מען מודה זיין, אַז זיי זענען נאָך אַלץ געשטאַנען העכער פון די היינטיגע אידען.

יענע אידען זענען געווען גרייט אָבצוזאָגען זיך פון זייער גאָלד און זילבער, אַבי צו האָבען אַ גאָט, און היינט זענען אידען, בעוונותינו הרבים, גרייט אָבצוזאָגען זיך חלילה פון גאָט, אַבי צו האָבען גאָלד און זילבער...

לך רד כי שחת עמך... (לב. ז.)

אַ וואונדערליכען מאמר געפינען מיר אויפ'ן דאָזיגען פסוק אין מדרש רבה (פרשה ט"ו):

בשעת הקב"ה האָט געזאָגט צו משה'ן: „לך רד כי שחת עמך", האָט משה געהאַלטען די לוחות און ער האָט נישט געגלויבט, אַז די אידען האָבען געזינדיגט, זאָגענדיג: „אם איני רואה איני מאמין", אויב איך וועל נישט זעהען, וועל איך נישט גלויבען, ווי אין פסוק שטעהט: „ויהי כאשר קרב משה אל המחנה וכו'", ער האָט פריהער די לוחות נישט צובראָכען, ביז ער האָט מיט זיינע אויגען געזעהען... וועה צו די יעניגע מענשען, וועלכע זאָגען עדות אויף זאַכען, וואָס זיי זעהען אַליין נישט. האָט דען אפשר משה נישט געגלויבט דעם אויבערשטען, בשעת ער האָט איהם געזאָגט: „כי שחת עמך"? נאָר משה האָט דערמיט געוואָלט לערנען די אידען דרך-ארץ, אַז

װען אַפּילו אַ מענש װעט הערען אַ זאַך פון דעם בעגלױבסטען יחיד, זאָל ער דאָס עדות נישט מקבל זײן און נישט אױספיהרען אױף דעם גרונד קײן אורטײל, ביז ער װעט נישט זעהן און זיך אַלײן דערין איבערצײגען...

ואעשה אותך לגוי גדול... (לב. י.)

פאַרהאַן אַ מדרש פליאה: „כששמע משה מפי הגבורה אנכי ד׳ אלקיך בירך ברוך שלא עשני גוי״.

דער זין פונ׳ם דאָזיגען מאמר, װעלכער זעהט אױס אין פלוג אומפערשטענדליך, איז:

די חז״ל זאָגען, אַז בשעת משה האָט געהערט פון השי״ת די װערטער: „ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם ואעשה אותך לגוי גדול״, האָט ער ממליץ געװען אױף די אידען און גע׳טענה׳ט: „אנכי ד׳ אלקיך לי אמרת ולא להם״, די אידען זענען, הײסט עס, נישט מחויב געװען מקיים צו זײן דעם געבאָט פון „אנכי״, װײל זײ האָבען געהאַט דאָס רעכט צו מײנען, אַז ער איז געזאָגט געװאָרען בלשון-יחיד, בלױז צו משה׳ן אַלײן.

און דאָס, אַלזאָ, איז די כונה פון מדרש: „כששמע משה מפי הגבורה אנכי ד׳ אלקיך״, בשעת ער האָט דערהערט זאָגען: „אנכי ד׳ אלקיך״ בלשון יחיד, „בירך ברוך שלא עשני גוי״, האָט ער געמאַכט אַ ברכה און זיך געפרעהט: „שלא עשני גוי״, װאָס עס װעט צוליעב דעם נישט אױסגעפיהרט װערען דער „ויחר אפי בהם וכו׳ ואעשה אותך לגוי גדול״, דען ער װעט האָבען דאָס רעכט צו טענה׳ן צו השי״ת: „אנכי ד׳ אלקיך לי אמרת ולא להם״...

(ילקוט האורים)

כי פרעה אהרן לשמצה בקמיהם... (לב. כה.)

„להיות להם הדבר הזה לגנות בפי כל הקמים עליהם״ (רש״י)

דערמיט, װאָס די אידען האָבען געמאַכט אַן׳עגל און אָנגעהױבען דינען צו עבודה-זרה, װעלען זײ בײ די גוים נישט נושא חן זײן, נאָר פערקעהרט, זײ װעלען װערען „לשמצה בקמיהם״. מיט פעראַכטונג װעט מען זיך בעציהען צו זײ און מיט נאָכמעהר שנאה, װי פריהער, דען די גרעסטע פעראַכטונג האָבען די גוים צו יענע אידען, װעלכע בעמיהען זיך זײ נאָכצוטהון און נאָכצולױפען...

(עדני פז)

ויאספו אליו כל בני לוי... (לב. כו.)

„מכאן שכל השבט כשר" (רש"י)

ביי'ם פוילישען קעניג סטאניסלאוו אויגוסט איז געווען פינאנץ-ראט דער איד ר' ישכר בער הלוי לעהמאן. צווישען קעניג'ס מקורבים האבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האבען נישט געקענט פערטראגען, הלמאי א איד פערנעהמט אזא הויכען אמט און איינער פון זיי האט אמאל אין א שמועס מיט'ן קעניג אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג, ווי אזוי מען קען האבען צוטרוי צו א איד אין פינאנציעלע ענינים, ווערענד די אידען זענען זעהר כיטרע אויף געלד און נאך אין דער מדבר האבען זיי געדיענט צו גאלד, צום עגל-הזהב.

דערויף האט איהם דער קעניג אויגוסט, וועלכער פלעגט אפט לייענען די ביבעל, געענטפערט מיט א שמייכעל:

— מיין איד לעהמאן, דארפט איהר וויסען זיין, איז א לוי און די לויים, ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל, האבען צום עגל-הזהב נישט געדיענט. פערקעהרט, זיי האבען זיך בלוטיג נוקם געווען אין די יעניגע, וועלכע האבען געהאט צו טהון מיט'ן גאלדענעם קאלב...

ויפול מן העם ביום ההוא כשלשת אלפי איש... (לב. כח.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש רבה: „כשלשת אלפי איש, הדא הוא דכתיב חמשה בקר ישלם תחת השור".

עס איז אין פלוג אונפערשטענדליכער מאמר. וואס ווערט געמיינט דערמיט?

נאר אין מדרש רבה קהלת, אויפ'ן פסוק „אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי", ווערט גע'דרשנ'ט: „אדם אחד מאלף מצאתי — זה מעשה העגל שאחד מאלף חטא, ואשה בכל אלה, באלה אלהיך ישראל לא מצאתי, דנשים לא חטאו בעגל".

לויט'ן דאזיגען דרש, אז געזינדיגט במעשה העגל האט נאר איינער פון טויזענד, קומט, אלזא, אויס, אז פון די ששים רבוא אידען האבען בס"ה געזינדיגט זעקס הונדערט, און אויב אזוי טא פארוואס זענען פון זיי געפאלען „כשלשת אלפי איש", דריי טויזענד?

און דערויף זאגט דער מדרש: „הדא הוא דכתיב חמשה בקר ישלם תחת השור", פאר דיענען דעם עגל, דעם „תבנית שור אוכל עשב", איז דער עונש געווען, זיי זאלען בעצאהלען פינף מאל אזוי פיעל און פינף מאל זעקס הונדערט איז — „שלשת אלפי איש"...

(ווילנער גאון)

פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים... (לד. א.)

„לא העשיר משה אלא מפסלתן של לוחות, שנאמר פסל לך, פסלתן שלך יהא, אמר רבי יוחנן אין הקב"ה משרה שכינתו אלא על גבור ועשיר וחכם ועניו, וכולן ממשה" (נדרים ל"ח)

צי דען זענען גבורה און עשירות אַזעלכע מעשים טובים, אַז צוליב זיי איז דער מענש אַזש זוכה צו השראת השכינה?

נאָר פון די אַלע אויסגערעכענטע מדות איז די ווירטיגסטע באמת די מדה פון עניוות, אָבער בשעת דער עניו איז אַ קרענקליך שוואַכע בריאה, און דערצו איז ער אויך אַ קבצן און אַ שוטה, האָט זיין עניוות קיין שום ווערט נישט, וואָרום זאָל ער פרובען, אַדרבה, און זיין אַ בעל-גאוה און זיך גרויס האַלטען, מען וועט דאָך מאַכען פון איהם ליצי-ליצנות!... אַ רבותא איז, ווען דער מענש האָט זיך מיט וואָס גרויס צו האַלטען, ער איז אַ גבור, אַ נ'עושר, אַ חכם, און דאָך מאַכט ער פון זיך קיין וועזען נישט און צייכענט זיך אויס מיט עניוות — אַזאַ איינער פערדיענט, אַז די שכינה זאָל רוהען אויף איהם!...

(משל ומליצה)

עהנליך טייטשט דער דובנער מגיד: „כספו לא נתן בנשך ושוחד על נקי לא לקח, עושה אלה לא ימוט לעולם".

עס איז נישט קיין רבותא, ווען איינער ריהמט זיך, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל קיין רבית נישט גענומען, אין דער צייט, וואָס דער דאָזיגער פאַר-שוין טרויט בכלל נישט אַרויס קיין גראָשען פון האַנד און ער האָט נאָך אין זיין לעבען קיינעם קיין גמילות-חסד נישט געבאָרגט. עס איז אויך קיין רבותא נישט, ווען אַ פּראָסטער מענש, צו וועלכען עס וועט גאָר קיינעם נישט איינפאַלען צו ווענדען זיך מיט משפטים און בוררות'ן, ריהמט זיך, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גענומען קיין שוחד.

אַ רבותא איז, ווען ער איז „עושה אלה", ווען ער באָרגט געלד און פיהרט משפטים און פונדעסטוועגען האָט ער נאָך קיינמאָל נישט גענומען קיין נשך און קיין שוחד — אַזעלכען קומט געלויבט צו ווערען און אַזעלכער פערדיענט די ברכה, אַז „לא ימוט לעולם!"...

רבי ישראל'טשע ריזשינער האָט זיך אַמאָל צונויפגעטראָפען מיט רבי מאיר'ל פרימישליאַנער. דער ריזשינער האָט, כידוע, געפיהרט אַ רייכען ברייטען שטאַאַט און דער פרימישליאַנער האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז לפי דעתו, דאַרפען צדיקים נישט לעבען אין אַזאַ הרחבה. דערויף האָט איהם דער ריזשינער געענטפערט, אַז אויך משה רבינו האָט געלעבט אין עשירות, ווי

די חז״ל זאָגען און ווי רש״י ברענגט אויפ׳ן פסוק „פסל לך״ — „הראהו מחצב של סנפירינון מתוך אהלו ואמר הפסולת יהי׳ שלך ומשם נתעשר הרבה״.

רופט זיך אָן רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער:

— הייליגער ריזשינער! אויב השי״ת האָט געוויזען משה׳ן אין זיין געצעלט אַ „מחצב של סנפירינון״, אַ גאַנצע שיכט מיט ברילליאַנטען, טאָ נאָכ־וואָס האָט ער איהם געהייסען רייך ווערען פונ׳ם פסולת פון די לוחות? פונ׳ם „מחצב של סנפירינון״ האָט ער דאָך געקענט האָבען אַ סך מעהר עשירות? נאָר דער פשט איז, הגם, ער האָט איהם געוויזען אַ „מחצב של סנפירינון״ האָט ער איהם נישט געהייסען דערפון נהנה זיין, דען אַ צדיק דאַרף נישט קיין עשירות, אַ צדיק דאַרף נישט קיין ברילליאַנטען, נאָר „הפסולת יהי׳ שלך״, ערנעהרען זאָל ער זיך פון „פסולת״, פון קלייניגקייטען און — „משם נתעשר הרבה״, דען נאָר דאָס איז די אמת׳ע עשירות פאַר אַ צדיק. „איזהו עשיר— השמח בחלקו״...

וימהר משה ויקוד ארצה וישתחו... (לד. ח.)

וואָס עפּיס „וימהר״, פאַרוואָס האָט ער זיך געאיילט?

נאָר ווי משה האָט דערהערט, ווי השי״ת רעכענט אויס, אַז די זינד פון עגל וועלען איבערגעטראָגען ווערען „על בנים ועל בני בנים, על שלשים ועל רבעים״... האָט זיך משה צוגעאיילט און זיך געבוקט, כדי מפסיק צו זיין די דברי השם, דער חשבון זאָל זיך נישט ציהען נאָך ווייטער...

(יערות דבש, אויך אין כלי יקר)

ילך נא ד׳ בקרבנו כי עם קשה עורף הוא... (לד. ט.)

„והנה עם קשה עורף הוא, א״ר יקים שלשה חצופים הם, חצוף בחיה כלב, בעוף — תרנגול ובאומות—ישראל... אתה סבור שהוא לגנאי—ואינו אלא לשבחן״ (שמות רבה פ׳ מ״ב)

די מדה פון עקשנות, פון קשיות עורף, האָט איהרע שלעכטע, אָבער פיעל מעהר נאָך איהרע גוטע זייטען, און ווי מיר זעהען פון פסוק, האָט סיי השי״ת, סיי משה רבינו, זיך בענוצט מיט דער זעלבער טענה. השי״ת האָט געזאָגט: „כי לא אעלה בקרבך כי עם קשה עורף אתה!״ דערויף האָט משה רבינו געענטפערט: אַדרבה! „ילך נא ד׳ בקרבינו כי עם קשה עורף הוא!״ די מדה פון עקשנות, דאָס איז דוקא די גרויסע מעלה פון פאָלק ישראל, הגם ער מאַכט אַמאָל אַנ׳עגל, איז ער אָבער אויך גרייט, ווען מען דאַרף, זיך מוסר נפש צו זיין פאַר זיין גאָט און פאַר זיין תורה, איבערצוטראָגען די שווערסטע ענויים און נסיונות און זיך נישט אונטערצוגעבען!...

(חומר לדרוש)

וַיַּקְהֵל

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל... (לה. א)

„למחרת יום הכפורים" (רש"י)

און אין ילקוט ווערט דערויף צוגעגעבען, אז דער דאָזיגער טאָג איז געווען שבת און „מכאן אמרו, משה תקן להם לישראל שיהי׳ דורשים הלכות פסח בפסח וכו׳ הלכות שבת בשבת".

ווי־זשע איז עס מעגליך — פרעגט דערויף רבי יהודה ליב מפולנאה, א תלמיד פון בעש"ט — אז „למחרת יום הכפורים" זאָל זיין שבת? עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אז פרייטאָג זאָל אויספאַלען יום־כפור?...

*

באמת אָבער איז דאָס גאָר קיין קשיא נישט, מחמת דער דאָזיגער כלל איז נור גילטיג זינט מען האָט אָנגעהויבען קובע זיין די ימים טובים לויט׳ן חשבון העיבור, בשעת אָבער מען האָט מקדש געווען די חדשים עפ"י עדי ראיה האָט יום־כפור אויך געקענט אויספאַלען אום פרייטאָג, ווי עס איז צו זעהען בפירוש פון דער גמרא: „יוה"כ שחל להיות ערב שבת לא הי׳ תוקעין" (סוכה כ"ד) און פון פיעל אַנדערע מקומות...

דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען צוליעב שנאת־חנם, צוליעב פירוד און מחלוקת. צוטרעטענדיג, אַלזאָ, אויפצושטעלען דעם ערשטען משכן, איז דערביי דער ערשטער בעדינג געווען: — „ויקהל", קהלה אחת, איינינקייט, פרידען, אחדות!...

(אור פני משה)

ביי׳ם מאַכען אַנ׳עגל איז געווען „ויקהל העם על אהרן", האָט דאָס פאָלק זיך אַליין פערזאַמעלט, מען האָט עס נישט געדאַרפט רופען און מעורר זיין, דאַגעגען ביי׳ם מאַכען אַ משכן איז — „ויקהל משה", האָט דאָס פאָלק געוואַרט, ביז משה וועט זיי צונויפרופען און איינזאַמלען...

(אמרי נועם)

געהענדיג בויען א משכן, א מקום־קדוש — „ויקהל משה", האט משה רבינו געפינען קודם־כל פאר נויטיג איינצוזאמלען די אידען, איינצופלאנצען אין זיי אביסעל אחדות, וויסענדיג, אז א מקום־קדוש איז דער הויפט־ארט פאר פערשיעדענע מיני מחלוקת...

(דברי ישראל)

אין קארטינגא פלעגען יעדען שבת פארקומען אין דער שטאדטישער שוהל מורא'דיגע קריגערייען און ארומרייסעניש צוליעב דער פערטיילונג פון די עליות. כדי צו מאכען א סוף דערמיט האבען די גבאים איינמאל בעשלאסען, אבצושטעלען איינגאנצען די כיבודים פון די עליות און צו פערטיילען זיי אזוי ווי עס געהט, לויט דער רייה, אבער דער קארטינגער רב, רבי אליהו, האט דערצו נישט דערלאזט, ווייל — האט ער ערקלערט — אויב מען וועט מבטל מאכען די כבודים, וועלען א סך בעלי־בתים אויפהערען צו קומען אין שוהל אריין...

דאס פערטיילען די עליות לויט דער חשיבות פון די פערזאנען איז שוין געווען איינגעפיהרט בימי התלמוד, ווי עס איז צו זעהען פון דער גמרא: „אחריהן (נאכ'ן כהן און לוי) קוראין ת"ח הממונים פרנסים על הצבור, ואחריהן ת"ח הראויין למנותן פרנסים על הצבור, ואחריהן בני ת"ח שאבותיהן ממונים פרנסים על הצבור, ואחריהן ראשי כנסיות וכל אדם" (גטין ס'). דאגעגען דער מנהג צו פערקויפען די עליות פאר געלד, איז איינגעפיהרט געווארען אין א פיעל שפעטערער צייט, ווי עס איז צו זעהען פון מגן אברהם (או"ח סי' קל"ו), וואו עס ווערט געזאגט, אז אין די ערטער, וואו מען איז זיך נוהג צו פערקויפען די מצוות, קען מען אויפרופען וועמען מען וויל.

ויאמר אליהם אלה הדברים אשר צוה ד' לעשות אותם... (לה. א.)

די מצוה פון „ויקהל", פון „עשה לך קהלות", איז מען ביי אידען שטארק מקיים. צו רופען דעם עולם יעדען מאנטאג און דאנערשטאג אויף אסיפות און זיך מתווכח צו זיין וועגען פערשיעדענע פראיעקטען און פלענער — דערויף איז מען ביי אונז נישט קארג, אבער עפ"י רוב קומט מען אב בלויז מיט'ן ריידען און די פראיעקטען בלייבען אויפ'ן פאפיר, האט זיי משה דעריבער אנגעזאגט: „אלה הדברים אשר צוה ד' לעשות אותם". איהר זאלט נישט יוצא זיין רק מיט'ן ריידען, נאר עס זאל זיין אויך „לעשות אותם", די אסיפות זאלען ברענגען צו מעשים, מען זאל עפיס טהון!

(בית יעקב)

ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קדש... (לה. ב.)

אנ׳אינטערעסאַנטען מאמר, וועלכער איז זעהר אַקטועל פאַר אונזער צייט, געפינען מיר אין ירושלמי:

„טור שמעון למה חרב? שהי׳ משחקין בכדור בשבת״ (ירושלמי תענית פ״ד ה׳ ס״ט)...

אין דער פראָגער „אַלט-ניי-שוהל״ איז מען׳זיך נוהג עד-היום צו זאָגען פרייטאָג-צו-נאַכטס, נאָך קבלת שבת, צוויי מאָל דאָס קאַפּיטעל „מזמור שיר ליום השבת״. דער דאָזיגער מנהג זאָל שטאַמען פון מהר״ל׳ס צייטען און די פאָלקס-לעגענדע דערצעהלט וועגען דעם: איינמאָל פרייטאָג-צו-נאַכטס, בשעת דער מהר״ל איז געשטאַנען אין שוהל און געדאַווענט און דער חזן האָט שוין אָנגעהויבען זאָגען „מזמור שיר ליום השבת״, איז מען געקומען אַריינ-צולויפען פון גאַס מיט אַ געוואַלד, אַז דער „גולם״, וואָס דער מהר״ל האָט בעשאַפען, לויפט אַרום אַ צעווילדעוועטער איבער די גאַסען פון פראָג, וואו ער מאַכט-אָן אַ חורבן און צושטערט אַלץ, וואָס עס קומט איהם אונטער דער האַנד. דער מהר״ל איז תיכף אַרויס פון שוהל און האָט זיך געלאָזט לויפען נאָכ׳ן גולם. אָבשטעלענדיג איהם האָט ער איהם אַרויסגענומען דעם שם הקודש פון אונטער דער צונג און מאָמענטאַל איז דער גולם געבליבען ליגען אָהן אַ רוח חיים. צוריקקומענדיג אין שוהל אַריין האָט דער מהר״ל געהייסען דעם חזן נאָכאַמאָל זאָגען „מזמור שיר ליום השבת״, און פון דאַמאָלס אָן עקזיסטירט אין דער פראָגער שוהל דער מנהג צו זאָגען יעדען פרייטאָג-צו-נאַכטס צוויי מאָל דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל...

עס איז אָנגענומען ביי׳ם פאָלק, אַז פרייטאָג-צו-נאַכטס, בשעת עס הויבען זיך אָן שמעלצען אויפ׳ן טיש די אָנגעצינדענע שבת-ליכט, זאָל מען צוועקלעגען נאָהענט צו די ליכט אַ חלה, און דער המון גלויבט, אַז דאָס איז אַ סגולה, אַז די ליכט זאָלען גוט ברענען.

באמת אָבער איז דער דאָזיגער מנהג פערבינדען מיט אַ גאַנץ פשוט׳ן טעם: בשעת די ליכט שמעלצען זיך קאָן אַמאָל טרעפען, אַז עמיצער פון די בני-בית זאָל פערגעסען און אינסטינקטיוו, פון געוועהנהייט, צוריהרען זיך צו די ליכט און זיי ברענגען אין אָרדנונג. לעגט מען דעריבער אַוועק דער-נעבען אַ חלה, כדי מען זאָל זיך דערמאָהנען, אַז עס איז שבת און מען טאָר די ליכט נישט אָנריהרען...

(לקוטי צבי)

ווענען דער צייט, ווען עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די תקנה צו לייענען יעדען שבת אַ פרשה פון די נביאים, וועלכע ווערט אָנגערופען מיט'ן נאָמען „הפטורה" און וואָס עס בעדייט דאָס וואָרט „הפטורה", זענען פאַרהאַן פערשיעדענע מיינונגען. אַ טייל מיינען, אַז דאָס איז איינגעפיהרט געוואָרען גלייך נאָך חתימת ספר הנביאים. אַנדערע, ווי רבי דוד אַבודרהם, ערקלערען, אַז די דאָזיגע תקנה איז ענטשטאַנען אין דער צייט פון גריכישען קעניג אַנטיוכוס, וועלכער האָט גוזר געווען אויף די אידען נישט צו לייענען אין דער תורה, און כדי די תורה זאָל נישט פערגעסען ווערען, האָבען דעריבער די חכמים דאַן מתקן געווען, מען זאָל לייענען יעדען שבת אַ פרשה פון די נביאים, וואָס לויט איהר אינהאַלט האָט זי אין זיך עהנליכקייט צו דער סדרה פון דער וואָך, און די שונאי־ישראל, וועלכע האָבען נישט געהאַלטען די ספרי־הנביאים אַלס אַ טייל פון דער אידישער תורה, האָבען דערויף נישט מקפיד געווען, און דעריבער רופט מען עס „הפטרה", פון לשון „פטור", דערמיט האָט מען, הייסט עס, יוצא געווען און גע'פטר'ט דעם חוב פון קריאת־התורה...

נאָך אַנדערע ווילען האָבען, אַז דאָס לייענען די הפטרה האָט מען מתקן געווען געגען די צדוקים און שומרונים, וועלכע האָבען געגלויבט אין תורת-משה, אָבער נישט אין די ספרי-הנביאים, און דערמיט איז מען, אַלזאָ, אויסען געווען צו בעווייזען דעם פאָלק, אַז אויך די ספרי נביאים זענען הייליג און געהערען צו דער תורה.

אינטערעסאַנט איז, אַגב, די גאַנץ בעזונדערע און אָריגינעלע מיינונג פון רבינו תם, וועלכער ערקלערט, אַז דאָס וואָרט „מפטיר" שטאַמט פון לשון „יפטירו בשפה", אָנהויבען רעדען, דען קריאת-התורה, איז דער דין, מוז מען אויסהערען שווייגענדיג, מען טאָר נישט מפסיק זיין. דאָס וואָרט „מפטיר" בעדייט, אַלזאָ, אַז די קריאת־התורה איז געענדיגט און מען מעג שוין אָנהויבען צו רעדען...

רבי אַברהם'לע סאָכאַטשעווער איז אַמאָל געווען זומער-צייט אין נויהיים אויף קוראַציע. שבת בייטאָג, שפּאַצירענדיג אויפ'ן גאַס אין שטריימעל, שטעלט איהם אָב דער דאָרטיגער ראַבינער מיט פערוואונדערונג:

— רבי — מאַכט ער — נאָכוואָס טראָגט איהר אין אַזאַ הייסען טאָג אַזאַ וואַרימען פוטער-הוט?

— דערפאַר — ענטפערט איהם רבי אַברהם'לע — ווייל דער שבת איז ביי אייך זעהר קאַלט...

ויבאו האנשים על הנשים כל נדיב לב... (לה. כב.)

אין מס׳ שקלים פרעגען די חז״ל: פארוואס ביי׳ם עגל איז „ויתפרקו כל העם״, האט געגעבען דאס גאנצע פאלק, דאגעגען ביי׳ם משכן האבען בלויז געגעבען „כל נדיב לב״, נאר יחידים, די נדיבים? און דערויף ענט-פערט די גמרא: „ישראל קדושים הם, נתבעין לעגל ונתנו, נתבעין למשכן ונתנו״.

און מיט וואס, אייגענטליך, איז שוין דערמיט פערענטפערט די פריהער׳-דיגע קשיא, פארוואס אויפ׳ן עגל האט געגעבען „כל העם״ און אויפ׳ן משכן נאר „כל נדיב לב״?

האט געזאגט דערויף דער לובלינער רב, רבי מאיר שפירא: עס פאַ-סירט גאנץ אפט ביי פערשיעדענע אקציעס און געלד-זאמלונגען, רעדט מען איין די נותנים, אז דאס געלד געהט אויף א דבר שבקדושה, אויף א שטרענג רעליגיעזע, אדער נאציאנאלע זאך, און שפעטער זעהען זיי זיך ארום, אז מען האט זיי גענארט, אז די געזאמעלטע געלדער זענען פערוועגדעט געווארען אויף גאר אנדערע צוועקען, און אזוי איז אויך געווען ביי׳ם עגל: נישט אלע אידען האבען געוואוסט, אז מען זאמעלט געלד אויף א קאלב, אויף אנ׳אבגאט, מען האט זיי איינגערעדט, אז „אלה אלהיך ישראל״, אז דאס איז גאר פאר גאטס וועגען, האט דעריבער דאס גאנצע פאלק געגעבען. דערזעהענדיג אבער שפעטער, אז מען האט זיי מיאוס אבגענארט, איז בשעת מען איז געקומען צו זיי זאמלען געלד אויפ׳ן משכן, האבען זיי שוין מורא געהאט צו געבען, טאמער נארט מען זיי ווידער אב... און געגעבען האבען דאס מאל בלויז די „נדיבי לב״.

וכל אשה חכמת לב בידיה טוו וכו׳... (לה. כה.)

די בעסערע פרויען, די קלוגע, די סאלידע, די בעשיידענע, זיי האבען געבראכט פארטיגע געוועב פון כל טוב — „את התכלת ואת הארגמן את תולעת השני ואת השש״. דאגעגען „וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה״, די, וועלכע האבען שטאלצירט און געריהמט זיך מיט דער חכמה, וועלכע האבען גערעדט א סך און האבען געפילדערט און געטומעלט מיט זייער צדקה, זיי האבען סוף כל סוף געבראכט נישט מעהר, ווי — „מטוה עזים״...

און א סברא, אז דאס אויך נישט. דען ביי די ערשטע פרויען שטעהט: „ויביאו מטוה את התכלת ואת הארגמן וכו׳, דא אבער ווערט נישט דער-מאהנט דאסווארט „ויביאו״, נאר סתם—„טוו את העזים״, זיי האבען געשפי-נען, אבער עס נישט אוועקגעגעבען...

(מלאכת מחשבת)

וכל הנשים אֲשר נשא לבן וכו׳... (לה. כו.)

רבי ישעיה׳לע פראַגער האָט געהאַט אַ ווייב אַ מרשעת, וועלכע איז דערצו געווען מורא׳דיג פרום, רק זי איז געזעסען איבער׳ן סידור און געזאָגט. האָט ער געוואָלט עסען — האָט זי געזאָגט תהלים; האָט ער געבעטען אַ גלאָז טהיי — האָט זי געהאַלטען אין מיטען מעמדות, און אַז ער פלעגט זיך קלאָגען אויף איהר אויפפיהרונג, פלעגט זי איהם אָבענטפערען מיט כעס, אַז מחמת דעם, וואָס זי איז עוסק במצוות, איז זי פטור פון צו פאָלגען דעם מאַן. דערויף האָט איהר רבי ישעיה׳לע אָנגעוויזען, אַז אויפ׳ן פסוק „וכל הנשים אשר נשא לבן" ווערט געזאָגט: „שנים במסורה, וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה טוו את העזים — וכל הנשים יתנו יקר לבעליהן", אַז אַפילו אין דער צייט פון „טוו את העזים", ווען ווייבער האָבען עוסק געווען אין דער מצוה פון מלאכת המשכן, דאָך „וכל הנשים יתנו יקר לבעליהן", האָבען זיי גלייכצייטיג פונדעסטוועגען אויך געפאָלגט די מענער...

ראו קרא ד׳ בשם בצלאל... (לה. ל.)

דערפון דרינגען די חז״ל, אַז „אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכים בצבור" (ברכות נ״ה).

די מפרשים בעמיהען זיך צו ערקלערען אויף פערשיעדענע אופנים, ווי אַזוי עס איז פונ׳ם דאָזיגען פסוק געדרינגען, אַז בצלאל איז בעשטימט געוואָרען מיט דער הסכמה פון פאָלק, אָבער רבי אַברהם סבע הספרדי ווייזט אָן גאַנץ איינפאַך, אַז דאָס איז משמע פון וואָרט „רְאוּ". זעהט — האָט זיך משה געווענדעט צו די אידען — אָט דאָס איז דער קאַנדידאַט! און איהר דאַרפט זאָגען אייער מיינונג, צי איהר זענט מסכים אויף איהם...

ויקרא משה אל בצלאל ואל אהליאב ואל כל איש חכם לב... (לו. ב.)

דער לאָדזער רב, רבי אליהו חיים מייזעל, האָט אַמאָל צונויפגערופען אַן׳אַסיפה פון פערשיעדענע כלל-טהוער, אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצוהויבען אַ זאַמעל-אַקציע אויף אַ געוויסען פילאַנטראָפּישען צוועק. אַרומגעהענדיג נאָכהער צו די לאָדזער גבירים נאָך געלד איז ער אויך אַריינגעגאַנגען צו פּאָזנאַנסקי׳ן, וועלכער האָט, דערהערענדיג וועגען דער צונויפגערופענער אַסיפה און וועגען דעם בעשלוס, וואָס זי האָט אָנגענומען, זיך שטאַרק בעליידיגט׃

— היתכן — מאַכט ער — נאָך געלד קומט איהר צו מיר, דאַגעגען אויף די אַסיפות רופט איהר אַנדערע, פאַרוואָס האָט איהר אויך מיך נישט איינגעלאַדען?

ענטפערט איהם רבי אלי׳ חיים:

— אויך משה רבינו — דערצעהלט אונז די תורה — האָט זיך אַזוי געפיהרט. בשעת משה האָט גענומען דורכפיהרען די זאַמעל־אַקציע פאַר׳ן משכן, האָט ער קיינעם פערזענליך נישט איינגעלאַדען, נאָר ער האָט אויס־גערופען סתם: „כל נדיב לבו יביאו״, אַז די נדבנים, די גבירים, זאָלען ברענגען געלד און „וכל חכם לב בכם יבואו ויעשו״, און די כלל־טהוער זאָלען קומען און מיטהעלפען אין דער אַרבייט. וואָס־זשע אָבער האָט זיך נאָכהער אַרויסגעוויזען? עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די כלל־טהוער זענען מעהר גייציגער נאָך כבוד, ווי די גבירים, מחמת וועגען די גבירים, די נדבנים, דערצעהלט אונז דער פסוק, אַז „ויבואו כל איש אשר נשאו לבו וכל אשר נדבה רוחו אותו הביאו וכו׳, אַז זיי זענען געקומען און האָבען געבראַכט זייערע נדבות, כאָטש מען האָט זיי פערזענליך נישט איינגעלאַדען, דאַגעגען די „חכמי לב״, די כלל־טהוער, זענען געבליבען זיצען אין דער היים און פריהער נישט געקומען ביז — „ויקרא משה אל בצלאל ואל אהליאב ואל כל איש חכם לב״, מען האָט יעדען פון זיי געמוזט פערזענליך איינלאַדען.

— די אמת׳ע נדיבי־לב — האָט רבי אלי׳ אויסגעפיהרט — וועלכע פער־נעהמען זיך נישט בלויז מיט כלל־טהועריי, נאָר זיי געבען טאַקי געלד, זיי דאַרפען נישט קיין ספּעציעלע איינלאַדונגען...

דעריבער זענען די חכמי־לב אַליין נישט געקומען און האָבען געוואַרט, ביז משה וועט זיי איטליכען בעזונדער רופען, ווייל דער אמת׳ער חכם־לב ווייסט נישט, אַז ער איז אַ חכם־לב און אַז דאָס מיינט מען איהם...

(קטורת סמים)

ויצו משה ויעבירו קול במחנה וכו׳ אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקדש... (לו. ו.)

אַזאַ פעראָרדנונג, אַז מען זאָל נישט ברענגען מעהר קיין געלד און קיין זילבער, דען מען נויטיגט זיך נישט מעהר דערין — אַזאַ בעפעהל צום פאָלק האָט נאָך קיין שום מושל און קיין שום הערשער נישט אַרויסגעגעבען!...

(רמב״ן)

איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה... (לו. ו)

„אל יעשו עוד מלאכה״ מיינט מען נישט די מלאכת המשכן. די דאָזיגע אַרבייט איז נישט אָבגעשטעלט געוואָרען, פערקעהרט, ווי עס איז צו זעהן פון די ווייטערע פסוקים, האָט זי זיך ערשט אָנגעהויבען. נאָר מען מיינט, מען זאָל מעהר קיין געלד נישט ברענגען און דאָס וואָרט „מלאכה״ בעדייט: געלד, ווי מיר געפינען אין פסוק: „אם לא שלח ידו במלאכת רעהו״, פון וועלכען דעה פשט איז, אַז ער האָט נישט צוגעריהרט זיין האַנד צו פרעמד אייגענטום...

(פי׳ הטור על התורה)

ויצו משה ויעבירו קול במחנה וכו׳ ויכלא העם מהביא... (לו. ו)

מיט׳ן מאָמענט, ווען עס איז אויסגערופען געוואָרען: „איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקודש״ און עס איז אָבגעשטעלט געוואָרען די אַרבייט אַרום משכן, דאַן — „ויכלא העם מהביא״, האָט דאָס פאָלק אויפגעהערט געלד צו געבען. דאָס פאָלק איז נאָר דאַמאָלס בעגייסטערט און טראָגט נדבות, ווען עס הערט, ווי דער האַמער קלאַפּט, ווען עס זעהט, ווי פאַר דעם געלד ווערט עפּיס אויפגעטהון, געאַרבייט, געשאַפען, געבויט. זעהט עס נישט קיין ממשות׳דיגע אַרבייט — הערט עס אויף געלד צו געבען...

(רבי מענדעלי רימאַנאָווער)

פְּקוּדֵי

אלה פקודי המשכן... (לח. כא.)

לויט דער ערקלערונג פון אייניגע מפרשים (רמב״ן, אבן עזרא און אנדערע) ווערט אין דער פרשה בלויז אויסגערעכנט, אויף וואס מען האט פערנוצט דאס גיזאמעלטע כסף און נחושת, דאגעגען וועגען דעם געזאמעלטען גאלד ווערט געזאגט סתם: „ויהי זהב התנופה תשע ועשרים ככר ושבע מאות ושלשים שקל״, כך וכך האט בעטראפען די גיזאמעלטע געלד-סומע, אויף וואס אבער מען האט דאס געלד פערוועגדעט, דאס שטעהט נישט.

דען אזוי איז שוין דער שטייגער. דווקא די גראשענדיגע געבער, די, וואס זייערע נדבות בעשטעהען פון קופערנע, העכסטענס פון עטליכע זילבערנע מטבעות, די האלטען אין איין ליארמען און אין איין פאדערען א חשבון, די האבען אפילו צו משה רבינו קיין צוטרוי נישט... דאגעגען די אמת׳ע נותנים, די גאלד-געבער, די זענען אין דער דאזיגער הינזיכט א סך בעשיידענער...
(בית אהרן)

אלה פקודי המשכן משכן העדות...

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש רבה: „איש אמונים רב ברכות, איש אמונים זה משה שהוא נאמנו של הקב״ה, שנאמר בכל ביתי נאמן הוא, ואץ להעשיר זה קרח שהיה לוי ובקש ליטול כהונה גדולה״.

אין פלוג, וואס פאר א שייכות האט דא דער דאזיגער פערגלייך? דער מדרש רעדט דאך דא וועגען משה׳ס עהרליכקייט אין גאלד-זאכען, ביי׳ם צעהלען די נדבות פון משכן, טא פונוואנען איז עס דער בעוויז, אז קרח, דערפאר, וואס ער האט פערלאנגט צו בעקומען די כהונה-גדולה, איז נישט געווען עהרליך און איז געווען דער היפוך פון משה׳ן?

נאר — ענטפערט דערויף דער מהרש״א — אין שבת ק״כ אויפ׳ן מאמר „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שפסקו ממנה אנשי אמנה״, פיהרט אויס די גמרא: „כאן בדברי תורה, כאן במשא ומתן״, אז אין דברי תורה זענען זיי יא געווען בעגלויבט, דאגעגען אין משא ומתן נישט. דערפון איז, אלזא,

משמע, אַז בנוגע עהרליכקייט אין געלד־זאַכען איז אַ מענש גיכער נישט בעגלויבט, ווי אויף עהרליכקייט אין אַנ׳ענין פון כבוד.

און דאָס, אַלזאָ איז דער זין פון מדרש: „איש אמונים זה משה״. משה איז ביים צעהלען דאָס גאָלד און זילבער פון משכן זעהר עהרליך געוועזן, און קוים איז ער געוועזן עהרליך און בעגלויבט אין געלד־זאַכען, איז ער אין אַלע אַנדערע זאַכען אודאי געוועזן בעגלויבט, אַז אַלץ, וואָס ער טהוט מיינט ער עהרליך און אויפריכטיג און נישט, חלילה, צוליעב כבוד. קרח דאַגעגען, וועלכער האָט זיך אויפגעפיהרט אונהערליך צוליעב׳ן געיעג נאָך כבוד, צוליעב דער כהונה־גדולה, איז ער אין געלד־זאַכען אודאי און אודאי נישט געוועזן עהרליך...

ובצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה... (לח. כב.)

דעריבער ווערט ביי בצלאל׳ן אויסגערעכענט דער גאַנצער יחוס, נישט נאָר ווער דער פאָטער, נאָר אויך ווער דער זיידע איז געוועזן, ווייל — „כל העוסקים בצרכי־צבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים, שזכות אבותם מסייעתם״. עוסקים בצרכי־צבור דאַרפען האָבען זכות־אבות, זיי זאָלען נישט קאַליע ווערען. מען דאַרף זיי שטענדיג דערמאָהנען: געדענקט פון וועמען איהר שטאַמט, ווער אייערע טאַטעס און זיידעס זענען געוועזן...

(לקט אמרים)

בשעת רבי יעקל געזונדהייט איז געוועזן רב אין וואַרשא, איז אַמאָל ענטשטאַנען אַ סכסוך וועגען אַ קהל׳ישען פאָסטען, אויף וועלכען די חסידים האָבען פערלאַנגט עס זאָל בעשטימט ווערען אַ געוויסער חסידישער יחסן, אַ בנן של קדושים. רבי יעקל האָט אויף דעם קאַנדידאַט נישט מסכים געוועזן, מחמת מען האָט געמורמעלט אויף איהם, אַז ער איז נישט שטאַרק נזהר אין דיני ממונות, און ער האָט אונטערגעשטיצט אַ צווייטען קאַנדידאַט, אַ בעקאַנטער מתנגד.

אין דעם ענין האָט זיך אריינגעמישט דער חדושי הרי״ם, וועלכער האָט געהאַלטען מיט׳ן חסידישען קאַנדידאַט און ער האָט וועגען דעם פערפיהרט אַ שמועס מיט׳ן וואַרשאווער רב, זאָגענדיג:

— עס איז דאָך אַ בפירוש׳ע משנה: „כל העוסקים בצרכי צבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים שזכות אבותם מסייעתם״, זעהען מיר דאָך, אַז אַנ׳עוסק בצרכי צבור דאַרף זיין אַ יחסן און האָבען זכות־אבות, און דאָס זעלבע געפינען מיר אויך ביי בצלאל, וועגען וועלכען די תורה רעכענט אויס, וואָס פאַר אַ גרויסער יחסן ער איז געוועזן.

ענטפערט איהם דערויף רבי יעקל:

— לעולם איז דאָך דער דאָזיגער מאמר אַ סתירה צו אַ צווייטער גמרא, וואו עס ווערט געזאָגט פערקעהרט: „אין ממנין פרנס על הצבור, אלא אם כן קופה של שרצים תלוה לו מאחוריו״?... נאָר באמה איז דער פשט פון דער משנה אין אבות גאַנץ אַנדערש. דער פשט איז אַזוי: „כל העוסקים בצרכי צבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים״. נאָכוואָס דאַרף מען עס זיי אָנזאָגען, אַז זיי זאָלען אַרבייטען לשם-שמים? ווייל „שזכות אבותם מסייעתם״, ווייל ס'רוב ווערען בעשטימט אַלס עוסקים בצרכי צבור אַזעלכע, וואָס דער זכות-אבות העלפט זיי צו בעקומען די דאָזיגע פּאָסטענס, ווייל די רביים מיט זייערע חסידים פּאָרען זיך פאַר זייערט וועגען, און מיט'ן בלויזען זכות-אבות, מיינען זיי, איז מען שוין יוצא און מען קאָן שוין אויסקומען אָהן דעם לשם-שמים... און וואָס ס'איז שייך ווידער די ראיה פון בצלאל'ן, זעהען מיר דאָך, אַז מען האָט טאַקי גלייך צוגעזעצט צו איהם אהליאָב'ן פון שבט דן, און דוקא נישט קיין יחסן, „מן הירודין שבשבטים מבני השפחות״, און צוגעזעצט האָט מען איהם דערפאַר, כדי — ער זאָל אַכטונג געבען אויף בצלאל דעם יחסן...

דערויף — זענען חסידים מוסיף — זאָל איהם דער חדושי הרי״ם האָבען צוריק געענטפערט מיט אַ שטאָך:

— איהר וואַרשאַווער רב, האָט דאָך שוין נישט קיין זכות-אבות און פונדעסטוועגען זענט איהר אויך נישט אויסען מיט אייערע רייד לשם-שמים, וואָרום והא-ראיה — איהר זענט תמיד אַ געגנער פון פשט'לעך, טענה'ענ-דיג, אַז זיי פיהרען אַראָב פון דרך-האמת, ולסוף בענוצט איהר זיך אַליין מיט אַ פשט'ל...

ואתו אהליאב בן אחיסמך... (לח. כג.)

מיר געפינען גאָרנישט אין פסוק, אַז אָהליאָב זאָל האָבען עפּיס געטהון. געטהון האָט בלויז בצלאל און אָהליאָב'ן, ווייזט אויס, האָט מען צוגעזעצט צו איהם נור צוליעב דעם, ווייל — אין עושין שררות על הצבור פחות משנים״ (בבא בתרא ח׳).

(פנים יפות)

ויעשו על שולי המעיל רמוני תכלת... (לט. כד.)

די רמונים, זאָגט דער ילקוט, האָבען מכפר געווען אויף די פושעי-ישראל, וועגען וועלכע עס ווערט געזאָגט: „הריקנים שבך מלאים מצוות כרמון״ (ערובין י״ט.)

און דערפאַר איז אויך „ויתנו את הפעמונים בתוך הרמונים״, האָבען זיך די רמונים געפינען אין די גלעקער, דען די פושעי-ישראל, טאָמער טהוען

זיי אמאל א גוטע זאך, א מצוה, פערקלינגען זיי דערמיט די וועלט.
„איסתרא בלגינא קיש קיש קריא"...
(נחל יצחק)

רבי גרשון העניך פלעגט זאגען: דעריבער איז „פושעי ישראל מלאים מצוות כרמון", דען דער רמון איז א זעהר אונגעשמאקע און בע'טעמ'טע פרי און אזא טעם האבען אויך די מצוות פון די פושעי ישראל...

„מלאים מצוות כרמון" — תמיד זענען די פושעי ישראל פול מיט מצוות: אויף דעס איז א מצוה אויסצוריידען אלדאס בייז, דעם איז א מצוה צו מסר'ן, יענעם איז א מצוה צו בעגראבען...
(ר' אליעזר ריינעס)

ויפרוש את האהל על המשכן... (מ. יט.)

„אין הקב"ה משרה שכינתו אלא על גבור ועשיר וחכם ועניו, וכולן ממשה וכו' דכתיב ויפרוש את האהל על המשכן" (נדרים ל"ח)

דער רמב"ם (הלכות יסודי התורה פ"ז) איז נישט גורס דאס ווארט „עשיר", שטיצענדיג זיך אויף דער גמרא (סנהדרין י"א), וואו עס ווערט געזאגט: „יש כאן אחד שראוי שתשרה עליו שכינה, אלא שאין דורו ראוי לכך, ונתנו חכמים עיניהם בהלל הזקן", און הלל איז דאך, כידוע, געווען א גרויסער ארימאן, נמצא, אז צו השראת השכינה דארף מען נישט זיין קיין עושר...

דערויף בעמערקט דער „פרח לבנון" בדרך צחות, אז די גמרא אין סנהדרין איז כלל נישט קיין סתירה צום מאמר אין נדרים, דען די כונה איז: „יש כאן אחד שראוי שתשרה עליו שכינה אלא שאין דורו ראוי לכך", דעריבער איז דער דור נישט ראוי דערצו, ווייל מען זעהט נישט, אז אזא מענש, ווי הלל, זאל דורך די מענשען פון זיין דור פערזארגט ווערען מיט פרנסה און מיט עשירות, כדי די שכינה זאל קענען רוהען אויף איהם...

וכבוד ד' מלא את המשכן... (מ. לד.)

אין ווילנא האבען די רעפארמער אויפגעשטעלט א סינאגאגע, אויף וועלכער זיי האבען אויף דער אויסערליכער וואנד ביים אריינגאנג אויסגעקריצט מיט גאלדענע אותיות דעם פסוק: „וכבוד ד' מלא את המשכן".

בשעת רבי צבי חיות האט, פארבייגעהענדיג פאר דער סינאגאגע, דערזעהען די דאזיגע אויפשריפט, האט ער זיך אנגערופען, אז מען האט געדארפט אויף דעם ארט אוועקשטעלען דעם צווייטען פסוק: — „ולא יכול משה לבוא אל המשכן"...

ספר ויקרא

וַיִּקְרָא

ויקרא אל משה... (א. א.)

דער איינפאַכסטער פשט, פאַרוואָס ביי אַלע אַנדערע דברות שטעהט נישט פריהער דאָס וואָרט „ויקרא", נאָר בלויז דאָ, איז:

ווייל די פריהערדיגע פרשה, אין פקודי, ענדיגט זיך מיט „ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן", אַז צוליעב'ן ענן האָט משה נישט געקענט אַריינקומען אין אוהל מועד, און דעריבער — „ויקרא אל משה", האָט מען איהם איצט גערופען, אַז ער קאָן שוין אַהין אַריינקומען... (קול מבשר)

דעריבער — ווערט געזאָגט אין בעל-הטורים — איז דאָס וואָרט „ויקרא" מיט אַ קליינע א׳, ווייל משה האָט צוליעב עניוות געוואָלט, אַז עס זאָל זיין געשריבען „ויקר", אַזוי ווי עס שטעהט ביי בלעם: „ויקר ד׳ אל בלעם וישם דבר בפיו", דען „ויקרא" איז מרמז אויף אַ העכערע מדרגה פון נביאות און בעדייט, אַז השי״ת האָט זיך ספּעציעל צו איהם געווענדעט, דאַגעגען „ויקר" איז משמע אַ לשון מקרה, צופעליג...

פרעגט מען דערויף: אין פ׳ יתרו געפינען מיר דאָך צוויי מאָל דאָס וואָרט „ויקרא" — „ויקרא אליו ד׳ מן ההר" און „ויקרא ד׳ למשה אל ראש ההר", פאַרוואָס האָט דאָרט משה נישט געשריבען די דאָזיגע ווערטער מיט אַ קליינע א׳?

האָט געענטפערט רבי יצחק ווארקער: דאָ האָט קיינער, אויסער משה, נישט געהערט, אַז השי״ת האָט איהם גערופען, ווי רש״י ערקלערט אויפ'ן אָרט: „הקול הולך ומגיע לאזניו וכל ישראל לא שומעין", און צוליעב עניוות האָט דעריבער משה געוואָלט פערקלענערען זיין בעדייטונג און חשיבות און שרייבען „ויקר", דרך מקרה וארעי, אַזוי ווי ביי בלעמ'ען. דאָרט אָבער, אין פ׳ יתרו, איז עס פאָרגעקומען אין דער אָנוועזענהייט פון כל ישראל, אַלע אידען האָבען געהערט דעם רוף פון השי״ת צו משה'ן, און אין אַזאַ פאַל זיך מאַכען קליין און פערלייקענען דאָס, וואָס אַלע האָבען געזעהען, דאָס איז שוין בעצם נישט קיין עניוות, נאָר... גאות, עניוות מתוך גאוה...

„משמת רבי בטלה ענוה ויראת חטא, אמר ליה רב יוסף לתנא, לא תיתני ענוה דאיכא אנא" (סוטה מ"ט)

היתכן? ווי געשיקט זיך עס, אַז רב יוסף אַליין זאָל זיך אויסרופען און ריהמען מיט זיין עניוות? דאָס גופא איז דאָך שוין גאוה?

נאָר, ווי בעקאַנט, איז רב יוסף אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס ראש ישיבה אין פומפבדיתא (זעה סוף הוריות). רב יוסף האָט אָבער געהאַלטען, אַז לעולם איז ער נישט ראוי צו פערנעהמען דעם דאָזיגען הויכען אַמט, מחמת עס זענען פאַרהאַן פיעל גרעסערע פון איהם, און דאָס, וואָס ער איז געוואָרען אויסגעוועהלט, איז דערפאַר, ווייל די אַלע אַנדערע האָבען צוליעב זייער גרויס עניוות זיך אָבגערוקט אָן אַ זייט, און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין: „לא תיתני ענוה דאיכא אנא". פון מיר, פון דעם אויסוועהלען מיך אַלס ראש ישיבה, האָט איהר אַ בעוויז, אַז דאָס עניוות איז נאָכנישט בטל געוואָרען, וואָרום ווען נישט דאָס עניוות פון מיינע חברים, וואָלט דאָך עמיצער אַנ־דערש פון זיי פערנומען דעם דאָזיגען הויכען אַמט, נישט איך... (דבש וחלב)

„אמר רבא, הני תלת מילי בעיי קמי שמיא, תרתי יהבו לי, חדא לא יהבו לי: חוכמתיה דרב הונא ועותריה דרב חסדא—ויהבו לי, ענותנותיה דרבה בר רב הונא—לא יהבו לי" (מועד קטן כ"ח)

איז מילא דאָס, וואָס ער האָט פריהער געבעטען אויף עשירות און חכמה און ערשט דערנאָך אויף עניוות, איז קיין קשיא נישט. פון אַן אָרימאַן און אַן עני בדעת איז קיין רבותא נישט, אויב ער איז אַן עניו און האַלט זיך קליין. אַ רבותא איז, ווען מען איז דערצו אַ גביר און אַ חכם...

פאַרוואָס אָבער האָט מען איהם אויף די דריטע בקשה נישט צוליעב געטהון און איהם נישט געגעבען קיין עניוות?

דער תירוץ איז: מען האָט איהם טאַקי יאָ געגעבען, והראיה — ער האָט נישט געפיהלט, אַז מען האָט עס איהם געגעבען און דאָס איז דער בעסטער סימן פון עניוות... (כתב סופר)

צום חתם סופר איז אַמאָל געקומען עפיס אַ רבי'ל, וועלכער האָט זיך אויף שריט און טריט בעמיהט אַרויסצווייזען פאַר איהם זיין עניוות, ווי קליין און נידריג ער האַלט זיך.

דעם חתם סופר האָט שאָקירט דאָס דאָזיגע איבערגעטריבענע, געמאַכטע עניוות, און ער רופט זיך אָן צו איהם:

— איהר זענט לגמרי נישט אַזוי גרויס, וואָס איהר מאַכט זיך אַזוי קליין...

„ויקרא אל משה וכו׳ מיכן אמרו כל תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנו״
(מדרש רבה ויקרא)

דעריבער איז „נבלה טובה הימנו״, ווייל אַ נבלה איז כאָטש מותרת בהנאה, דאַגעגען פון אַ „תלמיד חכם שאין בו דעת״ קאָן מען קיין הנאה אויך נישט האָבען... (חות יאר)

אין יאָהר תקמ״ו האָט די עסטרייכישע רעגירונג געשלאָסען די אידישע חדרים, איינפיהרענדיג אַלגעמיינע צוואַנג-שולען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט נפתלי הערץ וויזעל דאַן פערעפענטליכט אַנ׳אויפרוף אונטער׳ן נאָמען „דברי שלום ואמת״, אין וועלכען ער האָט שטאַרק געלויבט די אַרויסגעגע-בענע פעראָרדנונג, וואָס וועט מיטהעלפען צו פערשטאַרקען די השכלה ביי אידען, ציטירענדיג דערביי דעם תנא דבי אליהו, וואו אויפ׳ן פסוק „ויקרא אל משה״ ווערט געזאָגט: „מכאן אמרו, כל תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנו״, אַז אַ תלמיד חכם דאַרף אויך בעזיצען דעת, וויסענשאַפט, וועלטליכע בילדונג...

דערויף האָט דאַן דער „נודע ביהודה״ אָבגעענטפערט מיט אַ געגען-אויפרוף, אַז אַ „תלמיד חכם שאין בו דעת״ מיינט מען נישט וועלטליכע בילדונג, דען די חז״ל האָבען דאָך בפירוש גע׳אַסר׳ט צו לערנען חכמת יונית, נאָר מיט׳ן וואָרט „דעת״ ווערט געמיינט — יראת-שמים, ווי עס ווערט געזאָגט: „ראשית חכמה יראת ד׳״, און די כונה איז: „תלמיד חכם שאין בו דעת״, אויב אַ תלמיד-חכם האָט נישט אין זיך קיין יראת-שמים, „נבלה טובה הימנו״, דען פאַר אַ נבלה וויסען זיך מענשען צו היטען און נישט אָנצוריהרען זיך אין איהר, וויסענדיג, אַז דער מגע-ומשא מיט איהר איז שעדליך; דאַגעגען אַ תלמיד חכם שאין בו דעת, וואָס אויסערליך איז ער פול מיט תורה און אינערליך איז ער מלא כפירה, ווייסען נישט די מענשען צו היטען זיך פאַר איהם און מען ווערט דורך אַזעלכען זעהר אָפט פערפיהרט

אָדם כי יקריב מכם קרבן... (א. ב.)

„אדם למה נאמר, מה אדם הראשון לא הקריב מן הגזל וכו׳״ (רש״י)

אַנשטאָט „לא הקריב מן הגזל״, וואָלט דאָך, אייגענטליך, ריכטיגער גע-דאַרפט זיין: „לא הקריב דבר גזול״? נאָר באמת געשיקט זיך עס נישט, אַ אַ מענש זאָל זיין אַזאַ שוטה, עובר צו זיין אויפ׳ן „לא תגנוב״ און געהן גנב׳ענען אַ בהמה, בכדי מקריב צו זיין איהר פאַר אַ קרבן, דאַגעגען זענען פאַראַן, ליידער, אַזעלכע, וואָס ערווערבען זייער פערמעגען דורך גנבה וגזלה און נאָכהער זענען זיי מקריב קרבנות — „מן הגזל״, פון אָנגעראַבעוועטען פער-

מעגען, אָוועקגעבענדיג אַ טייל דערפון אויף צדקה, אויף נדבות, מיינענדיג אַזוי אַרום צו כשר'ן זיך פאַר מענשען... (כלי יקר)

וועגען דעם טעם פון דער מצוה מקריב צו זיין קרבנות, זענען מחולק צווישען זיך דער רמב"ם און דער רמב"ן. לויט דער ערקלערונג פון רמב"ם (מורה נבוכים פרק ל"ב) איז די דאָזיגע מצוה געגעבען געוואָרען, ווייל ס'איז אין יענער צייט שטאַרק פערשפרייט געווען צווישען די פעלקער דאָס מקריב זיין קרבנות צו דער עבודה-זרה, און היות, ווי ס'איז שווער געווען אויסצו-ראָטען מיטאַמאָל פון די בני-ישראל דעם דאָזיגען מנהג און וועלענדיג זיי דערווייטערען פון עבודה-זרה, איז זיי דעריבער בעפוילען געוואָרען צו מאַכען אַ משכן און מקריב צו זיין די קרבנות פאַר השי"ת, ווי עס ווערט דייטליך געזאָגט וועגען דעם אין פסוק: „למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם וכו' והביאום לד' אל פתח אוהל מועד וכו' ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים" (ויקרא י"ז). דעריבער, הייסט עס, זאָלען זיי ברענגען קרבנות אין משכן, כדי זיי זאָלען מעהר נישט מקריב זיין קיין קרבנות פאַר דער עבודה-זרה...

דאַגעגען דער רמב"ן וואַרפט אָב די דאָזיגע מיינונג, ברענגענדיג אַ בעווייז פון הבל'ן, וועלכער האָט געבראַכט אַ קרבן פאַר גאָט און דאַמאָלס איז דאָך נאָך קיין עבודה-זרה נישט געווען... לויט רמב"ן'ס מיינונג איז דער זין פון קרבן צו דיענען אַלס מוסר-השכל פאַר'ן זינדיגען, צוקוקענדיג, וואָס עס ווערט געטהון מיט דער בהמה: די שחיטה, די הזרקת-הדם, הקרבת-אימורים וכו', זאָל ער זיך דאַן פערטראַכטען, אַז צוליעב זיינע זינד האָט מען דאָס, אייגענטליך, געדאַרפט מיט איהם זעלבסט טהון און די בהמה ליידט צוליעב איהם, צוליעב זיינע חטאים...

רבי יעקב אָרענשטיין ווייזט דערביי אָן, אַז ריכטיגער איז דאָ די מיינונג פון רמב"ן, נישט פון רמב"ם, והא ראיה: אין די תפלות דערמאָהנען מיר זעהר אָפט וועגען די קרבנות, וואָס מיר וועלען מקריב זיין בימות המשיח, און דאַמאָלס, ווי מיר האָפען, וועט דאָך מעהר אויף דער וועלט קיין עבודה-זרה נישט זיין, דען — „יכירו וידעו כל יושבי תבל כי לך תכרע כל ברך, תשבע כל לשון!"... דעם רמב"נ'ס מיינונג איז אויך בפירוש מרומז אין פסוק: „זבחי אלקים רוח נשברה. לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה, הטיבה ברצונך את ציון תבנה חומות ירושלים, אַז תחפוץ זבחי צדק" (תהלים נ"א). און דערפון, אַלזאָ, וואָס זאָגאַר דאַן, ווען עס וועלען אויפגעבויט ווערען די חומות ירושלים, איז „תחפוץ זבחי צדק", וועט מען פונדעסטוועגען ווייטער ברענגען זבחי צדק, מקריב זיין קרבנות, אָט דערפון איז אַ ראיה, אַז דער טעם פון די קרבנות איז, ווייל „זבחי אלקים רוח נשברה", כדי, ווי דער רמב"ן ערקלערט, דער זינדיגער זאָל זיך פיהלען נידערגעשלאָגען און,

אַראָבנעהמענדיג זיך אַ מוסר-השכל פון דער בהמה, זאָל ער חרטה האָבען אויף זיינע זינד...

(ישועות יעקב)

וקמץ משם מלא קֻמְצוֹ... (ב. ב.)

אומעדום, וואו עס ווערט ביי די משרתי גבוה דערמאָהנט קיחה, נעהמען, ווערט געזאָגט דערביי דאָס וואָרט „מלוא", ווי „מלוא קמצו", „מלוא חפניו", „מלוא המחתה", דאַגעגען ביי נתינה שטעהט — „ונתן באצבעו", אָדער „והזה באצבעו", דען נעהמען האָבען ליעב די כלי-קודש מיט דער פולער האַנד, אָבער צו געבען — זענען זיי נישט אַזוי לייכט, „אַ נעהמער איז נישט קיין געבער"...

(פאָלקס-ווערטעל)

נפש כי תחטא וכו׳ ועשה אַחת מהנה... (ד. ב.)

אויך דער „ועשה אחת מהנה" איז אַ חטא. אויב אַ מענש טהוט אַ מצוה און ער ווייסט, אַז ער האָט געטהון אַ מצוה, און ער שטאָלצירט און ריהמט זיך דערמיט, מיינענדיג, אַז ער האָט דאַדורך געמאַכט אַ פעלץ דעם רבונו של עולם — איז ער דערמיט אַליין אַ חוטא...

(קדושת לוי)

אַשר נשיא יחטא... (ד. כב.)

„אשרי הדור שהנשיא שלו נותן לב להביא כפרה על שגגתו" (רש"י)

רבי שמעלקי ניקעלשבורגער האָט אַמאָל איינגעטענה'ט מיט די ניקעלשבורגער פרנסים און זיך געבעטען ביי זיי, זיי זאָלען תשובה טהון און ווערען פרומער, כדי דער איבריגער עולם זאָל זיך אַראָבנעהמען פון זיי אַ ביישפיעל און אויך ווערען פרומער, צוליעב וואָס זיי וועלען האָבען זעהר אַ גרויסען זכות, דען עס וועט זיין „זכות הרבים תלוי בהם".

רופט זיך אָן איין פרנס:

— וואָס וועט זיין די פעולה, וואָס מיר וועלען תשובה טהון? אָט טהוט איהר דאָך, רבי, שטענדיג תשובה און פונדעסטוועגען לערנט זיך קיינער נישט אַראָב פון אייך?

האָט איהם רבי שמעלקי געענטפערט דערויף: אויפ'ן פסוק „אשר נשיא יחטא" ווערט גע'דרשנ'ט: „אשרי הדור שהנשיא שלו נותן לב להביא כפרה". פרעגט זיך: פאַרוואָס שטעהט נישט אויך פריהער ביים „אם כהן המשיח יחטא" דאָס וואָרט „אשרי"? פאַרוואָס ווערט אויך דאָרט נישט גע'דרשנ'ט דער „אַשרי הדור וכו'"? — ווייל פונ'ם „כהן המשיח" לערנט מען זיך אַראָב

בלויז צו זינדיגען, אָבער נישט תשובה צו טהון, בעת אַ כהן-המשיח טהוט תשובה, זאָגט דאַן איטליכער: מה-רעש, וואָס איז דאָ די רבותא, ער איז דאָך עפּיס אַ כהן-משיח, אַ רבי, און ווער דען זאָל תשובה טהון, אויב נישט ער?... דאַגעגען אַ נשיא, אַ פּרנס, אַ גביר, וועלכער איז פערזאָרגט מיט כל טוב און ער פערנעהמט נישט דערביי קיין רעליגיעזע התמנות, אויב אַזעלכער טהוט תשובה און געהט בדרך הישר, איז טאַקי — „אשרי הדור", איז ער בכח צו ווירקען, אַז אויך אַנדערע זאָלען נאָכטהוען זיין ביישפּיעל...

ואם נפש אַחת תחטא וכו' בעשותה... (ד. כז.)

„בעשותה — יחיד העושה חייב, שנים שעשאוה פטורים, דברי רבי שמעון" (שבת צ"ג)

בעת'ן יום-הדין — זאָגען די חז"ל — בשעת דער מענש ווערט געשטעלט פאַר'ן בית-דין של מעלה, און מען פרעגט איהם, פאַרוואָס ער האָט געזינ-דיגט, טענה'ט דער גוף, אַז נישט ער האָט געזינדיגט, נאָר די נשמה, והראיה, זינט די נשמה איז אַוועק פון איהם ליעגט ער אונבעוועגליך כאבן דומם. די נשמה ווידער ענטפערט, אַז נישט זי האָט געזינדיגט, נאָר דער גוף, והראיה, ווי נאָר זי איז פטור געוואָרען פון גוף, פליהט זי אַרום אין חלל-העולם, ווי אַן אונשולדיג פייגעלע. מה עושה הקב"ה? ער בעהעפט צוריק די נשמה מיט'ן גוף און ביידע ווערען געמשפט און בעשטראָפט צוזאַמען (ויקרא רבה)...

לויט רבי שמעון אָבער, וועלכער האַלט, אַז שנים שעשאוה, אַז אויב צוויי מענשען טהוען אום שבת בשותפות'דיג אַ מלאכה, וועלכע איינער אָהן צווייטען וואָלט נישט געקענט טהון, זענען זיי ביידע פטור, קענען זיך אויך די נשמה און דער גוף בעפרייען פון עונש מיט'ן דערמאָהנטען ענטפער, און דעריבער זאָגט טאַקי רבי שמעון אין אַן אַנדער אָרט: „יכולני לפטור את כל העולם כלו ממדת הדין" (סוכה מ"ה).

דען לויט רבי שמעון איז דער דאָזיגער תירוץ יאָ גילטיג...

(רבי יעקב שמשון שעפּעטיווקער)

ואם נפש כי תחטא וכו' ולא ידע ואָשֵׁם... (ה. ז.)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — דאַרף אַן אשם-תלוי, וואָס ווערט געבראַכט אויף אַ ספק עבירה, בעשטעהען פון אַן איל, פון אַ מעהר טייערען קרבן, ווי דער קרבן פון אַן אשם ודאי, ווייל אויב אַ מענש ווייסט און פיהלט, אַז ער האָט געזינדיגט, איז דאָס גופא שוין אַ האַלבע תשובה, דאַגעגען אָבער, ווען דער מענש איז אין ספק און ער איז נישט

זיכער, אַז ער איז זינדיג, בעווייזט עס, אַז ער איז נאָך שטאַרק פערבלענדט און ער נויטיגט זיך דעריבער אין אַ פיעל גרעסערע תשובה..

לאשר הוא לו יתננו ביום אשמתו... (ה. כד.)

דאָ רעדט זיך דאָך וועגען דעם טאָג, וואָס ער וועט תשובה טהון און אומקעהרען די גזילה, טאָ פאַרוואָס רופט עס דער פסוק אָן „ביום אשמתו״?

פיעל פון די מפרשים שטעלען זיך אויפ׳ן דאָזיגען אויסדרוק, אָבער רבי צבי הירש קאַלישער טייטשט פשוט: „ביום אשמתו״, אין טאָג, ווען ער וועט אָנערקענען זיין שולד.

צַו

צַו את אַהרן... (ו. ב.)

„אין צו אלא לשון זרוז וכו' ביותר צריך המקום לזרז במקום שיש בו חסרון כיס" (רש"י)

די כהנים פּראָפיטירען דערפון, וואָס דאָס פּאָלק זינדיגט, וואָרום אויף יעדע זינד דאַרף מען ברענגען אַ קרבן, פון וועלכען אַ בעדייטענדער טייל ווערט אַוועקגעגעבען דעם כהן... מען האָט דעריבער די כהנים, די לעהרער פונ'ם פּאָלק, געדאַרפט מזרז זיין, זיי זאָלען נישט נאָר עוסק זיין אין קרבנות, נאָר אויך — „זאת תורת העולה", זיי זאָלען לערנען מיט'ן פּאָלק און עס אויפפאָדערען און מוסר'ן, צו געהן אין עהרליכען וועג, צו דערוויי־טערן זיך פון יעדע זינד, הגם פאַר די כהנים איז דאָס אַ „חסרון כיס", דען וואָס ווייניגער זינד — אַלץ ווייניגער וועט זיין די צאָהל קרבנות...

(רבי אלימלך מליזא)

„אין צו אלא לשון זרוז מיד ולדורות וכו'"

דער „ולדורות" געהט אַרויף אויפ'ן „זאת תורת העולה", אויף וועלכען עס ווערט גע'דרש'נט, אַז „כל הלומד פרשת עולה כאלו הקריב עולה", אויף דער גלות־צייט, ווען עס וועלען נישט עקזיסטירען קיין קרבנות און מען וועט יוצא זיין מיט לערנען, אין דערויף ווערט אויסגעפיהרט: „ביותר צריך המקום לזרז במקום שיש בו חסרון כיס", דען לערנען, עוסק זיין בתורה וועלען דאַן, נישט די גבירים, נאָר די אָרימעלייט, די וואָס וועלען ליידען אויף „חסרון כיס"...

(רבי פנחס הורוויץ)

רבי לוי יצחק האָט אַמאָל גע'מוסר'ט אַ בערדיטשעווער נגיד, הלמאַי ער גיט נישט קיין צדקה, וועלכע איז דאָך די גרעסטע מצוה און מען קאָן זיך דורך איהר אויסקויפען פון די שווערסטע זינד.

דערויף האָט איהם דער נגיד געענטפערט, אַז אויף אויסצוקויפען די זינד, האָט ער אַן אַנדער, אַ ביליגער מיטעל — תפלה, עס שטעהט בפירוש

אַז „תפלה במקום קרבן", און דאָס ב"ה היט ער אָב גאַנץ שטרענג, צו פערפעהלט נישט, חלילה, קיין דאַווענען...

— ניין, מיין ליעבער איד — ערקלערט איהם רבי לוי יצחק — „תפלה במקום קרבן" מיינט מען בלויז דעם קרבן-תמיד, דאַגעגען די קרבנות חובה, וועלכע ווערען געבראַכט אויף די בעגאַנגענע חטאים, קאָן מען נישט אָבפטר'ן מיט'ן בלויזען דאַווענען, דערויף ווערט געזאָגט: „חטאך בצדקה פרוק"...

„גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה" (קידושין ל"א), און דאָס איז דערפאַר, זאָגט דאָרט תוספות, „לפי שדואג ומצטער יותר פן יעבור ממי שאין מצווה", ווייל דעם מצווה ועושה, דעם וואָס מען הייסט טהון א מצוה, קומט עס איהם אָן שווערער, ווי דעם שאינו מצווה ועושה, וועלכער איז נישט געבינדען דערצו און ער טהוט עס פון פרייען ווילען.

און דאָס איז דער פשט: „אין צו אלא לשון זירוז". דאָרט, וואו עס איז פאַרהאַן „צו", א בעפעהל, א חוב צו טהון די זאַך, איז דערביי נויטיג „זירוז", אָנשטרענגונג, ווייל מען האָט דאַן אויסצושטעהען א שווערען קאַמף מיט'ן יצר-הרע...

(רבי ר' העשיל)

אויפ'ן פסוק „צו את אהרן" ווערט געזאָגט אין מדרש: „זה שאמר הכתוב, שנאה תעורר מדנים, שנאה שנתן אהרן בין ישראל לאביהם שבשמים, עורר עליהם דיני דינים".

די מפרשים בעמיהען זיך אויף פערשיעדענע אופנים צו ערקלערען דעם זין פונ'ם דאָזיגען מדרש; אַמבעסטען זעהט אויס דער פשט, וואָס עס זאָגט דערויף דער „לב אריה":

וועגען מעשה העגל זאָגען די חז"ל (אין מס' ע"ז), אַז „אי לא חטאו לא הוי מייתי", אַז אויב די אידען וואָלטען נישט געזינדיגט און זיי וואָלטען נישט געמאַכט דאָס עגל, וואָלט דער טויט מעהר נישט שולט געווען אויף זיי, מען וואָלט מעהר נישט געשטאָרבען. פרעגט דאָרט די גמרא: „והא כתיב פרשת יבמות ופרשת נחלאות"? די תורה איז דאָך געגעבען געוואָרען קודם מעשה העגל, טאָ צוליעב וואָס זענען אין איהר געשריבען געוואָרען די דאָזיגע דינים, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען מיתה? און די גמרא ענטפערט: „על תנאי נאמרו", געגעבען זענען געוואָרען די דאָזיגע דינים נאָר על תנאי, אויב די אידען וועלען זינדיגען און דער טויט וועט דאַן נישט אָבגעשאַפט ווערען...

און דאָס, אַלזאָ, איז די כוונה פון מדרש: „שנאה שנתן אהרן בין ישראל לאביהם שבשמים", צוליעב דער שנאה פון מעשה העגל, צו וועלכען

אהרן האָט מיטגעהאָלפען, „עורר עליהם דיני דינים", האָט ער דערמיט גורם געווען צו איבריגע דינים אין דער תורה, צו — פרשת נחלאות און פרשת יבמות...

זאת תורת העולה... (ו. ב.)

„זאת תורת העולה — הואיל ואתם מתעסקין בהן מעלה אני עליכם כאלו אתם מקריבים אותם" (מדרש רבה)

דעריבער — האָט דער רבי יונתן געזאָגט דערויף בדרך צחות — איז דאָס לערנען די הלכות קרבנות אַזוי גוט, ווי מען וואָלט זיי אַליין מקריב געווען, ווייל דער טעם, ווי עס ערקלערען די חז"ל, פאַרוואָס עולה און אַנדערע קרבנות זענען מכפּר, איז צוליעב דעם, וואָס דער חוטא, האָט דערביי אויסצושטעהען אַן׳עפענטליכע בושה, דען דערמיט וואָס ער ברענגט אַ קרבן-עולה, אָדער חטאת ואשם, זעהען דאָן אַלע, אַז ער האָט געזינדיגט, און אָט די בושה איז אויף איהם מכפּר... און היות, ווי אויך דאָס לערנען תורה איז, בעוונותינו הרבים, פערבינדען מיט בושה, דען פון אַ איד, וואָס זיצט און לערנט, מאַכט מען חוזק, מען האַלט איהם פאַר אַ בטלן און „באַנק-קוועטשער", איז דעריבער אויך לימוד-התורה מכפּר...

היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה... (ו. ב.)

וועגען עולה, זאָגען די חז"ל, אַז זי ווערט געבראַכט מכפּר צו זיין אויף הרהורי עבירה, און דעריבער איז — „על מוקדה על המזבח כל הלילה", דען די הרהורי עבירה, זינדיגע מחשבות, קומען צום מענשען עפ"י רוב ביינאַכט אויפ׳ן געלעגער...

(תולדות יצחק)

אין מדרש רבה (פ׳ נח) ווערט אויפ׳ן פסוק „היא העולה" געזאָגט: „היא העולה שהקריב אדם הראשון ולא שלמים".

פונוואַנען האָט עס געדרינגען דער בעל-המדרש, אַז אדם הראשון האָט מקריב געווען דוקא אַן׳עולה, נישט קיין שלמים?

דען אדם הראשון, זאָגען די חז"ל — „לא הותר לו בשר לאכילה" (סנהדרין נ"ט), וממילא האָט ער נישט געקענט מקריב זיין קיין שלמים, וואָרום ביי שלמים עסט דאָך אויך דער בעל-הקרבן פונ׳ם פלייש, און ער האָט דעריבער געמוזט ברענגען נור אַן׳עולה, וועלכע איז כולה כליל...

(אמרי בינה)

המקריב את זבח שלמיו וכו׳ ידיו תביאינה את אשי ד׳... (ז. כט. ל.)

ביי אַלע אַנדערע קרבנות, וועלכע ווערען געבראַכט צוליעב בעגאַנגענע חטאים, מוז דער אייגענטימער די גאַנצע צייט שטעהן פונדערווייטענס און די גאַנצע אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט דורך אַ שליח, דורכ׳ן כהן. בלויז ביי שלמים, וועלכע טראָגען אַ פריינדליכען כאַראַקטער און זענען נישט פערבינדען מיט קיין שום זינד, ווערט דער אייגענטימער גערן געזעהן און — „ידיו תביאנה את אשי ד׳, אויך ער ווערט איינגעלאַדען צו בעטייליגען זיך אינ׳ם עבודת הקרבן...

(כלי יקר)

זאת התורה לעולה ולמנחה וכו׳ ולזבח השלמים (ז. לז.)

דעריבער — ווערט געזאָגט אין מדרש רבה — ענדיגט זיך דער סדר הקרבנות מיט שלמים, ווייל דאָס איז דער חשוב׳סטער קרבן, וועלכער ווערט נישט געבראַכט אויף קיין שום חטא, נאָר ער איז אַ קרבן פון שלום. „שלמים — שעושים שלום בין ישראל לאביהם שבשמים״.

אויך ברכת כהנים און אויך פיעל אַנדערע תפלות אונזערע ענדיגען זיך מיט שלום, דען אַממעהרסטען איז דער שלום נויטיג צום סוף, אַלס סיום, מחמת אין תחילת פון יעדע זאַך זענען עפ״י רוב אַלע פריעדליך געשטימט, נאָר ביי׳ם סוף צוקריעגט מען זיך און דער עיקר איז, אַלזאָ, דער סוף!...

(אמרי חן)

ויז על אהרן על בגדיו ועל בניו וכו׳... (ח. ל.)

צום „חוזה פון לובלין איז אַמאָל געקומען אַ רבי׳ש איינִיקעל, וועלכער איז אַליין דוקא נישט געוועזן קיין גרויסער מר בר רב אַשי, אָנגעטהון אין אַ רבי׳שען לבוש מיט אַלע פיטשעווקעס.

זאָגט צו איהם דער „חוזה״: אין פסוק ביי אהרנ׳ען שטעהט „ויז על אהרן על בגדיו״, אַהרנ׳ען האָט מען בלויז געדאַרפט מקדש זיין די בגדים, דעם לבוש, איהם אַליין נישט, ווייל ער אַליין איז אַזוי אויך געוועזן קודש. דאַגעגען ביי די קינדער ווערט געזאָגט: „על בניו ועל בגדי בניו אתו״, אַז נישט נאָר די לבושים זייערע, נאָר אויך זיי אַליין האָט מען געדאַרפט מקדש זיין...

ויעש אַהרן ובניו את כל הדברים... (ח. לו.)

„להגיד שבחן שלא הטו ימין ושמאל" (רש"י)

דער חתם סופר האָט אַמאָל מכבד געווען איינעם, ער זאָל צוגעהן דאַוונען פאַר'ן עמוד. יענער אָבער, וועלכער האָט געשפּיעלט די ראָליע פון אַ מכלומר'שטען עניו, האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און זיך געקווענקעלט, ווי ער וואָלט זיך נישט פיהלען ראוי צו אַזאַ גרויסען כבוד.

האָט עס דעם חתם סופר פערדראָסען און ער רופט זיך אָן צו איהם:

אויפ'ן פסוק „ויעש אהרן ובניו" זאָגט רש"י: „שלא הטו ימין ושמאל", זיי האָבען נישט געצויגען עניוות'דיג מיט די אַקסלען אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי זענען נישט ראוי דערצו, נאָר אַז מען האָט זיי געהייסען טהון, האָבען זיי גלייך גענומען און געטהון...

— צופיל עניוות — האָט דער חתם סופר דערויף אויסגעפיהרט — איז אויך אַ מין גיאות...

שְׁמִינִי

ויאמר אל אַהרן קח לך עגל בן בקר לחטאת... (ט. ב)

„להודיע שמכפר לו הקב״ה ע״י עגל זה על מעשה העגל וכו׳״ (רש״י).

וואָס עפּיס „להודיע״?

נאָר אויפ׳ן פּסוק „במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת״ ווערט געזאָגט אין זבחים, אַז דעריבּער האָט די תורה געהייסען, אַז מען זאָל דעם חטאת מקריב זיין אויפ׳ן זעלבען אָרט ווי די עולה, „כי היכי שלא לבייש השבים״, כדי דער בעל־תשובה, וועלכער ברענגט אַ קרבּן חטאת פאַר זיינע זינד, זאָל נישט מבויש ווערען און דער זייטיגער מענש זאָל מיינען, אַז דאָס ברענגט ער אַן׳עולה, אַ קרבּן נדבה. דערביי פיהרט אויס די גמרא, אַז דאָס איז נור ביי אַ געוועהנליכען חטאת, דאַגעגען ביי אַ קרבּן חטאת אויף עבודה־זרה דאַרף מען עס מפרסם זיין ברבים כדי איהם מבייש צו זיין, דען אויפ׳ן דאָזיגען שווערען חטא קאָן די כפרה אויסגעקויפט ווערען נור דורך בושה.

און אָט דאָס איז רש״י אויסען מיט דעם אויסדרוק „להודיע״. דער איצטיגער חטאת איז געבּראַכט געוואָרען אַלס קרבּן אויף עבודה־זרה, אויפ׳ן חטא העגל, און מען האָט דעריבּער אָנגעזאָגט אַהרנ׳ען, אַז ער זאָל דעם דאָזיגען קרבּן מקריב זיין בגלוי, בפרסום, „להודיע שמכפר לו הקב״ה ע״י עגל זה על מעשה העגל״, אַלע זאָלען וויסען, וואָס פאַר אַ קרבּן דאָס איז...

(רבי ר׳ העשיל)

וכפר בעדך ובעד העם... (ט. ז.)

פריהער דאַרף מען מכפר זיין אויף זיך, קודם כל דאַרף מען אַליין ווערען ריין פון זינד און ערשט דאַן קאָן מען זיך אונטערנעהמען צו זיין אַ מכפר אויף אַנדערע — „קשוט עצמך ואח״כ קשוט אחרים״...

(קול יבשר)

וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם.. (ט. כב.)

דאס ווארט „ידיו" איז דא געשריבען חסר—„ידו"...

און דערויף האט רבי נפתלי ראפשיצער געזאגט בדרך־הלצה: אהרן האט געבענשט דאס פאלק אפילו ווען זיינע הענד זענען געווען חסר און מען האט איהם לגמרי נישט בעצאהלט דערפאר, אין געגענזאץ צו די היינטיגע צדיקים, וועלכע פאר יעדע ברכה הייסען זיי זיך פריהער ארייגלעגען אין דער האנד אריין א „פדיון"...

ראשיכם אל תפרעו וכו' ועל כל העדה יקצוף... (י. ו.)

דא רעדט זיך דאך הויפטזעכליך וועגען די כהנים, די בני אהרן, טא איז וואס איז שולדיג די עדה און ווי קומט דא דער אויספיהר „ועל כל העדה יקצוף?"

נאר די גמרא זאגט אין מועד־קטן: „אבל שלא פרע חייב מיתה" (בידי שמים). און דאס, אלזא, איז דער זין פון פסוק: „ראשיכם אל תפרעו ובגדיכם לא תפרומו ולא תמותו". איהר, בני אהרן, אויב איהר וועט זיך נישט לאזען וואקסען די האר בשעת אבלות, „לא תמותו", וועט איהר נישט חייב זיין קיין מיתה, דאגעגען „ועל כל העדה יקצוף", ביי א זר, א בן־ישראל, איז פערקעהרט: אויב ער וועט נאכטהון דעם כהן און זיך אראבנעהמען די האר בשעת אבלות, וועט ער יא חייב זיין מיתה.

(שמע שלמה)

ולהבדיל בין הקדש ובין החול ובין הטמא ובין הטהור, ולהורות את בני ישראל... (י. י. יא)

די חז"ל דערצעהלען (פסחים ג'): „מעשה בב' תלמידים דיתבי קמי' דהלל וכו' חד אמר מפני מה בוצרין בטהרה ואין מוסקין בטהרה וחד אמר מפני מה בוצרין בטהרה ומוסקין בטומאה, אמר מובטח אני בזה שמורה הוראות בישראל".

האט געזאגט דערויף דער ווילנער גאון, אז דאס איז בפירוש מרומז אין פסוק: „ולהבדיל בין הקדש ובין החול ובין הטמא ובין הטהור — ולהורות את בני ישראל", דער וואס איז מבדיל בין טמא לטהור און איז נזהר צו רעדען בלשון טהרה, איז ער ראוי צום — „ולהורות את בני ישראל", צו זיין א מורה־הוראות בישראל...

וישמע משה וייטב בעיניו... (י. כ.)

„הודה ולא בוש לומר לא שמעתי, אלא אמר שמעתי ושכחתי" (זבחים ק"א)

פרעגט דערויף דער „קרבן העדה": אין ירושלמי אנהויב חגיגה ווערט געזאגט וועגען רבי יהודה נשיאה: „מה גדולתו? שאינו בוש לומר לא שמעתי", איז דאך פונדאנען, אלזא, משמע, אז עס איז א גרעסערע בושה צו זאגען „לא שמעתי", איידער „שמעתי ושכחתי"?

נאר באמת איז טאקי „לא שמעתי", וואס עס בעדייט, אז ער האט אינגאנצען נישט געלערנט, מעהר חרפה, ווי „שמעתי ושכחתי", וואס עס הייסט, אז ער האט געלערנט און פערגעסען, ווארום שכחה איז א זאך, וואס ס'איז שכיח ביי יעדען מענש און ס'איז זיך נישטא דערמיט צו שעה־מען... משה רבינו אבער האט דאך געלערנט תורה מפי הגבורה און אין מדרש ווערט געזאגט: „אמרו ישראל, אלמלא היינו למדים מפי הגבורה לא היינו שוכחים", און פאר איהם איז דעריבער „שמעתי ושכחתי", צו האבען פערגעסען דאס, וואס ער האט געהערט פון אויבערשטען אליין, געווען מעהר בושה, ווי צו זאגען „לא שמעתי"...

(דבש וחלב)

את הגמל כי מעלה גרה הוא... (יא. ד.)

ביי אלע בהמות טמאות הויבט דער פסוק אן נישט מיט'ן סימן טומאה, נאר מיט'ן סימן טהרה: „את הגמל כי מעלה גרה הוא", „ואת השפן כי מעלה גרה הוא", „ואת הארנבת כי מעלה גרה היא", און דאס זעלבע ביי חזיר: „ואת החזיר כי מפריס פרסה הוא"... דוקא דערפאר, הייסט עס, ווייל זיי האבען אין זיך א סימן טהרה, ווייל זיי זענען מעלה גרה און ווייל דער חזיר איז א מפריס פרסה, דארף מען זיך היטען פאר זיי, דען אמגעפעהרליכסטען איז דער צבוע'ק, דער טמא, וואס זעהט אויס ווי א טהור...

(כלי יקר)

ואת החזיר... (יא. ז.)

וועגען דעם מאמר, וואס איז ביי אלעמען אנגענומען אלס א מאמר חז"ל: „למה נקרא שמו חזיר, שעתיד הקב"ה להחזירו לישראל", ווערט געזאגט אין סדר הדורות, אז ער געפינט זיך נישט אין ערגיץ.

באמת אבער געפינט זיך אזא עהנליכער מאמר אין ויקרא רבה סוף פרק י"ג און אין קהלת רבה פ"א „למה נקרא שמה חזיר, שמחזרת עטרה לבעליה, כדכתיב ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו", און מעגליך, אז די ציטאטע איז שפעטער אביסעל פערגרייזט געווארען.

(רבי פנחס הכהן)

רבי אייזיל חריף פלעגט זאגען, אז דערפאר רופט מען א גביר — חזיר, ווייל די גמרא זאגט: „לית עניא מכלבא ולית דעתיר מחזירא" (שבת קנ"ה)...

ואת אלה תשקצו מן העוף לא יאכלו... (יא. יג.)

דערויף ווערט געזאגט אין תרגום יותנן: „ומן עופא דלית להון ציבעא יתירא ודלית ליה זפקתא ודקורקבניה ליתוי מקליף".

די מפרשים מאטערען זיך צו ערקלערען, וואס דער פשט איז פון די ווערטער „ומן עופא דלית להון ציבעא יתירא".

באמת אבער, ווי עס זעהט אויס, איז דא אריינגעפאלען א טעות און עס דארף זיין: „דלית להון אצבע יתירא", ווי מיר האבען עס דייטליך אין דער גמרא (חולין ס"א): „מה נשר מיוחד שאין לו אצבע יתירה וזפק ואין קורקבנו נקלף".

(ספר ינחנו)

את כל עורב למינו... (יא. טו.)

א מערקווירדיגען, מאמר געפינען מיר אין „פרקי רבינו הקדוש", ווי אויך אין „חופת אליהו רבה" און נעמליך:

„אם תמצא עורב כולה לבן, כן תמצא כשרה בנשים"..

ואת החסידה... (יא. יט.)

„למה נקרא שמה חסידה, שעושה חסידות עם חברותיה במזונות" (רש"י)

פרעגט מען: צי דערפאר ווערט זי אריינגערעכענט צווישען די עופות טמאים? אדרבה!...

נאר — האט רבי נפתלי ראפשיצער געענטפערט דערויף בדרך-הלצה — דערפאר איז זי טמא, ווייל זי איז זיך נוהג, ווי געוויסע חסידיש-נגידישע אידען: אנשטאט צו העלפען די חברים מיט מזונות, פאשעט זי זיי מיט חסידות...

כל אשר בתוכו יטמא ואותו תשבורו... (יא. לג.)

„לומר שאין לו טהרה במקוה" (רש"י)

דעריבער — פלעגט זאגען רבי מענדעלי קאצקער — ווערט א כלי חרס טמא נור מתוכו און עס העלפט נישט קיין טהרה במקוה און אין לו תקנה אלא שבירה, דאגעגען א כלי מתכות ווערט טמא מגבו און ס'איז יש לו טהרה במקוה, ווייל א כלי חרס ווערט געמאכט פון ערד, וואס האט פריהער קיין שום ווערט נישט געהאט און איהר גאנץ ביסעל חשיבות הויבט זיך אן דאמאלס,

וועז זי איז געוואָרען אַ כלי און בעקומען אַ תוך, ווערט זי דערפאַר טמא נאָר מתוכו, דען אָהן דעם תוך איז זי גאָרנישט, און דעריבער איז אין לו טהרה במקוה, ווייל קוים האָט זי דעם תוך פערלוירען און אויס כלי געוואָ-רען, האָט זי מעהר קיין שום חשיבות און בעדייטונג נישט.

אַ כלי מתכות אָבער, האָט אויך פריהער, איידער עס ווערט דערפון אַ כלי און אויך אָהן דעם תוך, אַ געוויסען ווערט, און דעריבער איז עס מטמא מגבו, ווייל אויך דער גב איהרער האָט אַ חשיבות און דעריבער יש לו טהרה במקוה.

און דאָס זעלבע — האָט דער קאָצקער אויסגעפיהרט — איז מיט'ן מענש. „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר", אויך ביים מענש, פונקט ווי ביי אַ כלי חרס, איז דער עיקר, דאָס גאַנצע חשיבות, נור דער תוך, און דעריבער איז ער מטמא נור מתוכו, און אויב דער תוך ווערט, חלילה, טמא, העלפט נישט קיין טהרה במקוה און „אין לו תקנה אלא שבירה" — שבירת הלב, לב נשבר ונדכה...

והתקדשתם והייתם קדושים... (יא. מד.)

„הבא לטהר — זאָגען די חז"ל -- מסייעין אותו, בא לטמא פותחין לו" (שבת ק"ב). און דעריבער איז ביי „והתקדשתם" שטעהט „והייתם קדושים", אויב דער מענש בעמיהט זיך צו קומען לידי קדושה, איז מען איהם מבטיח, אַז ער וועט עס דערגרייכען, מען וועט איהם מן השמים צוהעלפען דערצו, דאַגעגען ביי אַ הבא לטמא שטעהט אין פריהערדיגען פסוק: „ולא תטמאו בהם ונטמאתם בם", עס שטעהט נישט: „והייתם טמאים", מען העלפט איהם, חלילה, נישט צו, די טהיר שטעהט פאַר איהם אָפען און ער קאָן צו יעדע מינוט זיך אומקעהרען צוריק...

(כלי יקר)

תַּזְרִיעַ

די פריהערדיגע פרשה ענדיגט זיך מיט'ן פסוק: „להבדיל בין הטמא ובין הטהור", און דערויף קומט אלס המשך: „אשה כי תזריע וילדה זכר וכו' וביום השמיני ימול בשר ערלתו". אט דאס, די מצות מילה, דארף דיענען אלס הבדל „בין הטמא ובין הטהור", בין ישראל לעמים!...

(רבי יונתן א׳ בעשיץ)

וביום השמיני ימול בשר ערלתו... (יב. ג.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש רבה: „הדא הוא דכתיב, תן חלק לשבעה וגם לשמונה כי לא תדע מה רעה תהיה על הארץ".

וואס פאר א שייכות האט עס און נאכוואס ווערט דא צוגעגעבען דער המשך פון פסוק „כי לא תדע מה רעה תהיה על הארץ".

נאר די מפרשים ערקלערען, אז דעריבער איז מילה דוחה שבת און מען לעגט עס נישט אב אויף א טאג שפעטער (הגם עס וועט זיין שלא בזמנה), ווייל מען דארף זיך צואיילען מיט דער מצוה, טאמער טרעפט זיך בינתים אן אומגליק און דאס קינד ר"ל שטארבט...

און דאס, אלזא, איז די כוונה פון מדרש: „תן חלק לשבעה וגם לשמונה". דעריבער דארף מען דאס קינד מל זיין אין אכטען טאג, ווען אפילו ער געפאלט אום שבת, ווייל — „כי לא תדע מה רעה תהיה על הארץ"...

(כתב סופר)

דעריבער ווערט די שטוהל, אויף וועלכען מען האלט דאס קינד ביי'ם מל זיין, אנגערופען „כסא של אליהו" און נישט „כסא של אברהם", ווייל אליהו איז געווען דער ערשטער קנאי, וועלכער האט זיך מוסר־נפש געווען פאר'ן דת, און אויך דאס קינד, וואס ווערט גע'מל'עט, וועט האבען אויסצושטעהען א סך שווערע נסיונות און א סך מסירת־נפש צוליעב זיין אידישקייט...

(שיח יצחק)

אחד לעולה ואחד לחטאת... (יב. ח.)

„לא הקדימה הכתוב אלא למקראה, אבל להקרבה חטאת קודם לעולה" (רש"י)

אלץ קשה: אויב מקריב געווען האט מען דעם חטאת פאר דער עולה, טא פארוואס איז דער פסוק מקדים די עולה פריהער?

נאר אנ׳עולה — זאגען די חז"ל — איז מכפר אויף מחשבה און א חטאת — אויף מעשה. דא, ביי א יולדת, איז דער עיקר קרבן — די עולה, דען געזינדיגט האט זי הויפטזעכליך מיט דער מחשבה, דערמיט, וואס „שבשעה שכורעת לילד קופצת ונשבע שלא תיזקק לבעלה" (נדה ל"א), און דערפאר, אלזא, ווערט דא, אלס אויסנאהם, דערמאהנט די עולה פריהער פאר׳ן חטאת...

(קרבן העני)

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת... (יג. ב.)

דערויף ווערט אנגעוויזען אין דער מסורה אויף פיער פסוקים: „אדם כי יהיה בעור בשרו", „אדם כי יקריב מכם קרבן", „אדם כי ימות באוהל", און „אדם ובהמה תושיע ד'".

דאס איז אנטקעגען די פיער תשובות, וואס זענען געגעבען געווארען אויף דער פראגע: „נפש החוטאת במה תתכפר"? די הכמה האט גע׳פסק׳נט: „נפש החוטאת תמות", די נביאים האבען ערקלערט: „תתייסר ביסורים", די תורה האט געזאגט: „יביא קרבן ויתכפר" און הקב"ה האט געענטפערט: „יעשה תשובה ויתכפר" (ילקוט תהלים כה.).

די ערשטע תשובה איז, אלזא: אדם כי ימות באוהל—„נפש החוטאת תמות".

די צווייטע תשובה: אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת — „תתייסר ביסורים".

די דריטע תשובה: אדם כי יקריב מכם קרבן — „יביא קרבן ויתכפר".

און די פיערטע תשובה: אדם ובהמה תושיע ד'—„יעשה תשובה ויתכפר".

אי דער מענש וועט דאדורך געראטעוועט ווערען, אי די בהמה, וועלכע מען וועט פערשפארען מקריב צו זיין אויפ׳ן מזבח...

(רבי שלמה קלוגער)

אויפ׳ן פסוק „אדם כי יהיה בעור בשרו" ווערט געזאגט אין מדרש: „כששמעו ישראל פרשת נגעים נתיראו, אמר להם משה אל תתיראו, אלו לעכו"ם, אבל אתם לאכול ולשתות"...

וואס ווערט געמיינט דערמיט? צי דען קומען נישט אויף אידען קיין נגעים, נאר אויף גוים?...

נאר — האט געזאגט דערויף רבי יצחק טארטשינער בדרך בדיחות — „אלו לעכו"ם". גוים, אז עס קומען אויף זיי נגעים, פיהלען זיי עס און זיי

בעמיהען זיך דערפון צו בעפרייען, „אבל אתם לאכול ולשתות", אידען אָבער עסען און טרינקען מיט די נגעים, אידען זענען סובל די נגעים און ווערען צו זיי שנעל צוגעוועהנט...

והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו הכהנים... (יג. ב.)

נאָך דער פטירה פון אַ געוויסען רבי'ן איז, ווי דער שטייגער איז, ענטשטאַנען אַ שאַרפע מחלוקת צווישען די קינדער, פון וועלכע יעדער האָט געוואָלט פערנעהמען דעם פאָטער'ס פלאַץ.

האָט רבי גרשון העניך פון ראַדזין דאַן געזאָגט:

אין פסוק שטעהט: „והובא אל אהרן הכהן או אל אַחד מבניו הכהנים". פאַרוואָס שטעהט נישט: „אל בניו הכהנים", נאָר „אל אַחד מבניו"?

נאָר צרעת, כידוע, קומט אויף לשון-הרע און די דאָזיגע מדה מגונה איז אַמשטאַרקסטען שכיח ביי די בני אהרן, ביי די רבי'שע קינדער און איי-ניקלעך, וועלכע רייסען זיך תמיד אַרום, אויסריידענדיג לשון-הרע איינער אויפ'ן צווייטען, און יעדער פון זיי טענה'ט, אַז נור ער איז ראוי צו זיין דעם טאַטענ'ס ממלא-מקום.

און דעריבער ווערט אָנגעזאָגט: „והובא אל אהרן הכהן או אל אַחד מבניו", אַז זיי, די כהנים, וועלכע דאַרפען רייניגען די מצורעים, וואָס האָבען געזינדיגט מיט לשון-הרע, זאָלען זיך אַליין נישט אָנשטעקען מיט דער דאָזיגער מיאוסע מדה, זיי זאָלען זיך נישט אַרומרייסען און עס זאָל זיין „אל אחד מבניו", איינער זאָל „פיהרען" — נישט אַלע...

ואם בהרת לבנה היא וכו' ועמוק אין מַרְאֶהָ מן העור... (יג. ד.)

„ועמוק אין מראה, לא ידעתי פירושו" (רש"י)

דעריבער, ווערט געטייטשט, איז: „לא ידעתי פירושו", ווייל אַ ווייסער פלעק אויף אַ טונקעלען פאַן זעהט געוועהנליך יאָ אויס, ווי ער וואָלט געווען טיעפער, און דערפאַר איז פאַר רש"י'ן געווען אונפערשטענדליך דער „ועמוק אין מראה מן העור".

אין „פענח רזא" ווערט געבראַכט אין נאָמען פון הגאון רבי יצחק בשם מהר"ר מאיר, אַז דער פשט אינ'ם דאָזיגען פסוק זאָל זיין אַזוי: „ואם

בהרת לבנה היא בעור בשרו ועמוק" און — "אֵין מַרְאֶהָ מִן העור", די נגע האָט נישט די זעלבע טונקעלע קאָליר, וואָס די הויט, נאָר זי איז ווייס און עמוק...

ואם פרוח תפרח הצרעת וכו׳ כלו הפך לבן טהור הוא... (יג. יב. יג.)

אויב דאָס גאַנצע צרעת, די גאַנצע טומאה איז שוין אַרויסגעקומען אין דרויסען — טהור הוא, איז ער מעהר נישט שעדליך. אויסערליכע טומאה, וועלכע וואַרפט זיך יעדען אין די אויגען, איז נישט מזיק, דען מען ווייסט זיך צו היטען פאַר איהר... שעדליך און געפעהרליך איז דער עיקר די פאַרבאָרגענע טומאה, דאָס צוגעדעקטע צרעת... (פתשגן הכתב)

כלו הפך לבן טהור הוא...

בשעת דער מלחמה פון אַרם מיט ישראל, ווען שומרון, די הויפּטשטאָדט פון מלכות ישראל, איז געווען בעלאַגערט און עס האָט געהערשט אין לאַנד אַ מורא׳דיגער הונגער און דער מלך ישראל האָט פון גרויס פאַרצווייפלונג צוריסען אויף זיך די קליידער, איז די בשורה, ווי עס ווערט דערצעהלט אין פסוק (מלכים ב. ז.), וועגען דער פלוצלונגער מפלה פון פיינד און וועגען דער אידישער ישועה און גאולה, אָנגעזאָגט געוואָרען דורך מצורעים. דען ביי׳ם מצורע געפינען מיר אַ מערקווירדיגע זאַך: שער לבן, ווייסע האָר, זענען אַ סימן טומאה, און דאָך — אויב "כלו הפך לבן טהור הוא", און דאָס זעלבע איז אויך מיט דער אידישער גאולה: אויב "דור שכלו חייב" — איז עס אַ סימן אויף ביאת-המשיח... (רבי יונתן אייבעשיץ)

וטמא טמא יקרא... (יג. מה.)

"מסאבא למסאבא קרי, דכתיב טמא טמא יקרא" דער טמא׳ניק שרייט אויפ׳ן צווייטען: "טמא!"... (זהר וישלח קס״ח)

בדד ישב, מחוץ למחנה מושבו... (יג. מו.)

און דעריבער איז "מצורע חשוב כמת", ווייל קוים ווערט ער אויסגעשלאָסען מחוץ למחנה און ער טאָר מיט קיינעם נישט קומען אין בעריהרונג, איז ער גלייך, ווי אָבגעשטאָרבען, דען — "או חברותא או מיתותא" (תענית כג)... (רבי יעקב קרא)

מְצוֹרָע

זאת תהיה תורת המצורע וכו׳ והובא אל הכהן... (יד. ב.)

צרעת קומט אויפ׳ן חטא פון לשון-הרע און דעריבער — „והובא אל הכהן״, ווייל אַממעהרסטען רכילות און לשון-הרע ווערט אויסגערעדט אויפ׳ן כהן, אויפ׳ן מנהיג...

(רבי חיים וואָלאָדשינער)

ביום טהרתו והובא אל הכהן... (יד. ב.)

געדאַרפט וואָלט דאָך, אייגענטליך, שטעהן „ביום טומאתו״, דען ברענגען ברענגט מען דאָך איהם צום כהן, ווען ער ווערט טמא?

נאָר אַזוי איז שוין דער שטייגער פונ׳ם לשון-הרע׳ניק: ביום טהרתו — מיט׳ן מאָמענט, ווי נור מען האָט איהם בעוויזען מטהר צו זיין פון דער פריהערדיגע זינד — והובא אל הכהן, דאַרף מען איהם שוין פאַר זיין בייזע צונג ברענגען נאָכאַמאָל צום כהן...

(אורי וישעי)

ר׳ מרדכי ראַקאָוער האָט אַמאָל געשילדערט פאַר די חסידים אין לובּלינער רבינ׳ס בית-מדרש, ווי אַזוי, מיט וואָסערע בכיות ויללות, דער „חוזה״ ריכט אָב חצות. בינתים איז דער חוזה אַריינגעקומען אין בית-מדרש און דערהערענדיג פונוויטענס דעם שמועס האָט ער אַ געשריי געטהון:

— האַ? לשון-הרע?

— וואָס הייסט — פערענטפערט זיך מרדכי ראַקאָוער — מפרסם זיין דעם רבינ׳ס התנהגות הייסט לשון-הרע?

— אַודאי! — בייזערט זיך דער חוזה — יענעמ׳ס אַ מצוה, אויב מען איז זי מפרסם ברבים, ווערט פון דער מצוה אַנ׳עבירה, וממילא איז עס לשון-הרע...

— אָט דאָס וויל איך טאַקי — וויצעלט זיך מרדכי ראַקאָוער אויף

זיין שטייגער — דען ווען איינער רעדט אויף'ן צווייטען לשון־הרע, זאָגען די חז"ל, איז דער עונש זיינער, אַז ער נעהמט איבער יענעם'ס עבירות. איז וויל איך טאַקי, רבי, אַז פון אייער מצוה פון „תיקון חצות" זאָל ווערען אַנ'עבירה און — איך זאָל זי איבערנעהמען...

„שלש עבירות אין אדם ניצול מהן בכל יום וכו' ואבק לשון הרע" (בבא בתרא קס"ה)

„אָבק לשון־הרע" — ערקלערט רבי יוסף חיים קרא — מיינט מען אַזאַ לשון־הרע, בעת וועלכען דער דערצעהלער, בכדי מען זאָל איהם גלויבען, שיט ער יענעם שטויב אין די אויגען, בעשמעלצענדיג דעם שקר מיט אביסעל אמת...

אין ירושלמי (מס' פאה פרק א') ווערט געזאָגט: „איזהו לשון־הרע? האומרו והיודעו".

וואָס ווערט געמיינט מיט'ן וואָרט „והיודעו"?

נאָר אין די ספרי מוסר ווערט געבראַכט, אַז מען דאַרף זיך היטען צו דערמאָהנען דעם נאָמען פון אַ מענש פאַר אַזעלכען, וועגען וועלכען מען ווייסט, אַז ער איז יענעם אַ שונא און בשעת מען וועט דערמאָהנען פאַר איהם יענעמ'ס נאָמען וועט ער אַודאי אָנהויבען צו ריידען אויף איהם שלעכטס.

און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „האומרו", ווען ער רעדט אַליין לשון־הרע, „והיודעו", און ווען ער ווייסט און איז גורם דערצו, אַז יענער זאָל ריידען לשון־הרע...

(עלה דיונה)

דער רבי ר' העשיל האָט געשטראָפט זיינעם אַ תלמיד דערפאַר, וואָס ער האָט גערעדט אויף עמיצען לשון־הרע און ער האָט איהם בעפוילען, ער זאָל געהן יענעם מפייס זיין.

דער תלמיד איז אונצופרידען געווען פונ'ם דאָזיגען בעפעהל, ערקלעי־רענדיג, אַז יענער איז אַ פּראָסטער מענש און עס איז נישט לפי כבודו צו געהן איהם מפייס זיין. עס איז דאָך פאַרהאַן — האָט ער צוגעגעבען — אַנ'אַנדערע עצה אויסצוקויפען דעם דאָזיגען חטא: דורך תורה, דען עס איז דאָך אַ בפירוש'ע גמרא: „מה תקנתו של מספר לשון הרע? אם תלמיד חכם הוא יעסוק בתורה וכו' ואם עם־הארץ הוא ישפיל דעתו" (ערכין ט"ו).

— מען מיינט נישט — ענטפערט איהם דער רבי ר' העשיל — אַז מיט עוסק זיין בתורה איז מען מכפר דעם חטא פון לשון־הרע. מיט בלויז תורה ווערט קיין שום חטא נישט מכופר. די כונה איז אַ גאַנץ אַנדערע. די חז"ל זאָגען, אַז „הרב שמחל על כבודו כבודו מחול", דען עס שטעהט „ובתורתו

יהגה יומם ולילה" און קוים איז ער עוסק בתורה איז „תורה דיליה הוא", איז עס „תורתו", זיין תורה און זיין כבוד-התורה, אויף וועלכער ער קאן שוין מוחל זיין (קידושין ל"ב)... און דאס, אלזא, איז דער פשט אין דער גמרא: „אם תלמיד חכם הוא", און ער האלט, אז עס איז נישט קיין כבוד-התורה צו ערנידריגען זיך פאר א פראסטען מענש און צו געהן יענעם מפייס זיין— „יעסוק בתורה", און דאן וועט זיין „תורה דיליה הוא" און ער וועט מעגען מוחל זיין אויף איהר כבוד...

ועץ ארז ושני תולעת ואזוב... (יד. ד.)

„לפי שהנגעים באין על גסות הרוח" (רש"י)

דער „ארז" איז מרמז אויף גאווה, דער „אזוב" — אויף ענוות, און אויףביידע זאכען — האט געזאגט דערויף דער חידושי הרי"ם — דארף מען האבען א כפרה, דען גאנץ אפט זינדיגט דער מענש אויך מיט ענוות. דער זעלבער בעל-גאווה, וואס אויב עס איז עמיצער פוגע, חלילה, אויף א האהר אין זיין כבוד, איז ער גרייט צו ווערען יענעם א יורד לחייו, ווערט אפט א געוואלדיגער עניו בשעת מען קומט צו איהם נאך עפיס א טובה. דאמאלס ווערט ער מיטאמאל זעהר שפל'דיג ביי זיך, טענה'נדיג, אז איהם הערט מען נישט, ער האט א קנאפע דעה ביי מענשען און ער קאן נעביך גאר-נישט אויפטהון...

ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם... (יד. לד.)

מיט נגעים ווערט מען בעשטראפט „על גסות הרוח" און דערפאר קומען נגעים אויך אויף בתים און בגדים, דען זיי זענען די הויפט-גורמים פון גאוה. דער רוב בעלי-גאוה זענען די יעניגע, וואס האבען אייגענע הייזער און וואס טראגען שענע קליידער...

(רבי משה קאברינער)

והגיד לכהן לאמר כנגע נראה לי בבית... (יד. לה.)

דען אויף „ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם" זאגען די חז"ל: „בשורה היא להם וכו' לפי שהטמינו האמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם וכו'", און דעריבער זאגט ער נישט: „נגע נראה לי בבית", נאר — „כנגע", עס זעהט נור אויס ווי א נגע, ווי א צרה. אזוי דוכט זיך איהם. באמת אבער איז פערקעהרט — „בשורה היא להם"...

(אמרי אש)

זאת התורה לכל נגע הצרעת... (יד. נד.)

די תורה איז אַ רפואה צו אַלע ליידען, „לכל נגע הצרעת" — „חש בראשו יעסוק בתורה וכו' חש בכל גופו יעסוק בתורה" (עירובין נ"ד)...

(דגל מחנה אפרים)

להורות ביום הטמא וביום הטהור... (יד. נז.)

„דברי תורה — זאָגען די חז"ל — אין מקבלין טומאה" (ברכות כ"ב). להורות — לערנען, עוסק זיין בתורה, איז ערלויבט יעדען מענש און אין אַלע צייטען — ביום הטמא וביום הטהור. מעג אַזאַ איינער זיין ווי אומריין און ווי טמא, אויב ער לערנט נור תורה — וועט זי איהם סוף כל סוף מטהר זיין...

(משענת משה)

וְהַדָּוָה בנדתה... (טו. לג.)

„והדוה בנדתה, זקנים הראשונים אָמרו, שלא תכחול ולא תפקוס וכו' עד שבא רבי עקיבא ולימד, אם כן אַתה מגנה על בעלה ונמצא בעלה מגרשה" (שבת ס"ד)

דעריבער איז רבי עקיבא נישט מסכים מיט דער מיינונג פון די זקנים, און איז מקיל, אַז אַפילו אַ נדה מעג זיך פוצען און ציערען, ווייל רבי עקיבא האַלט, אַז „כי מצא בה ערות דבר — אַפילו מצא אחרת נאה הימנה" (גיטין צ'), און דערפאַר האָט ער אַזוי מורא פאַר'ן „ונמצא בעלה מגרשה"...

(רבי יעקב, ליסער רב)

אַחֲרֵי מוֹת

אחרי מות שני בני אהרן... (טז. א.)

„בשביל ד' דברים מתו בני אהרן וכו' ועל שהיו מחוסרי בגדים, מה היו חסרין? — מעיל" (מדרש רבה)

פרעגט דער רא"ש: וואָס פאַר אַ חטא זענען זיי דערמיט בעגאַנגען? פאַרקעהרט, זיי האָבען דאָך עפ"י דין גאָר נישט געטאָרט טראָגען קיין מעיל, דען אַ מעיל געהער דאָך צו די בגדי כהן גדול און זיי זענען דאָך געווען כהנים הדיוטים?...

ווערט דערויף געענטפערט:

דערמיט, וואָס זיי זענען אַריינגעגאַנגען לפני ולפנים, האָבען זיי בעוויזען, אַז זיי בעטראַכטען זיך פאַר כהנים גדולים, דען אַ כהן הדיוט טאָר דאָך אַהין נישט אַריינגעהן, און ממה נפשך איז זיי דעריבער געקומען דער עונש: זענען זיי כהנים הדיוטים — וואו קומען זיי אַריינצוגעהן לפני ולפנים? האָבען זיי זיך ווידער גערעכענט אַלס כהנים גדולים — פאַרוואָס האָבען זיי נישט געטראָגען קיין מעיל?...

בזאת יבא אהרן אל הקודש... (טז. ג.)

אין שנת ת"ח, אינ'ם טרויעריגען יאָהר פון די שרעקליכע אידישע צרות, האָבען פערשיעדענע מקובלים דאַן אָנגעוויזען, אַז די גרויזאַמע צרות בעווייזען אויף עקבתא דמשיחא און אַז דאָס דאָזיגע יאָהר וועט מיט זיך ברענגען די גאולה, געפינענדיג דערויף אַ רמז אין פסוק: „בזאת יבא אהרן אל הקודש", „זאת" איז בגמטריא ת"ח.

דעם דאָזיגען רמז געפינען מיר אויך ביי רבי שמשון אָסטראָפּאָלער.

נאָכדעם, ווי דאָס יאָהר איז אַריבער און די גאולה איז ליידער נישט געקומען, זענען די אידישע מאַסען אַריינגעפאַלען אין גרויס יאוש און פער צווייפ ונג און דאַן האָט דער ש"ך (רבי שבתי הכהן) פערעפענטליכט אַ קול-קורא צום פאָלק, אין וועלכען ער האָט ערקלערט:

„מאת ד׳ היתה זאת״ — דער „זאת״, דאָס יאָהר ת״ח, איז געווען בע־שטימט פון השי״ת — „היא נפלאת בעינינו״ — אַז מיר זאָלען זעהען דאָס גרויסע וואונדער, אָבער — „זה היום עשה ד׳״ — די מניעה דערצו איז געווען דער „היום״, ווי די חז״ל דערצעהלען אין סנהדרין: בשעת רבי יהושע בן לוי האָט געפרעגט משיח׳ן: „אימתי אתי מר״? האָט ער געענטפערט: „היום, היום אם בקולי תשמעו״.

פריהער פון אַלעם דאַרפען אידען תשובה טהון, און דער דאָזיגער „היום״, די תשובה — דאָס האָט ליידער געפעהלט...

שני שעירי עזים לחטאת... (טז. ה.)

„שני — שיהי׳ שניהם שוין, במראה ובקומה וכו׳״ (יומא ס״ב)

און פונדעסטוועגען, כאָטש אויסערליך זענען זיי געווען ביידע גלייך, איז איינער געווען לד׳ און דער צווייטער — לעזאזל...

און דעריבער זאָגט די גמרא (שבועות ב׳), אַז די שעירים האָבען מכפר געווען על טומאת מקדש וקדשיו, דען דוקא ביי קדושה־זאַכען איז שווער אויסערליך מבחין צו זיין, ווער ס׳איז באמת לד׳, ווער עס מיינט ערנסט און אויפריכטיג מיט דער קדושה און ווער עס איז — לעזאזל...

(לקט אמרים)

ונתן אהרן על שני השעירים גורלות וכו׳... (טז. ח.)

ביידע שעירים זענען געווען גלייך. דער שעיר לעזאזל האָט נישט מעהר בעטראָפען, ווי דער שעיר לד׳. מען פערלאַנגט נישט פון אייך — האָט מען דערמיט בעוויזען די אידען — צופיעל. זאָל די צדקה און די אַלע נתינות, וואָס מען פאָדערט פון אייך אויף הייליגע צוועקען, בעטרעפען על כל פנים אַזוי פיעל, וויפיעל איהר זענט מפזר אויף לוקסוס און פערוויי־לונגען. געב פאַר׳ן אויבערשטען כאָטש אַזוי פיעל, וויפיעל דו גיסט פאַר׳ן טייוועלס וועגען...

(הרב י. לאַזאַראָוו)

כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו וכו׳... (יח. ג.)

אויב איהר ווילט וויסען, ווי אַזוי איהר האָט זיך אויפצופיהרען, קוקט זיך צו צו דער „מעשה ארץ מצרים״ און צו די „מעשה ארץ כנען״ און — טהוט פערקעהרט... און דאָס איז דער פשט פון פסוק: „לך מנגד לאיש כסיל

וּבַל ידעת שפתי דעת" (ישעי' יד. ז.). אויב ס'איז „בל ידעת שפתי דעת", אויב דו האָסט נישט אַליין געגוג דעת צו קענען מבחין זיין בין טוב לרע, וועלכער עס איז דער ריכטיגער און וועלכער דער פאַלשער וועג, איז די עצה דערצו: „לך מנגד לאיש כסיל", וְוִיִים דער כסיל טהוט—טהו פערקעהרט...
(שפתי דעת פון כלי יקר)

ובחוקותיהם לא תלכו... (יח. ג.)

דען אידען האָבען, ליידער, אַ טבע נאָכצוטהון די גוים אַפילו אין אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען „חוקים", וואָס האָבען קיין שום זין און טעם נישט...
(יוסף דעת)

דער רמב"ם (הלכות עכו"ם פי"א) רעכענט אויס אַ רייה ביישפּיעלען, וועלכע געהען אַריין אין כלל פון „חוקות הגוים", ווי למשל: „לא ילבש במלבוש המיוחד להם, לא יגדל ציצית ראשו כמוהם, לא יגלח מן הצדדין וכו' כמו שהם עושים, לא יבנה מקומות כבנין של עכו"ם וכו'. דאָס זעלבע ווערט געזאָגט אין שו"ע יו"ד קע"ח. אָבער דערויף בעמערקט דאָרט דער רמ"א און זאָגט: „וכל זה אינו אסור אלא בדבר שנהגו בו עכו"ם לשום פריצות וכו' או בדבר שנהגו למנהג ולחק וכו'. ד. ה. זאַכען, וועלכע טראָגען אַ געוויסען רעליגיעזען כאַראַקטער און וועגען וועלכע עס איז דעריבער מורא צו האָבען פאַר'ן „פן תנקש אחריהם", אָבער נישט אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען איינגעפיהרט געוואָרען צוליעב בעקוועמליכקייט און שענקייט.

איבריגענס, געבען אונז די חז"ל וועגען דעם גאַנץ דייטליכע אָנוויי-זונגען: „כתיב כמשפטי הגוים אשר סביבותיכם לא עשיתם, וכתיב וכמשפטי הגוים אשר סביבותיכם עשיתם, כמתוקנין שבהן לא עשיתם, כמקולקלין שבהן עשיתם" (סנהדרין ל"ט). נאָר אויף זייערע שלעכטע מעשים, הייסט עס, בעצ-ציהט זיך דער „ובחוקותיהם לא תלכו", אָבער נישט אויף די גוטע מעשים...

את משפטי תעשו ואת חקותי תשמרו ללכת בהם... (יח. ד.)

עס דאַרף כסדר זיין „ללכת בהם", כסדר שטייגען, נישט בלייבען שטעהן אויף אַנ'אָרט. ביי תורה איז די עמידה — אַ ירידה... און דערפאַר ווערט געזאָגט: „דור שבן דוד בא בו זקנים יעמדו מפני הנעורים", די זקנים וועלען דאַן בלייבען הינטערשטעליג און שטעהן אויף איין אָרט, אויף איין מדרגה מיט די נעורים...
(כתב סופר)

ושמרתם את חקותי וכו׳ אשר יעשה אותם האדם וחי בהם, אני ד׳... (יח. ה.)

פאַרהאַן אַזעלכע „מצוות שכליות״, וואָס זענען דורך אַלעמען אָנגענומען און דורך אַלעמען אַנערקענט, וואָס דער שכל איז זיי מחייב אַלס זאַכען, וואָס זענען נויטווענדיג פאַר׳ן מענשליכען צוזאַמענלעבען. אָבער אויפ׳ן מענשליכען שכל קאָן מען זיך נישט צו־שטאַרק סומך זיין. דאָס, וואָס דער שכל דיקטירט היינט אַלס פערברעך, קאָן מאָרגען דורכ׳ן זעלבען שכל, דורך פערשיעדענע, „לאָגישע אַרגומענטען״, אַנערקענט ווערען אַלס טויגענד... און דעריבער: ושמרתם את חקותי ואת משפטי — אויך די דאָזיגע חוקים ומשפטים — אשר יעשה אותם האדם — וועלכע ווערען אַנערקענט דורך אַלע מענשען, ווייל עס איז — וחי בהם — זאָלט איהר אָבהיטען, נישט דערפאַר, ווייל דער שכל איז אַזוי מחייב, נאָר ווייל — אַני ד׳ — ווייל איך הייס אייך אַזוי טהון. אויפ׳ן שכל זאָלט איהר זיך נישט פערלאָזען...

(ישועות יעקב)

אַשר יעשה אותם האָדם וחי בהם... (יח. ה.)

„וחי בהם״, מקיים זיין זאָל מען די מצוות בשעת מען איז נאָך פריש און פול מיט לעבען. נישט ווי די יעניגע, וועלכע ווערען פרום ערשט אויף דער עלטער, פאַר׳ן טויט...

(בינת נבונים)

„וחי בהם״... לעבעדיגע מצוות זאָלען עס זיין, פול מיט חיות און מיט ברען, נישט קיין טויטע מצוות, קיין „מצוות אנשים מלומדה״...

(רבי מענדעלע קאָצקער)

ואשה אל אחותה לא תקח... (יח. יח.)

לעתיד לבוא — ווערט געזאָגט אין מדרש — בשעת מען וועט מכבד זיין יעקב׳ן מיט׳ן כוס צו בענשען, וועט ער זיך אָבזאָגען דערפון, ערקלערענדיג: „עלי כתיב ואשה אל אחותה לא תקח״.

וואָס עפיס „עלי כתיב״? דער דאָזיגער פסוק איז דאָך געזאָגט געוואָרען אויף אַלעמען, נישט בלויז אויף יעקב׳ן?

נאָר דאָס לשון אין פסוק זעהט אין פלוג אויס צו זיין נישט ריכטיג, דען די צווייטע שוועסטער געהט ער דאָך נעהמען ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט שוין גענומען די ערשטע שוועסטער פאַר אַ פרוי, און אויב אַזוי האָט דאָך געדאַרפט שטעהן: „ואחותה אל אשה לא תקח״?...

בלויז אין בעצוג צו יעקב׳ן געשיקט זיך דאָס דאָזיגע לשון, דען ביי

יעקב׳ן איז דאָך רחל געווען די עקרת הבית, נור מיט איהר האָט ער גע-וואָלט חתונה האָבען, און בלויז עפ״י טעות האָט ער גענומען פריהער די שוועסטער, און דערפאַר טאַקי איז — „עלי כתיב ואשה אל אחותה לא תקח״...
(רבי ר׳ העשיל)

ולא תקיא הארץ אתכם וכו׳... (יח. כח.)

ס׳איז אַ משל — זאָגט דערויף דער דובנער מגיד — צו איינעם, וועל-כער האָט געהאַט אַ בן-יחיד און גלייכצייטיג האָט ער אויך ערצויגען ביי זיך אין הויז אַ פרעמדען יתום. לימים האָבען די ביידע קינדער שווער געזינדיגט, אָבגעטהון אַ מיאוסע מעשה, און דער פאָטער איז אין כעס געוואָרען און האָט בעשלאָסען זיי שטרענג צו בעשטראָפען: דעם בן-יחיד זיינעם האָט ער געשלאָגען מכות נמרצות, דעם פרעמדען יתום דאַגעגען האָט ער אינגאַנצען פון שטוב אַרויסגעטריבען.

און דאָס זאָגט דער פסוק: „ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה, כאשר קאה את הגוי אשר לפניכם״, די פרעמדע אומות האָט דאָס לאַנד פאַר זייערע זינד אינגאַנצען אויסגעשפיגען און אַרויסגעטריבען פון זיך, ביי אייך דאַגעגען וועט זיין: „כי כל אשר יעשה מכל התועבות האלה ונכרתו הנפשות העושות מקרב עמם״, איהר וועט שטרענג בעשטראָפט ווערען, פעראורטיילט ווערען צו כרת, אָבער איהר וועט נישט אויסגעשפיגען ווערען פון לאַנד, זי וועט נישט איבערייסען מיט אייך די בעציהונגען און נישט פערשליסען פאַר אייך אויף שטענדיג די טויערן, וואָרום, „אני ד׳ אלקיכם״, איך בין אייער גאָט, אייער פאָטער, און אַ פאָטער פערטרייבט נישט פון זיך זיין קינד, זיין בן-יחיד, אויף שטענדיג...

אַ צווייט משל פון דובנער מגיד:

משל למה הדבר דומה? צו איינעם, וואָס האָט חתונה מיט אַ גרושה, וועלכע האָט פריהער געהאַט אַ מאַן אַ הולטיי. אַזאַ פרוי איז שטאַרק איי-פערזיכטיג אויפ׳ן צווייטען מאַן. זי האָט אַלץ מורא, צי געהט ער נישט אַמאָל אינ׳ם ערשטען מאַנ׳ס דרכים, אויף טריט און שריט איז זי איהם חושד. מיט אַזאַ פרוי, וועלכע האָט כסדר פאַר זיך דאָס בילד פונ׳ם ערשטען, אויסגעלאָסענעם מאַן, איז די ערשטע צייט טאַקי אַ ביסעל שווער צו לעבען. אַ מעלה האָט זי אָבער, וואָס אויב זי איבערצייגט זיך, אַז דער דאָזיגער צווייטער מאַן איז נישט געראָטען אינ׳ם ערשטען, ווייסט זי איהם דאַן, ווי צו שעצען...

כך, אַזוי איז מיט ארץ-ישראל. „כי כל את התועבות האל עשו אנשי הארץ אשר לפניכם ותטמא הארץ״. זי האָט זיך זעהר פיעל אָנגעליטען פון

די פריהערדיגע מענער, די אמוריים און די כנענים, און זי איז דערי־בער געווארען זעהר עמפינדליך, שטארק אייפערזיכטיג. א מעלה האט זי אבער, וואס אויב זי וועט זיך איבערצייגען, אז איהר זענט נישט געראטען אין יענע הולטייעס, ווער זי וויסען, ווי אזוי אייך צו שעצען און „ולא תקיא הארץ אתכם", ווער זי אייך נישט אויסשפייען, זיך פון אייך נישט שיידען, און וואס פאר א רוגז עס זאל צווישען אייך נישט פארקומען, וועט זי אבער שטענדיג גרייט זיין זיך מיט אייך איבערצובעטען...

קְדוֹשִׁים

קדושים תהיו... (יט. ב.)

„מלמד שפרשה זו נאמרה בהקהל" (מדרש)

רבי יונתן אייבעשיץ האט אמאל געזאגט די דאזיגע ווערטער — צו איינעם א פרוש, וועלכער האט זיך געהאלטען אבגעזונדערט פון מענשען. „קדושים תהיו" ! — לערנט אונז די תורה, אבער — „פרשה זו נאמרו בהקהל", נישט אנטלויפען פון קהל, נישט פראווען קיין התבודדות און נזירות. נזירות איז געגען גייסט פון אידענטום...

לא תגנובו... (יט. יא.)

דער דין איז, לויט'ן רמב"ם און אנדערע פוסקים, אז אויב צוויי מענשען האבען גע'גנב'עט און פערקויפט א נפש, קומט זיי נישט קיין מיתה, דאגעגען אויב צוויי האבען בשותפות גע'גנב'עט געלד, זענען זיי חייב בתשלומי כפל.

פרעגען די מפרשים: וואו איז דער מקור פון דער דאזיגער הלכה, פונוואנען איז עס גענומען געווארען ?

ערקלערט דערויף רבי פנחס הלוי הורוויץ (בעל הפלאה):

אין די עשרת הדברות שטעהט „לא תגנוב" בלשון יחיד, און דערויף זאגען די חז"ל, אז דאס איז „אזהרה לגונב נפשות", און דעריבער, אויב די גנבה איז אויסגעפיהרט געווארען נישט דורך א יחיד, נאר דורך א רבים, דורך עטליכע שותפים, זענען זיי פטור. אין קדושים דאגעגען שטעהט „לא תגנובו" בלשון רבים און דערויף ווערט געזאגט, אז דאס איז „אזהרה לגונב ממון", און דעריבער זענען ביי גנבת ממון אויך שותפים חייב...

לא תגנובו ולא תכחשו ולא תשקרו... (יט. יא.)

צום לאדזער רב, רבי אלי' חיים מייזיל, איז אמאל געקומען א איד א סוחר און איהם פערטרויט אזא מעשה:

— אליין — זאגט דער איד — בין איך נישט קיין היגער, פון לאמזע

בין איך, פון דער זעלבער שטאָדט, וואו איהר, רבי, זענט פריהער געוועזן רב. געקומען בין איך קיין לאָדז אין געשעפטליכע ענינים און בין איינגע־שטאַנען אין אַנ׳אַכסניא ביי דעם און דעם. היינט פריה האָב איך געזאָלט אַהיימפאָהרען. כ׳האָב מיך אָבגערעכענט מיט׳ן בעל־אַכסניא, אָבגעגעבען איהם דעם שליסעל פון צימער און בין אַוועק צו דער באַהן. כ׳קום אויפ׳ן וואָקזאל, כ׳וויל צוגעהן קויפען אַ בילעט, כאַפּ איך זיך, אַז כ׳האָב דעם טייסטער מיט׳ן געלד צוזאַמען מיט׳ן גאָלדענעם זייגער פערגעסען אין דער אכסניא, וואו כ׳האָב עס אַרונטערגעלעגט פאַר׳ן שלאָפען אונטער׳ן קישען. לויף איך צוריק אין דער אַכסניא און דערצעהל דעם בעל־אַכסניא, אַז כ׳האָב פערגעסען אין צימער דאָס געלד מיט׳ן זייגער, אויף וואָס ער ענט־פערט מיר מיט אַ תמעוואַטע מינע, אַז ער איז נאָך ביי מיר אין צימער נישט געוועזן און אַז ער איז גרייט מיט מיר אַרויפצוגעהן אַ זוך טהון.

מיר געהען אַריין אין צימער, דערקען איך תיכף, אַז מען איז שוין יאָ דאָ געוועזן, און ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט — אונטער׳ן קישען איז שוין גאָרנישט געלעגען... אַ שווייס בעגיסט מיך און עס ווערט מיר פינ־סטער פאַר די אויגען. אין טייסטער האָב איך געהאַט ליגען אַ היבשע סומע געלד און וועקסלען, אַ פערצווייפעלטער נעהם איך נישטערען אין אַלע ווינקעלען. דער בעל־אַכסניא שטעהט די גאַנצע צייט אָן אַ זייט און ער „בערוהיגט״ מיך, אַז מסתמא האָט מען ביי מיר דאָס געלד אַרויסגע׳גנב׳עט אין גאַס, אויף וואָס איך הויב אָן שרייען, אַז דאָס איז אויסגעשלאָסען, מחמת כ׳געדענק קלאָר, אַז פאַר׳ן שלאָפען האָב איך דעם טייסטער אַוועקגעלעגט אונטער׳ן קישען און היינט אין דער פריה האָב איך עס נישט אַרויסגענומען. דאָ ווערט שוין דער בעל־אַכסניא בייז און ער ענטפערט מיר מיט כעס, אַז ביי איהם אין אַכסניא גנב׳עט מען נישט, ביי איהם איז קיינמאָל קיין פּאָדעם נישט פערלוירען געוואָרען... זעה איך דאָך, אַז איך וועל מיט איהם גאָר־נישט מאַכען, האָב איך נישט גערעדט מעהר קיין וואָרט און בין אַוועקגע־גאַנגען, און אָט בין איך געקומען, רבי, צו אייך. פון אייער חכמה, רבי, רעדט מען נאָך עד־היום ביי אונז אין לאָמזע. גיט־זשע מיר, רבי, אַנ׳עצה, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען מיין געלד. ביי מיר איז ברור כשמש, אַז דער בעל־אַכסניא אַליין האָט עס אַרויסגענומען.

רבי אלי׳ חיים האָט גראָד געקענט דעם בעל־אַכסניא. ערשט מיט עטליכע טעג צוריק האָט ער געהאַט ביי איהם אַ דין־תורה, וואו ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס נישט קיין עהרליכער מאַן. הייסט רבי אלי׳ חיים וואַרטען דעם סוחר אין אַ צווייטען צימער און ער שיקט דעם שמש רופען דעם בעל־אַכסניא. יענער, מיינענדיג, אַז דער רב רופט איהם מכוח דער דין־תורה, איז תיכף געקומען.

פערפיהרט רבי אלי׳ חיים מיט איהם אַ שמועס, און טאַקי מכוח יענער דין־תורה. דער בעל־אכסניא היצט זיך און ווייזט אויף, אַז ער איז גערעכט, און אַ טבע האָט ער געהאַט צו האַלטען תמיד אין האַנד אַ זיל־בערנע טאַבאַק־פּושקע.

— זייט מוחל — זאָגט צו איהם רבי אלי׳ חיים—גיט מיר אַ שמעק־טאַבאַק.

גיט ער רבי אלי׳ חיים׳ן די טאַבאַק־פּושקע. רבי אלי׳ חיים נעהמט איינמאָל אַ שמעק־טאַבאַק, אַ צווייט מאָל, און יענער האַלט אַלץ אין איין ריידען.

פּלוצלונג הויבט זיך רבי אלי׳ חיים אויף, בעט דעם בעל־אכסניא מוחל זיין אַ ווײַלע, און געהט אַרויס פון בית־דין שטוב.

— לויף שוין — מאַכט ער צום שמש — צום בעל־אכסניא אַהיים און זאָג זיין ווייב, אַז דער מאַן איהרער, וועלכער זיצט איצט בײ׳ם רב, האָט געהייסען אַרויסגעבען דעם טייסטער מיט׳ן גאָלדענעם זייגער, וואָס דער לאַמזער סוחר האָט היינט פערגעסען, פאַר אַ סימן האָט ער געשיקט די זילבערנע טאַבאַק־פּושקע זיינע.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז שוין דער שמש געווען צוריק מיט׳ן טייסטער און מיט׳ן זייגער...

רבי אלי׳ חיים איז אַריין צוריק אין בית־דין שטוב, גענומען נאָך אַ שמעק־טאַבאַק און אָבגעגעבען דעם בעל־אכסניא די טאַבאַק־פּושקע, געשמועסט מיט איהם אַ ביסעל, ביז יענער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועקגעגאַנגען.

און דאַן האָט רבי אלי׳ חיים אַריינגערופען דעם לאַמזער סוחר, אויס־געפרעגט איהם די סימנים און איהם אָבגעגעבען די גנבה...

(די וועלט דערצעהלט)

לא תלך רכיל בעמך... (יט. טז.)

„לית מלה בעלמא דישתמודעין ליה לבר נש אלא בזמנא דאפתח פומיה, פומיה הודע לבני נשא מאן הוא" (דורך קיין זאַך קאָן מען נישט דערקענען קיין מענשען, ווי נור דאַן, ווען ער עפענט אויף זיין מויל. דאָס מויל זיינס איז אַלעמען מודיע, ווער ער איז)...

(זהר, בלק)

„עיינין ואודנין לא קיימין ברשותיה דבר נש ופומא איהו ברשותיה" (די אויגען און די אויערען זענען נישט איז מענשענס רשות, דאָס מויל אָבער איז יאָ אין זיין רשות)...

(זהר, מקץ)

הוכח תוכיח את עמיתך... (יט. יז.)

„את עמיתך" — מיט דיין חבר. אין איין וועג און ביי דער זעלבער געלעגענהייט. זאָלסטו זיך אַליין אויך אַ ביסעל אויס׳מוסר׳ן... (רבי עוזיאל מייזילש)

הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא... (יט.יז.)

„ולא תשא עליו חטא". בשעת דו שטראָפסט און מוסר׳סט דעם חבר דיינעם, זאָלסטו נישט אַמאָל אַליין אין דער זעלבער צייט טראָגען אויף זיך דעם זעלבען חטא, וועגען וועלכען דו זאָגסט איהם מוסר... (מחזה אברהם)

הוכח תוכיח וכו׳ לא תקום ולא תטור... (יט. יח.)

אויב ער האָט זיך נישט גערעכענט מיט דיין מוסר און עס האָט נאָכ־הער פּאַסירט מיט איהם אַנ׳אומגליק — זיי דיך נישט נוקם און זאָג נישט: אַ מצוה אויף איהם! דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט מיך נישט געהאָרכט!... (רבי יחזקאל שינאוועער)

לא תקום ולא תטור...

„כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש אינו תלמיד חכם" (יומא כ״ב)

וואָס עפּעס גראָד כנחש?

נאָר אין אַ מאמר פריהער דאָרט ווערט געזאָגט: „מפני מה נענש שאול, מפני שמחל על כבודו שנאמר וכו׳ וכתיב ויעל נחש העמוני ויחן על יבש גלעד", און אין אַנ׳אַנדער אָרט זאָגען די חז״ל, אַז נחש דער מלך פון עמון האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין די אידען דערפאַר, ווייל עס איז געשריבען אין דער אידישער תורה: „לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ד׳", און דערויף אייגענטליך קומט דער צווייטער מאמר און זאָגט: „כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש", ווי נחש העמוני, וואָס זיין נקמה האָט נישט געטראָגען קיין פּערזענליכען כאַראַקטער, נאָר ער איז זיך געגאַנגען אָנגעהמען דעם בעליידיגטען כבוד פון זיין פאָלק... (דברי חכמים)

ואהבת לרעך כמוך אני ד׳... (יט. יח.)

לפנים האָט יעדער מענש אַ סך מכלומר׳שטע גוטע פריינד, וועלכע געבען זיך אָן אַלס זייער האַרציגע ידידים, און אין האַרצען זענען זיי איהם באמת שונאים, הינטער די אויגען ריידען זיי אויס אויף איהם אַלדאָס בייז.

„ואהבת לרעך כמוך — אַני ד׳״, און מיך וועט איהר נישט אָבנאַרען. איך ווייס דעם אמת, צי האָט איהר ווירקליך ליעב דעם חבר אייערען, אָדער איהר זענט בלויז אַ מכלומר׳שטער, געמאַכטער, פאַלשער פריינד...

(ארונו של יוסף)

„ואהבת לרעך כמוך״ — אויב דו וועסט ליעב האָבען דיין חבר, אַפילו ווען ער פיהרט זיך נישט אויף געגען דיר כהוגן, אַפילו ווען ער האָט די דאָזיגע ליעבע ביי דיר נישט פערדיענט, דאַן — „כמוך אַני ד׳״, וועל איך זיך אויך מיט דיר אַזוי אויפפיהרען, וועל אויך איך האַנדלען מיט דיר לפנים משורת הדין...

(רבי אברהם משה מפשיסכע)

דער מענש איז בטבע צופרידען, ווען יענער שטעהט נידריגער פאַר איהם, ער האָט אויך דרך־ארץ פאַר אַזעלכען, וועלכער שטעהט העכער פון איהם, דאַגעגען האָט ער נישט גערן אַזעלכען, וועלכער געפינט זיך מיט איהם אויף דער זעלבער עקאָנאָמישער און גייסטיגער שטופע און פערמאָגט די זעלבע מעלות, וואָס ער. „כל אומן שונא את בני אומנתו״.

„ואהבת לרעך כמוך״ — אַפילו ווען ער איז „כמוך״...

(אבק סופרים)

„ואָהבת לרעך כמוך — אָמר רבי עקיבא, זה כלל גדול בתורה״ (ירושלמי נדרים פ״ט)

דער דאָזיגער כלל איז זעהר נויטיג „בתורה״, אויפ׳ן געביט און צווישען די, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דער תורה, ווייל צווישען זיי קומען פאַר זעהר אָפטע מחלוקת׳ן און זיי פעהלט אַממעהרסטען דער „ואהבת לרעך״.

און דערפאַר ווערט אויך געזאָגט: „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם״. דעריבער פערנעהמען זיי זיך אַזויפיעל מיט מרבה זיין שלום, ווייל ס׳איז פאַראַן ביי זיי שטענדיגע מחלוקת׳ן...

(רשפי אש)

בקרת תהיה... (יט. כ.)

אין רמב״ן אויפ׳ן דאָזיגען פסוק ווערט געזאָגט, אַז דאָס וואָרט „הפקר״ ווערט אין דער גמרא געשריבען מיט אַ פ׳, דאַגעגען אין דער משנה — מיט אַ ב׳, ווי: „בית שמאי אומרים הבקר לעניים הבקר״, און דער רמב״ן פיהרט אויס: „ וכן בכל מקום במשנה הלשון בבית״.

אַ פלא. פאַקטיש געפינען מיר נור צוויי מאָל אין דער משנה דאָס וואָרט „הבקר״ מיט אַ ב׳, וועהרענד אין אַלע אַנדערע ערטער ווערט עס אויך אין דער משנה געשריבען מיט אַ פ׳, ווי אין פאה פרק א׳ משנה ג׳, משנה ו׳, שבועות ט׳ משנה ד׳, און אין פיעל, פיעל אַנדערע מקומות...

איינִיגע זאָגען אַרויס די השערה, אַז אין רמב״ן זענען געשריבען געווען די ווערטער מיט ראשי־תיבות: „וכן בכ״מ״, און געמאַכט האָט עס נישט „בכל מקום״, נאָר „בכמה מקומות״. אַנדערע ווילען האָבען, אַז אַנשטאָט „בכל מקום במשנה״ דאַרף זיין „בירושלמי״, דען אין דער משנה אין ירושלמי געפינען מיר ווירקליך איבעראַל דעם אויסדרוק „הבקר״ מיט אַ ב׳.

מפני שיבה תקום... (יט. לב.)

„מפני שיבה תקום, קודם שיבה דילך... מני קוב״ה לבר נש לאהדרא בתיוכתא בבחרותיה קודם דיזקין בו יצר־הרע״ (דער מענש זאָל אויפשטעהן און תשובה טהון איידער ער ווערט אַלט, איידער עס ווערט אין איהם פער־עלטערט דער יצר־הרע, פון ווענען ער וועט מעהר נישט אימשטאַנד זיין זיך צו בעפרייען)...

(רעיא מהימנא פנחס)

„כל ת״ח שאינו עומד בפני רבו נקרא רשע ואינו מאריך ימים וכו׳״ (קידושין ל״ג)

פאַרוואָס קומט איהם דער עונש פון „ואינו מאריך ימים״?

ענטפערט דערויף דער חתם סופר בדרך צחות:

עס איז מדה כנגד מדה, ווייל ער איז נישט געווען קיין „עומד בפני רבו״, וועט ער נישט מאריך ימים זיין, נישט אַלט ווערען, וממילא נישט זוכה זיין צום „מפני שיבה תקום״, מען וועט זיך אויך פאַר איהם נישט אויפשטעלען...

אֱמוֹר

אמור אל הכהנים... (כא. א.)

„רבי תנחום בר' חנילאי פתח, אמרות ד' אמרות טהורות וכו' מצינו שעיקם הכתוב ח' אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו וכו'" (מדרש רבה)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער דאָזיגער גאַנצער דרש מיט'ן פסוק „אמור אל הכהנים" און ווי קומט עס דאָ אַהער?

די מפרשים בעמיהען זיך צו זאָגען דערויף פערשיעדענע פשטים, באמת אָבער לאָזט זיך עס ערקלערען גאַנץ איינפאַך:

דעם בעל-המדרש האָט געאַהרט, פאַרוואָס עפּיס ווערט די גאַנצע פרשה פון טומאת המת געזאָגט בלשון נסתר: „לנפש לא יטמא בעמיו" וכו' און ערשט צוקומענדיג צו דער פרשת הקרבנות, ווערט שוין פון דאָרט אָן גערעדט בלשון נוכח: „לרצונכם תמים זכר בבקר" וכו'? און דערויף קומט די ערקלערונג, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אין דער דאָזיגער פרשה רעדט זיך אַלץ וועגען דברים מגונים, וועגען עניני טומאה, און אַ דבר רע — ווי מיר געפינען אין שבועות ל"ו — דאַרף מען מהפך זיין נגד אחרים, נישט ריידען דירעקט, נאָר בלשון נסתר, ווי צו אַ דריטע פערזאָן, דען ווי ווייט די תורה איז נזהר אין אַזעלכע זאַכען זעהען מיר דערפון — „שעיקם הכתוב ח' אותיות וכו'"...

(דבש וחלב)

אין רשב"ם הויבט זיך אָן דער פסוק ב' מיט די ווערטער: „לאחיו ולאחותו לא יטמא בהם" און דערויף קומט די קורצע ערקלערונג: „ולא נאמר בהם."

איז, ערשטענס, געפינט זיך גאָרנישט דאָ דער דאָזיגער פסוק, נאָר אין פרשת נשא (ו. ז.), צווייטענס, וואָס איז בכלל דער פשט אין רשב"ם'ס ווערטער?

באמת אָבער איז דאָ בעגאַנגען געוואָרען אַ טעות דורכ'ן מדפיס, וועלכער האָט פערטיילט דעם זאַץ, אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען זעלבען ענין, אויף צוויי פסוקים, אריינשטעלענדיג סאַמע אין מיטען די בעצייכנונג פון פסוק ב', ובאמת איז עס אַ המשך צו די פריהערדיגע ווערטער

און נעמליך: דער רשב"ם ערקלערט, אַז אינ'ם פסוק „לנפש לא יטמא בעמיו", בעציהט זיך דאָס וואָרט „בעמיו" אויף די כהנים, אַז דער עם הכהנים זאָל זיך נישט מטמא זיין לנפש אדם, ווארום אויב מען זאָל טייטשען, אַז דער זין איז: דער כהן זאָל זיך נישט מטמא זיין צו זיין פאָלק, וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן: „לעמיו", פונקט אַזוי ווי עס שטעהט: „לנפש לא יטמא", נישט מיט אַ ב', „בנפש", נאָר מיט אַ ל', ווי אויך אין פסוק „לאחיו ולאחותיו לא יטמא להם" (אין פ' נשא), וואו עס שטעהט נישט „בהם" מיט אַ ב', נאָר „להם" מיט אַ ל'.

כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו... (כא. ב.)

דערויף בעמערקט דער אבן-עזרא, אַז דעריבער ווערט דערמאָהנט „אמו" פאַר „אביו", ווייל עפ"י רוב לעבען זכרים לענגער פון נקבות.

פרעגט מען: אין אַ ווייטערדיגען פסוק אין דער זעלבער פרשה, ביי'ם כהן גדול, שטעהט דאָך, פערקעהרט, דאָס וואָרט „אביו" פאַר „אמו"—„לאביו ולאמו לא יטמא"?

מיר האָבען שוין איינמאָל געבראַכט די דאָזיגע פראַגע, ווי אויך עטליכע פערשיעדענע תירוצים. אַ שאַרפזיניגען תירוץ ווערט אויך געגעבען דערויף אין נאָמען פון לב-אריה'ס טאָכטער, די בעריהמטע מלומדת זלאַטע:

אין כתובות (פ"ג) זאָגט תוספות, אַז דעריבער איז ביי נשים מיתה שכיחא, ווייל „ברוב פעמים מסתכנת בלידה" (דען „על שלשה דברים נשים, מתות בשעת לידתן"), און אין יומא (מ"ו) ברענגט רש"י פאַר'ן ירושלמי, אַז „אשה צנועה ראויה לצאת ממנה כהן גדול". וויבאַלד, אַלזאָ, אַנ'אשה האָט אַ זוהן אַ כהן-גדול, איז עס אַ סימן, אַז זי איז אַ צנועה און ממילא איז ביי איהר נישט „מיתה שכיחא" און זי איז נישט „מסתכנת בשעת לידה", און דעריבער שטעהט נישט ביי כהן גדול „לאמו" פריהער...

נבלה וטרפה לא יאכל לטמאה בה... (כב. ח.)

צום לעמבערגער רב, רבי יעקב אָרענשטיין, איז אַמאָל געקומען אַ קריסטין, אַנ'איינהאַבערין פון אַ גאָרקיך, און זיך געקלאָגט פאַר איהם, אַז צווישען די אידישע געסט, וועלכע קומען אַריין צו איהר עסען, זענען פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע האָבען ביי איהר אַ לענגערע צייט געגעסען מיטאָגען אויף קרעדיט און איצט בעצאָהלען זיי איהר נישט.

— כ'האָב פאַר דיר אַנ'עצה — ענטפערט איהר דער לעמבערגער רב— אַז ערשטער איד, וואָס וועט צו דיר מאָרגען אַריינקומען עסען, זאָלסטו דיהם דערלאַנגען אַ חשבון פון אַלע געלדער, וואָס עס קומט דיר ביי יענע

אידען, און אויב ער וועט נישט וועלען בעצאָהלען, זאָלסטו איהם רופען צום רב. האָט די קריסטין געפאָלגט.

צומאָרגענס קומט אַריין אַ איד אין גאָרקיך, זעצט זיך אַוועק ברייטליך און הייסט זיך געבען אַ פעטען מאָלצייט. נאָכ'ן עסען דערלאַנגט איהם די בעל־הבית'טע אַ חשבון — ווערט איהם פינסטער פאַר די אויגען. —סטייטש— קוקט ער אויף איהר פערוואונדערט — אַזויפיעל פאַר איין מאָלצייט?

— אָט דאָס — ענטפערט זי איהם — קומט מיר ביי דיינע אידישע ברידער, וועלכע האָבען ביי מיר געגעסען און נישט בעצאָהלט.

— וואָס הייסט — טענה'ט ער — וואָס בין איך שולדיג? בין איך דען מחויב צו בעצאָהלען פאַר אַנדערע אידען?

— טאָ קומט־זשע — מאַכט די קריסטין — צום רב.

ווי ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער שנעל אַרויסגעכאַפּט און בע־צאָהלט דעם גאַנצען חשבון און תיכף געמאַכט פּיס...

(די וועלט דערצעהלט)

צו רבי ישראל וויזשניצער, וועלכער איז געוועזן אַ שאַרפער געגנער פון השכלה, איז אַמאָל געקומען איינער פון די משכילים און פערפיהרט מיט איהם אַ שמועס:

— פאַרוואָס — מאַכט ער — רבי, זאָלען חסידים אַזוי פיינד האָבען די משכילים? זענען מיר דען נישט אַלע אידען, קינדער פון איין פאָטער?

— יאָ — ענטפערט איהם רבי ישראל — אָבער נישט פון איין מוטער.

— וואָס הייסט? — פערשטעהט נישט יענער.

— פערשטעהט איהר מיך — איז איהם רבי ישראל מסביר — וואָס ביי אייך איז מותר (מוטער) איז ביי אונז אסור...

בשעת דער מלבי"ם איז איינמאָל געוועזן אין יעקאַטערינאָסלאַוו איז די גאַנצע פני פון שטאָדט געקומען איהם מקבל פנים זיין, צווישען זיי אויך אייניגע, וועלכע האָבען זיך פאָרגעשטעלט פאַר'ן מלבי"ם, אַז זיי זענען די משכילים פון שטאָדט.

— דאָס הייסט — פערטייטשט עס דער מלבי"ם — די קענערס?

— וואָס שייך צו זאָגען קענערס — מאַכען זיי ענוות'דיג — ווער קאָן דאָס זאָגען אויף זיך, אַז ער קען?

— פערשטעהט איהר מיך — שמייכעלט דער מלבי"ם — אויב איהר זענט משכילים, זענט איהר קענערס. איהר קענט דאָס, וואָס אַ איד אַ שומר מצוה, קען נישט. אָט נעהמט, למשל, מיך. איך, אַז כ'שטעה אויף אין דער פריה און וויל טרינקען אַ גלעזעל טהיי — קען איך נישט, כ'האָב נאָכנישט אָבגעגאָסען קיין נעגעל־וואַסער, נישט געזאָגט קיין ברכות־השחר; אַז כ'טרינק

אָב טהיי און איך וויל עסען — קען איך ווידער נישט, כ׳האָב נאָכנישט געדאַווענט; נאָכ׳ן דאַווענען — קען איך ווייטער נישט עסען, כ׳מוז זיך וואַשען. איהר אָבער, משכילים, זענט די אמת׳ע קענערס, איהר קענט אַלץ...

רבי שמעון רפאל הירש פלעגט זאָגען:

זינט עס זענען אויפגעקומען די דר. ראַבינערס, זינט רבנים זענען געוואָרען דאָקטוירים — האָט דאָס אידישקייט נעביך אָנגעהויבען שטאַרק צו קרענקען...

וספרתם לכם ממחרת השבת... (כג. טו.)

פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין „שהחיינו" איבער דער מצוה פון ספירת-העומר?

ווייל — ערקלערט דערויף דער רשב״א — די ספירה אַליין איז נור געווען אַ מיטעל און אַ פאָרבערייטונג צו דער הויפט-מצוה. דער זין פון דער ספירה איז געווען, אַז נאָך די אָבגעצעהלטע צאָהל טעג זאָל מען מקריב זיין די „שתי הלחם". מיר אָבער בעגנוגענען זיך היינט בלויז מיט׳ן צעהלען, אָהן מקיים צו זיין דערביי די עיקר מצוה, און דעריבער קענען מיר נישט זאָגען: „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה", דען דער „זמן הזה" פערשאַפט אונז בלויז צער, דערמאָהנענדיג אונז אינ׳ם חורבן בית-המקדש...

נאָך ספירת העומר זאָגען מיר: „הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו". פאַרוואָס עפּיס זאָגען מיר דאָס נור ביי דער דאָזיגער מצוה?

דען מדאורייתא איז די מצוה פון ספירת-העומר נור נוהג בזמן המקדש, בשעת מען האָט מקריב געווען דעם עומר. בזמן הזה דאַגעגען איז עס נור מדרבנן אַלס זכר, און דעריבער זענען מיר מתפלל: „הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש" און דאַמאַלס וועלען מיר צוריק קענען מקיים זיין די מצוה פון ספירת-העומר לויט איהר אמת׳ן זין און תכלית...

(ילקוט יצחק)

וקראתם בעצם היום הזה מקרא קודש וכו׳... (כג. כא.)

בלויז ביי שבועות און יום-כפור שטעהען די ווערטער „בעצם היום הזה", און נישט ביי אַלע אַנדערע ימים-טובים. מיט וואָס ערקלערט זיך עס?

עס איז מעגליך דערפאַר, ווייל אַלע אַנדערע ימים-טובים זענען אַ זכר צו זאַכען, וואָס זענען אַמאָל געווען: יציאת-מצרים, ענני הכבוד וכו׳ און

וואָס היינט האָבען מיר עס נישט מעהר. אַנ׳אויסנאהם זענען בלויז שבועות און יום-כפור, דען די תורה וואָס מיר האָבען מקבל געווען אום שבועות האָבען מיר ב״ה ביז׳ן היינטיגען טאָג און יום-כפור איז עד-היום גילטיג אַלס טאָג פון מחילת עוונות, און דעריבער שטעהט געשריבען ביי אָט די צוויי ימים-טובים: ,,בעצם היום הזה״. מיר פייערען זיי, הייסט עס, נישט בלויז אַלס זכר, נאָר זיי זענען פאַקטישע ימים-טובים פאַר אונז אויך היינט — ,,בעצם היום הזה״...

(רבי יצחק אליהו לאַנדוי)

בחודש השביעי באחד לחודש וכו׳... (כג. כד.)

,,בכסה ליום חגנו, איזהו חג שהחודש מתכסה בו, הוי אומר זה ראש-השנה״ (ר״ה ח׳)

וואָס מיינט מען ,,שהחודש מתכסה בו״? אין רש״י און הויפטזעכליך אין תוספות ווערען געבראַכט דערויף פערשיעדענע פירושים. מען קאָן עס אָבער אויך ערקלערען גאַנץ איינפאַך:

ראש-חודש איז אַמאָל געפייערט געוואָרען ביי אידען אַלס אמת׳ער יום-טוב. אַנ׳עדות דערויף איז דער פסוק ,,חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי״, פון וואָס עס איז צו זעהן, אַז אויך ראש-חודש איז געווען אַ פייער-טאָג, אַ מועד. יעדער ראש-חודש האָט געהאַט אַ מעגליכקייט געפייערט צו ווערען אַלס בעזונדערער יום-טוב, אַ חוץ ראש-חודש תשרי, ווייל אינ׳ם דאָזיגען טאָג איז דער יום-טוב פון ראש-השנה און צוליעב דעם גרויסען יום-טוב האָט מען ממילא דעם קלענערען יום-טוב, דעם ראש-חודש, נישט אָנגעזעהן, און דאָס איז דער פשט: ,,חג שהחודש מתכסה בו״, אַ יום-טוב, אין וועלכען דער ראש-חודש ווערט פערדעקט, פערטונקעלט, און וועלכער יום-טוב איז דאָס — ,,הוי אומר זה ראש-השנה״...

(שפת היריעה)

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר וכו׳ (כג. מ.)

אַרויסגעהענדיג פון דער מדבר, פון די וויסטענישען, אָהן יעדע פרוכט און געוויקס און אָהן וואַסער צום טרינקען, און אַריינקומענדיג אינ׳ם בליהענדען און פרוכטבאַרען לאַנד, האָט די תורה אינ׳ם חג-האסיף געהייסען נעהמען אַלס צייכען פון פרייד די שענסטע פון צווישען די פירות (אתרוג), די הערליכסטע פון די צווישען די בלעטער (לולב), די אויסגעצייכענטע פון צווישען די ריחות (הדס) און די בעסטע פון צווישען די גראָזען (ערבה)...

(מורה נבוכים ח״ג פרק מ״ג)

ויצא בן אשה ישראלית והוא בן איש מצרי וכו׳ וינצו במחנה... (כד. י.)

אויב ער האָט זיך געקריגט מיט די בני ישראל אין דער מחנה, טאָ וואָס עפּיס פלוצים „ויקוב וכו׳ את השם״?

נאָר אויף „והוא בן איש מצרי״ זאָגט רש״י: „הוא המצרי שהרג משה״, און דעם מצרי (ווי רש״י זאָגט אויפ׳ן פּסוק „הלהרגני אתה אומר״) האָט משה גע׳הרג׳עט מיט׳ן שם המפורש, און דעריבער האָט ער אויסגעלאָזט דעם כעס צום „שם״, צוליעב וועלכען דער פאָטער זיינער איז אומגעקומען...

(תולדות יעקב)

אין מדרש רבה אויפ׳ן דאָזיגען פּסוק ווערט געזאָגט: „ובעל כנפים יגיד דבר, ר׳ לוי אמר אזנים לדרך ואזנים לכותל״.

און אין ברכות (ח׳) אויפ׳ן מאמר „וכשיועצין אין יועצין אלא בשדה״ זאָגט רש״י: „דאמרי אינשי אזנים לכותל״. פאַרוואָס ברענגט נישט רש״י דעם אָנגעוויזענעם מקור פון מדרש און זאָגט סתם: „דאמרי אינשי״?

(י. ווידעלעץ)

בְּהַר

כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם... (כה. ב.)

בשעת ר׳ נחמן בראצלאַווער איז געווען אין ארץ ישראל, האָט ער געזאָגט, אז ערשט איצט איז איהם פערשטענדליך, פאַרוואָס די תורה, ריידענדיג וועגען ארץ ישראל, בענוצט זי זיך שטענדיג מיט אַ לשון הוה: „נותן לכם״, מחמת בשעת דער איד איז זוכה צו זיצען אין א״י, פיהלט ער יעדען טאָג, ווי מען וואָלט איהם היינט געגעבען דאָס לאַנד, יעדען טאָג פיהלט ער דערין אַ פרישען טעם...

ושבתה הארץ שבת לד׳... (כה. ב.)

אין אָנהויב פון דער חבת-ציון-בעוועגונג, בשעת עס זענען געגרינדעט געוואָרען אין א״י די ערשטע קאָלאָניעס, האָט זיך צווישען די רבנים דאמאָלס געפיהרט, כידוע, אַ שטאַרקער שטרייט אַרום דער פראַגע, צי שמיטה איז בזמן הזה נוהג אין א״י, אָדער נישט. רבי שמואל מאָהליווער און רבי מרדכי עליאשבערג זענען געווען פון די מקילים און דער וואָלאָזשינער נצי״ב פון די מחמירים.

די מחמירים האָבען זיך געשטיצט אויפ׳ן רמב״ם הלכות שמיטין ויובלות, וואו עס שטעהט בפירוש: „שמיטה נוהגת בפני הבית ושלא בפני הבית״, דערויף אָבער האָט רבי מרדכי עליאשבערג אָנגעוויזען אויף אַ צווייטע שטעלע אין רמב״ם סוף הלכות מלכים, וואו עס ווערט געזאָגט: „המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה, לממשלה הראשונה, ובונה המקדש ומקבץ נדחי ישראל וחוזרין כל המשפטים בימיו כשהיו מקודם: מקריבין קרבנות ועושין שמיטין ויובלות ככל מצותה האמורה בתורה״. פון דאנען איז אלזאָ דייטליך צו זעהען, אז די מצוה פון שמיטה ויובל וועט צוריק איינגעפיהרט ווערען ערשט נאָך ביאת המשיח, און דאָס וואָס דער רמב״ם שרייבט דאָרט, אַז עס איז נוהג אויך „שלא בפני הבית״, ווערט געמיינט, מעגליך, איידער דאָס בית-המקדש איז געבויט געוואָרען, אָבער נישט נאָכדעם, ווי עס איז חרוב געוואָרען...

ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו... (כה. י.)

„רבי יהודה אומר, לאחוזתו ואל משפחתו הוא שב ואינו שב לשורה שהיתה בידו" (ילקוט)

אַלץ קאָן מען דעם עבד צוריקגעבען: די פרייהייט, די נחלה, די משפחה. דאגעגען די שררה, די מענשליכע ווירדע און שטאַלץ — דאָס קאָן איהם נישט צוריקגעבען. קוים האָט ער עס איינמאָל פערלוירען, פערקויפענדיג זיך פאַר אַ שקלאַף, קאָן ער עס מעהר צוריק נישט געווינען...

(חוות יאיר)

או קנה מיד עמיתך—אל תונו איש את אחיו... (כה. יד.)

דערפון דרש'ענען די חז"ל, אַז נור אויף מטלטלין, אויף „דבר הנקנה מיד ליד" איז שייך אונאה, דאַגעגען איז „אין אונאה לקרקעות".

דער טעם דערפון איז, ווייל דער ווערט פון יעדע זאַך האַלט זיך אין איין ענדערען און איז נישט תמיד גלייך, אַמאָל ווערט עס טייערער און אַמאָל ביליגער. ביי קרקעות איז דעריבער נישט שייך קיין אונאה, ווייל „הארץ לעולם עומדת", די ערד איז אַ שטענדיגע, אייביגע זאַך, און וואָס פאַר אַ פרייז מען זאָל דערפאַר נישט האָבען געגעבען, מוז סוף כל סוף, ווען עס זאָל נישט זיין, קומען אַמאָל אַ צייט, וואָס עס וועט צוריק צוקומען צום דאָזיגען פרייז. וועגען מטלטלין דאַגעגען קאָן מען דאָס נישט זאָגען, מחמת ביז די דאָזיגע צייט וועט ווען עס איז קומען, קענען זיי שוין אַמאָל אויף דער וועלט נישט זיין...

(כלי יקר)

אל תונו איש את אחיו... (כה. יד.)

דערויף זאָגט רש"י: זו אונאת ממון", דאַגעגען אויפ'ן ווייטערען פסוק, „ולא תונו איש את עמיתו", מאַכט רש"י: „כאן הזהיר על אונאת דברים".

פונוואַנען איז עס מדויק פון פסוק, אַז דאָרט מיינט מען נור „אונאת ממון" און דאָ — אפילו „אונאת דברים"?

ווייל אין ערשטען פסוק רעדט זיך וועגען אַ ברודער, „איש את אחיו", און אַ ברודער איז שווער צו נאַרען מיט ווערטער, דען איין ברודער דעם צווייטען קען צו-גוט און דעריבער מיינט מען דאָרט נור „אונאת ממון". דאַגעגען אין צווייטען פסוק רעדט זיך וועגען אַ חבר, „איש את עמיתו", און דעריבער איז „כאן הזהיר על אונאת דברים", דען אַ חבר קאָן מען אויך נאַרען מיט רייד...

(טור זהב)

ואכלתם לשובע וישבתם לבטח עליה... (כה. יט.)

זאגט דערויף רבי פנחס הלוי הורוויץ בדרך צחות:

אַ מענש, וואָס איז עלול צו ווערען אין כעס, טאָר נישט עסען צו דער זעט, דען זאַטקייט בשעת כעס איז געפעהרליך, ווי די חז"ל זאָגען: „אכול שליש ושתה שליש והנח שליש, לכשתכעוס תעמוד על מילואך" (גיטין ע׳) און אין נדרים (כ"ב) זאָגט די גמרא: „ונתן ד׳ לך שם לב רגז, שם בבבל, אבל בארץ ישראל לא".

און דאָס טאַקי איז מרומז אין פסוק: „ואכלתם לשובע", נור דאָרט, אין ארץ ישראל, וועט איהר קענען און מעגען עסען צו דער זעט, וועיל עס וועט זיין — „וישבתם לבטח עליה"...

ובכל ארץ אחוזתכם גאולה תתנו לארץ... (כה. כד.)

„ובכל ארץ אחוזתכם", אין אַלע לענדער, וואו איהר זאָלט נישט זיין און וואו איהר זאָלט זיך נישט אויפהאַלטען — „גאולה תתנו לארץ", זאָלט איהר געדענקען אויסצולייזען די ערד פון ארץ ישראל...

(קרבן העני)

כי ימוך אחיך ומכר מאחוזתו... (כה. כה.)

אין די פריהערדיגע פסוקים ווערט כסדר גערעדט בלשון רבים, צו־קומענדיג אָבער צו דער מצוה פון העלפען איינער דעם צווייטען, הויבט די תורה אָן צו ריידען בלשון יחיד: „כי ימוך אָחיך", וועיל געוועהנליך בשעת מען דאַרף ווען העלפען, שיקט איינער צום צווייטען: זאָל דער געבען און זאָל יענער געבען, דער איז מעהר נגיד און יענער איז מעהר עושר... דעריבער רעדט די תורה בלשון יחיד, צו יעדען יחיד בעזונדער; אויף יעדען איינעם פון אייך ליגט די פליכט צו העלפען דעם פעראָרימטען, קיינער קען זיך נישט פטר'ן מיט'ן צווייטען...

(אלשיך)

ואיש כי ימכור בית מושב עיר חומה וכו׳... (כה. כט.)

וואָס איז דער שכל אייגענטליך און מיט וואָס ערקלערט זיך עס, וואָס ביי אַ „בית מושב עיר חומה" (אויב מען לייזט עס נישט אויס אינ'ם ערשטען יאָהר), איז דער פערקויף גילטיג לצמיתות, לדורות, דאַגעגען ביי „בתי החצרים אשר אין להם חומה" איז די קניה חל נור ביז יובל?

וועיל אַ הויז אין אַ גרעסערער שטאָדט, אין אַ „מושב עיר חומה", ווערט געוועהנליך געבויט פון דויערהאַפטען מאַטעריאַל, עס ווערט דערביי

זעהר פיעל מיה און אַרבייט אָוועקגעלעגט, מיט דער אויסרעכנונג, אַז דאָס הויז זאָל קענען לאַנג עקזיסטירען, און אַ דאַנק דער דאָזיגער מיה און אַרבייט האָט דער בעל הבית און בויער פון דעם הויז דאָס רעכט עס צו בעטראַכטען אַלס זיין אַבסאָלוט אייגענטום און צו פערקויפען עס לצמיתות. דאַגעגען „בתי חצרים" מיינט מען דאָרפישע, פּראָוויזאָרישע הייזלעך, וועלכע ווערען אויפגעבויט לצורך שעה און זענען נישט אויסגערעכענט אויף קיין לאַנג-דויערערנדע עקזיסטענץ, און דעריבער ווערט ביי זיי געזאָגט: „על שדה הארץ יחשב", זיי האָבען דעם דין פון אַ פעלד, פון אַ געוועהנליכען שטיק באָדען, וועלכען דער בעל-הבית האָט נישט דאָס רעכט צו בעטראַכטען אַלס זיין אַבסאָלוט אייגענטום, מחמת נישט מיט זיין מיה און פלייס האָט ער דעם באָדען ערוואָרבען און — „והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לי הארץ"...
(הכורם)

וחי אחיך עמך... (כה. לו.)

„עד שבא רבי עקיבא ולימד, וחי אחיך עמך, חייך קודמים לחיי חבירך" (בבא מציעא ס"ב)

נאָר אַזעלכער ווי רבי עקיבא — האָט געזאָגט דערויף דער חדושי הרי"ם — וועלכער האָט געזאָגט אויף זיך: „כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה וכו' מתי יבוא לידי ואקיימנו" (ברכות ס"א), וואַרטענדיג כל ימיו, אַז ער זאָל קענען דאָס לעבען זיינס אָוועקגעבען אויף קידוש השם, נאָר ער האָט געהאַט דאָס רעכט זיך אויסצודריקען: „חייך קודמים", דען ער האָט דאָך נישט געברויכט דאָס דאָזיגע לעבען פאַר זיך, פאַר'ן אייגענעם גענוס. דער יעניגער אָבער, וועלכער לעבט לשם הנאה ותענוג, האָט קיין רעכט נישט צו זאָגען, אַז זיין לעבען איז בילכער פאַר יענעמ'ס...

את כספך לא תתן לו בנשך... (כה. לז.)

צום חתם סופר איז אַמאָל אַריינגעקומען דער פרעשבורגער ראש-הקהל, וועלכער איז געווען אָנגענומען אין שטאָדט אַלס גרויסער סוחר, אַ גביר אַדיר, און מיט אַ געבראַכען געמיט, גאַרנישט ווי זיין שטייגער, האָט ער איינגערוימט דעם רב, אַז ער וויל מיט איהם עפּיס ריידען ביחידות.

דער חתם-סופר האָט איהם אַריינגעבעטען אין אַ חדר-מיוחד, צוגעשלאָסען די טהיר און דאָ האָט דער ראש-הקהל פּלוצים אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און גענומען דערצעהלען, אַז ער געפינט זיך ל"ע אין אַ מורא-דיקען מצב. ער האָט געמאַכט אַ שלעכט געשעפט, ביי וועלכען ער האָט דאָס גאַנצע פערמעגען פערלוירען, אַזוי, אַז עס קומט איהם אויס צו נעהמען אַ טאָרבע און געהן, חלילה, איבער די הייזער.

דער חתם-סופר פרובט איהם, ווי דער שטייגער איז, טרייסטען, אָבער יענער הערט נישט אויף צו גיסען מיט טרעהרען: אויסער, וואָס ער האָט זיין אייגען געלד פערלוירען, איז ער אויך אַ גרויסער בעל-חוב, ער האָט אויסגעשטעלט וועקסלען, וועלכע זענען אין אייניגע מאָנאַטען אַרום צאָהלבאַר און ער זעהט נישט קיין שום מבוא, ווי אַרויסצוגעהן פון דער פערצווייפעלטער לאַגע. איצט ווייסט נאָך קיינער נישט וועגען דעם מצב זיינעם, אַפילו זיין אייגען ווייב ווייסט נישט, אָבער סוף כל סוף וועט מען זיך דערוויסען, ווי נאָר ער וועט דאָס ערשטע וועקסעל נישט צאָהלען וועט גלייך מפורסם ווערען, אַז ער איז אַ באַנקראָטניק, אַנ׳אָנזעצער, און ווי אַזוי וועט ער גאָר אימשטאַנד זיין איבערצוטראָגען די חרפה?... אָט שטעלט זיך איצט דער גרויסער לייפציגער יריד, צו וועלכען ער האָט נאָך קיין יאָהר, זינט ער איז סוחר, נישט פערפעהלט צו פאָהרען, איז אויב ער וועט איצט נישט פאָהרען, וועט מען זיך אין שטאָדט גלייך אָנשטויסען, אַז עס איז מיט איהם נישט אין אָרדנונג, זאָל ער ווידער יאָ פאָהרען — וואָס וועט ער דאָרט טהון אָהן געלד, ובפרט, אַז ער האָט אַפילו אויף קיין הוצאות נישט...

— וויפיעל קאָסט — פרעגט דער חתם-סופר — אַ נסיעה קיין לייפציג?

— פון די אַמאָליגע נסיעות מיינע — קרעכצט דער ראש-הקהל — איז דאָך אָבגערעדט, היינט וואָלט איך געמאַכט אַ נסיעה פאַר הונדערט גילדען, אָבער אַפילו דאָס פערמאָג איך נישט.

— הונדערט גילדען סך-הכל? איך באָרג אייך הונדערט גילדען און פאָהרט תיכף אי״ה מאָרגען קיין לייפציג, און נישט געזאָרגט, השי״ת וועט העלפען! — און דאָס זאָגענדיג איז דער חתם-סופר צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אַרויסגענומען הונדערט גילדען, זיין גאַנץ „אָבגעשפאָרטען קאַפּיטאַל", און דערלאַנגט דעם ראש-הקהל.

יענער האָט לכתחילה נישט געוואָלט נעהמען דאָס געלד. געקומען איז ער צום רב אויסריידען זיך דאָס האַרץ, פרעגען אַנ׳עצה, אָבער נישט, חלילה, בעטען ביי איהם געלד, בפרט אַז ער ווייסט נישט, פונוואַנען ער וועט נעהמען אָבצוגעבען. אָבער דער חתם-סופר האָט איהם נישט געלאָזט ריידען, בגוואַלד איהם אַריינגעשטופּט דאָס געלד אין האַנד און זיך געזעגענט מיט איהם און אָנגעווינשען, אַז ער זאָל מצליח זיין.

— כ׳האָב נישט קיין ווערטער צו דאַנקען אייך, רבי — האָט זיך דער ראש-הקהל בעגאָסען מיט טרעהרען.

— דאַנקען? חלילה! אויב איהר וועט מיר דאַנקען, וועל איך מוזען צוריקנעהמען דאָס געלד. איך בין איצט אייער מַלְוֶה און טאָר פון אייך קיין פּראָצענט נישט נעהמען, אַפילו אַ גוט וואָרט איז פּראָצענט... פאָהרט לחיים ולשלום און השי״ת וועט אייך העלפען!

בקיצור, דער פרעשבורגער ראש-הקהל איז מיט די הונדערט גילדען אַוועקגעפאָהרען קיין לייפציג. תיכף ווי נור ער איז געקומען אויפ'ן יריד און אַרויס אויפ'ן מאַרק בעגעגענט ער זיך מיט אַ בעקאַנטען סוחר, וועל-כער לעגט איהם פאָר צו קויפען ביי איהם אַ ריעזיגען טראַנספאָרט קאַווע אויף קרעדיט. ער האָט געקויפט און אינ'ם זעלבען טאָג איז דער מקח פון קאַווע געשטיגען און ער האָט פערקויפט די סחורה מיד ליד און פערדיענט אין די שווערע טויזענדער, און אַזוי האָט איהם דאָס מזל געשפּיעלט די גאַנצע צייט פון יריד; וואָס ער האָט געקויפט, האָט ער מיד ליד פערקויפט מיט גרויסע רוחים און במזומנים.

פאַר'ן אַ היים פאָהרען האָט ער זיך מיישב געווען: מען דאַרף דעם רב ברענגען עפּיס אַ שענע מתנה, און היות, דער חתם-סופר איז געווען אַ גרויסער מבין אויף בריליאַנטען, האָט ער פאַר איהם געקויפט אַ גאָלדענעם רינג מיט אַ טייערען שטיין.

קומענדיג קיין פרעשבורג איז ער תיכף אַריין צום רב מיט אַ שמחה:

— רבי! — האָט ער אויסגערופען — אייער ברכה איז מקוים געוואָרען. נאָט אייך אָב די הונדערט גילדען, און דאָס, רבי, איז אַ קליינע מתנה פאַר אייער גרויסע טובה, וואָס איהר האָט מיר געטהון — און ער דער-לאַנגט איהם דעם רינג.

דער חתם-סופר נעהמט דעם רינג, בעטראַכט דעם בריליאַנט און זאָגט מיט התפעלות:

— אָוואַ, אַ יופי שביופי, אַ זעלטענער בריליאַנט... אַזאַ בריליאַנט איז זיכער נישטאָ אין גאַנץ פרעשבורג — און ער לאָזט נישט אַרויס דעם רינג פון האַנד.

דער ראש-הקהל איז מלא-שמחה, ער קוועלט פון צופרידענהייט, וואָס ער האָט דעם רב אַזוי צוגעטראָפען מיט דער מתנה...

דער חתם-סופר האַלט אין איין בעטראַכטען דעם שטיין און הערט נישט אויף אַרויסצוזאָגען זיין התפעלות:

— אַ טייערער שטיין, ריין ווי וואַסער, אָהן אַ שום שמץ... אַ יופי שביופי...

און דאַן, אין עטליכע מינוטען אַרום, דערלאַנגט ער דעם ראש-הקהל צוריק דעם רינג און מאַכט צו איהם:

— כ'זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז אַזאַ בריליאַנט האָב איך נאָכנישט געזע-העז, ס'איז באמת אַ כלי-יקר, נוצט עס געזונטערהייד.

— וואָס הייסט — בלייבט דער ראש-הקהל פער'חידוש'ט — דעם רינג האָב איך דאָך, רבי, געקויפט פאַר אייך, אַלס מתנה...

— ניין, מיין ליעבער איד — ענטפערט איהם דער חתם-סופר — ווען

איך וואָלט אייך נישט געגעבען קיין הלואה, וואָלט איך אפשר גענומען ביי אייך די מתנה, איצט אָבער טאָר איך נישט — ס'שמעקט מיט רבית...

נאָכדעם, ווי דער ראש-הקהל, וועלכער האָט פון דעם ענטפער געהאַט גרויס עגמת-נפש, איז אַרויס פון דאָרט, האָט איינער פון חתם-סופר'ס תלמידים, וועלכער איז גראָד געזעסען דערביי, זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און געפרעגט:

— האָט קיין פעראיבעל נישט, רבי. אויב איהר האָט נישט געוואָלט נעהמען דעם רינג צוליעב רבית, טאָ הלמאי האָט איהר איהם די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנד און איהם בעטראַכט מיט אַזאַ התפעלות און מיט אַזאַ שמחה?

— איך האָב זיך געפרעהט, מיין קינד — האָט איהם דער חתם-סופר געענטפערט — וואָס עס איז מיר צוגעשיקט געוואָרען אַזאַ גרויסע מצוה. ווארום ווען קען איך, אַ רב ביי אידען, מקיים זיין די מצוה פון נישט נעהמען קיין רבית? ווען קאָן מיר אויסקומען צו באָרגען אַ מענש געלד? און ווער וועט אַ רב געבען פראָצענט? איצט, אַז עס איז מיר אומגעריכט אונטערגעקומען די דאָזיגע מצוה, האָב איך געהאַט גרויס שמחה...

(די וועלט דערצעהלט)

בְּחֻקֹּתַי

ונתתי גשמיכם בעתם... (כו. ד.)

„בעתם, בשעה שאין דרך בני אדם לצאת, כגון בלילי שבתות“ (רש"י)

אַ צדיק איז בכח מיט זיין תפלה איינצוהאַלטען דעם רעגען, ווי די גמרא דערצעהלט וועגען רבי חנינא בן דוסא, אַז בשעת ער איז געגאַנגען אין וועג און עס האָט אָנגעהויבען רעגענען, האָט ער אויסגערופען: „רבונו של עולם! כל העולם כולו בנחת וחנינא בצער?—פסק מיטרא“ (תענית כ"ד). אין דער צייט אַלזאָ פון „אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמורו“, ווען אַלע וועלען זיין צדיקים, קאָן דאָך דאַן דראָהען אַ געפאַהר, אַז עס זאָל קיינמאָל נישט געהן קיין רעגען, דען יעדעס מאָל וועט זיך דאָך געפינען ערגיץ־וואו אויפ׳ן וועג אַ צדיק, פאַר וועלכען דער רעגען וועט זיין אַנ׳אומבעקוועמ־ליכקייט, און דעריבער ווערט ערקלערט: „ונתתי גשמיכם בעתם — בלילי שבתות“, ווען די צדיקים זיצען דאַן אין שטוב...

(בדרך צחות, ילקוט הגרשוני)

ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד... (כו. ו.)

בעת דער בעריהמטער מחלוקת צווישען צאַנז און סאַדיגור, האָבען דאַן ביידע צדדים אַרויסגעגעבען פערשיעדענע פאַמפלעטען־ספרים, ווי „ילקוט הרועים“, „שבר פושעים“ וכדומה, אין וועלכע מען האָט ציטירט פערשיעדענע מאמרים פון די קדמונים, און איטליכער צד האָט זיך בעמיהט אויפצווייזען מיט ראיות ברורות, אַז דער זוהר, רבי שמעון בן יוחאי און דער בעש"ט האָבען בפירוש נוטה געווען, לויט איין צד — צו דער שיטה פון סאַדיגור, לויט׳ן צווייטען צד — צו דער שיטה פון צאַנז...

האָט דאַן רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן געזאָגט, אַז איצט איז איהם פערשטענדליך דער פשט פון פסוק: „ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד“. בשעת עס איז שלום בארץ איז „ושכבתם ואין מחריד“, האָבען די פערשטאָרבענע צדיקים מנוחה און קיינער בעאונרוהיגט זיי נישט. דאַגעגען בעת

מחלוקת האָבען אויך די צדיקים אין קבר קיין רוהה נישט. אויך זיי ווערען, ליידער, אַריינגעצויגען אין דער מחלוקת, דען יעדער בעמיהט זיך אויסצושפּיעלען זיי אויף זיין צד...

ונפלו אויביכם לפניכם לחרב... (כו. ח.)

„שיהיו נופלין לפניכם שלא כדרך הארץ" (רש"י)

פונוואַנען איז עס דער בעווייז, אַז „שלא כדרך הארץ"?

דען אויפ'ן פּסוק „ויפול על פניו ארצה" ביי גלית'ן (שמואל א' יז. מט.) זאָגט דאָרט רש"י (אין נאָמען פון ילקוט): „לא היה צריך ליפול אלא לאחוריו כדרך הנופלים, אלא כדי שלא יצטרך דוד לילך לחתוך ראשו". דערפון איז אַלזאָ צו זעהען, אַז דער דרך הנופלים איז צו פאַלען הינטער זיך, לאחוריהם, טאָ פאַרוואָס שטעהט דאָ: „ונפלו אויביכם לפניכם"? איז דערפון דרינגט דער דרש: „שיהיו נופלין לפניכם שלא כדרך הארץ"...

(רבי ר' העשיל)

ואם לא תשמעו לי ולא תעשו את כל המצות האלה... (כו. יד.)

דער חתם סופר האָט זיך אַמאָל אויסגעשמועסט מיט זיינע קהלה-לייט און זיי געמוסר'ט: היתכן? כ'בין שוין אַזוי פיעל יאָהרען ביי אייך רב אין פּרעשבורג און איך האָב די גאַנצע צייט נישט די מינדעסטע פּעולה אויף אייך. לאָמיר אָננעהמען, אַז איהר זענט טאַקי קלוגער פון מיר און אַז די אַלע עצות און אָנווייזונגען, וואָס איך געב אייך, טויגען נישט. אָבער איז דען מעגליך, אַז במשך פון דער גאַנצער צייט, פון די אַלע יאָהרען, זאָל איך נישט האָבען געזאָגט קיין איין גוטע זאַך, קיין איין ריכטיגע עצה? דאָס קאָן דאָך נישט זיין און אויב איהר טהוט תמיד פערקעהרט פון דעם, וואָס איך זאָג אייך, איז עס נישט אַנדערש, נאָר אַז איהר זענט אויסען צו טהון מיר צו להכעיס...

און דערויף — האָט ער אויסגעפיהרט — קלאָגט זיך אויך די תורה: „ואם לא תשמעו לי ולא תעשו את כל המצות האלה", ווען איהר זאָלט פון אַלע מצות נור עטליכע מצות מקיים געווען, וואָלט מען געקענט זאָגען, אַז די איבריגע מצות געפעלען אייך נישט, זיי זענען נישט גענוג קלוג, גענוג שכל'דיג, אָבער בשעת עס איז „ולא תעשו את כל המצות האלה", איהר האָט אַ בונד געמאַכט געגען אַלע מצות, איהר זענט קיין איינע פון זיי נישט מקיים, בעווייזט עס, אַז איהר זענט דערביי אויסען בלויז דעם „אם לא

תשמעו לי", דען עס געשיקט זיך דאָך נישט, אַז צווישען אַלע תרי"ג מצוות זאָל זיך נישט געפינען קיין איין פּאַסענדע און קיין איין שכל'דיגע מצוה. דאָס איז דאָך אונמעגליך! און נישט אַנדערש, נאָר אַז איהר זענט סתם צו־להכעיס'ניקעס און ווייל איך זאָג אַזוי — טהוט איהר דוקא להיפוך, דוקא פערקעהרט!...

ואם בחוקותי תמאסו... (כו. טו.)

ביי די ברכות האָט די תורה געשטעלט נור איין תנאי: „אם בחוקותי תלכו וכו' — ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה וכו'", ווען זיי זענען מקיים נור דעם איינעם תנאי, בעקומען זיי באַלד דעם שכר. ביי די קללות דאַגעגען איילט זיך נישט די תורה מיט'ן עונש און שטעלט גאַנצע זיבען תנאים: „ואם בחוקותי תמאסו, ואם את משפטי תגעל נפשיכם, לבלתי עשות את כל מצותי וכו'" (זעה אין רש"י), ערשט דאַמאָלס, ווען די מאָס וועט שוין זיין איבערפולט, ווען זיי וועלען שוין האָבען עובר געווען אויף אַלע זיבען תנאים, ערשט דאַן וועלען זיי נענש ווערען... (כנפי נשרים)

ונאספתם אל עריכם... (כו. כה.)

אויף אַן אַסיפה פון די ארץ־ישראל'דיגע עסקנים אין תל־אָביב, איז בעהאַנדעלט געוואָרען די אָנגעוועהטאָגטע פראַגע, וואָס דער גרעסטער טייל עולים קאָנצענטרירט זיך אין די שטעדט און דאָס דאָרף ווערט פערוואַהרלאָזט און פערנומען דורך אַראַבער אין אַראַבישע אַרבייטער. אין דער אסיפה האָט זיך אויך בעטייליגט דער תל־אביבער רב, רבי שלמה אַהראָנסאָן, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די דאָזיגע פּלאָג איז פאָראויסגעזעהן אין דער תוכחה, וואו צווישען פערשידענע אַנדערע צרות ווערט אויך אויסגערעכענט די צרה פון — „ונאספתם אל עריכם", איהר וועט זיך קאָנצענטרירען אין די שטעדט, איבערלאָזענדיג דאָס דאָרף אויף פרעמדע הענד און פרעמדע אַרבייט...

ויסרתי אתכם אף אני... (כו. כח.)

בשעת אַ טאַטע שלאָגט זיין קינד, טהוט אויך איהם וועה, האָט ער אויך אַליין דערפון גרויס יסורים. „ויסרתי אתכם — אף אני"...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

והבאתי אותם בארץ אויביהם.. (כו. מא.)

„בארץ אויביהם" מיינט מען דאַ נישט קיין פרעמד לאַנד, אין גלות,

נאָר אויץ ישראל. נאָכדעם ווי עס וועט זיין „והתודו את עונם ואת עון אבותם", וועט נאָכנישט קומען די ריכטיגע גאולה, נאָר פריהער — „והבאתי אותם בארץ אויביהם", וועל איך זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל, וואו זיי וועלען דאָרט גופא אַ לאַנגע צייט אַרומגערינגעלט זיין מיט פיינד, און ערשט שפּעטער, נאָכ'ן „או אָז יכנע לבבם הערל ואז ירצו את עונם", ערשט דאַן — „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק וכו'", וועלען זיי דאָרט, אין ארץ־ישראל, זוכה זיין צו דער גאולה שלימה...

(לויט'ן רמב"ן)

וזכרתי להם ברית ראשונים אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים... (כו. מה.)

כ'וועל זיך דערמאָהנען, אַז אויך יענע אידען, די מצרים־אידען, זענען נישט בעסער געוועזן פון זיי... און דאָס איז דער פשט: „זכור עדתך קנית קדם גאלת שבט נחלתך" (תהלים עד. ב.). ווען איינער טהוט מיט זיין טאָכטער אַ געלד־שידוך און נאָכהער ווייזט זיך אַרויס, אז דער חתן איז גאָר אַנ'אָרימאַן, נישט קיין פערדיענער, האָט דער מחותן דאָס רעכט אין כעס צו זיין, הלמאַי מען האָט איהם אָבגענאַרט. אָבער אויב ער ווייסט פריהער, אַז יענער איז אַנ'אָרימאַן אַ קבצן, און דאָך איז ער מסכים אויפ'ן שידוך — קאָן ער נאַכהער צו איהם קיין טענות נישט האָבען, בּאַשר ער פערמאָגט גאָרנישט... „זכור עדתך קנית קדם", דערמאָהן דיך, רבונו של עולם, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דו האָסט אונז געקויפט און זיך מיט אונז משדך געווען, מיר האָבען דאַן אַבסאָלוט גאָרנישט פערמאָגט, דלים וריקים זענען מיר געווען, אָהן שום מצוות ומעשים טובים, און דאָך — „גאלת שבט נחלתך", האָסטו אונז אויסגעלייזט פון מצרים און מסכים געווען אויפ'ן שידוך, טאָ וואָס פאַר אַ טענה קענסטו צו אונז האָבען, אויב מיר געפינען זיך אויך היינט אינ'ם זעלבען, דאַמאָלסדיגען צושטאַנד?...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

איש כי יפליא נדר... (כז. ב.)

ערשט נאָך דער „תוכחה" ווערט אַ איד פרום און גוטהאַרציג, ערשט דאַן, ליידער, ווערט ער ווייכהאַרציג און הויבט אָן מנדר זיין נדרים און געבען נדבות...

(כלי יקר)

איש כי יפליא נדר בערכך נפשות...

דעריבער איז די פרשה פון ערכין געשטעלט געוואָרען נאָך דער תוכחה, ווייל אויב נאָכדעם, ווי אידען האָבען אויסצושטעהן אַזויפיעל צרות און עס ווערט אויף זיי אויסגעגאָסען די תוכחה, בלייבען זיי פונדעסטוועגען ווייטער אידען — איז טאַקי דער ערך און דער ווערט פונ׳ם איד גאָר גרויס, ממש גאָרנישט אָבצושאַצען !...

רבי אליעזר אשכנזי

זעקס בענדער — „פון אונזער אלטען אוצר"

ערשטע זאמלונג:

באנד I (בראשית, שמות, ויקרא) —.6 זל. אין פראכט־באנד 7.50

באנד II (במדבר, דברים, חמש־מגילות, ימים־טובים) 5.50 זל.
אין פראכט־באנד 7.00

צווייטע זאמלונג:

באנד III (בראשית, שמות, ויקרא) 5.00 זל. אין פראכט־באנד 6.50

באנד IV (במדבר, דברים, חמש־מגילות, ימים־טובים, פרקי אבות) 5.00 זל.
אין פראכט־באנד 6.50

דריטע זאמלונג:

באנד V (בראשית, שמות, ויקרא) 4.25 זל. אין פראכט־באנד 5.75

באנד VI (במדבר, דברים, חמש־מגילות, ימים־טובים) 4.25 זל.
אין פראכט־באנד 5.75

אלע זעקס בענדער 30 זל. אין פראכט־באנד 39 זל.

אויסלאנד אלע זעקס בענדער 110 פראנצויזישע פראנק

אין פראכט־באנד 150 פראנק.